STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09402

DER BAL SEYKHL

Stanislaw Przybyszewski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער בעל שכל

א ראָמאַן אין דריי טהיילען

פ ו ן

ס. פשיבישעווסקי

איבערזעצט פון ר. זווילינסקי

אונטער דער רעדאַקציאָן און מיט א פאָררעדע

פון

ש. יאַנאָווסקי

באַנד 1

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

אידישער פערלאג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

424 GRAND ST.
NEW YORK

1917

Copyright, 1917
Max N. Maisel, Publisher

דער בעל שכל

אַן איינלייטונגס־וואָרט

פון ש. יאַנאָווסקי

אין די מאָדערנע שעהנע ליטעראַטור איז קוים דאָ א שריפטשטעלער, וואָס זאָל איבערשטייגען דעם פוילישען־דייטשען שריפטשטעלער סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי אין לעבעדיגקייט און געשפּאַנטקייט פון שילדערן דעם מאָדערנעם מענשען מיט אלע זיינע ליידענשאַפטען, וואָס צורייסען זיין נשמה. זעלטען קאָן מען געפינען ביי פּשיבישעווסקי אַ לאַנגווייליגע זייטעל, כאָטש ער איז אַזוי טיעף־ערנסט אין דער נשמה־שילדערונג. דער לעזער ווערט ממש צוגעשמידט, זעצענדיג זיך לעזען איינגענד אַ ראָמאַן פון פּשיבישעווסקי, ווייל ער דערפיהלט גלייך זיך אַריינגעצויגען אין די סאַמע טיפעניש, דאָרט וואו עס ברויזען די שטאַרקסטע, חאָטש די געהיימסטע, ליידענשאַפטען, און וועלכע זיינען, ווי פּשיבישעווסקי וויל עס האָבען, די אמת'ע הערשער איבער דעם מענשען, ווייל זיי, און נור זיי, פאָלגט ער, ווי אַ ווילענלאָזער שקלאַף.

עס העלפט איהם דאָ ניט זיין שכל, עס העלפט איהם ניט, די מאָראַל, וואָס ער האָט געלערנט אין דער שול, די גרויסע, מעכטיגע ליידענשאַפט — זי איז די זיעגערין. ניין, נאָך מעהר, דער שכל און די מאָראַל ווערען די שקלאַפען פון דער ליידענשאַפט. זיי העלפען איהר גאָר אין איהר אלעם צושטערענדער קראַפט.

ווען די דאָזיגע טענדענץ דרינגט דורך כמעט אלעס, וואָס פּשיבישעווסקי האָט געשאַפען, איז זי אָבער בעזאָנדערס קלאָר אין דעם ראָמאַן „דער בעל שכל“. דאָ האָט פאַר זיך דער לעזער, אַלס דעם העלד פון דעם ראָמאַן, אַ מענשען, מיט אַ זעהר שאַרפען פערשטאַנד, און מיט אַ שטאַרק ענטוויקעלטען געוויסען, און דאָך — אַלעס, וואָס ער טהוט, איז פונקט פאַרקעהרט, ווי זיין שכל און געוויסען וואָלטען איהם דיקטירט, ווען ניט זיינע ליידענשאַפטען.

פאַלק האַלט אין איין רואינירען מענשליכע לעבענס, ניט דערפאַר, ווייל ער ווייס ניט, ווי שלעכט, ווי געמיין דאָס איז, נור, ווייל ער איז אָט אַזוי געשאַפען, ווייל אַלעס אין איהם טרייבט איהם דאָס צו טהאָן מיט אַ קראַפט, געגען וועלכע זיין ווילען און שכל זיינען אונמעכטיג.

און א מערקווירדיגע זאַך, חאָטש פון אויבען־אויף זעהען אויס די אַלע מעשים פון אַ פאַלק אין בעצוג צו זיין פריינד, צו זיין טהייערסטען יוגענד־פריינד, מיקיטאַ, צו איזאַ, זיין פרוי און צו אַלע אַנדערע מיט וועלכע דער שיקזאַל שטויסט איהם צוזאַמען, כמעט ווי ווילד, אונגלויבליך, און דאָך, לעזענדיג דעם בוך, נאָכפאָלגענדיג פּשיבישעווסקי'ן אין זיין מערקווירדיגען אַנאַליז פון פאַלק'ס נשמה, קאָן מען גאָר אַנדערש ניט דענקען, ווי, דאָס פאַלק האָט געמוזט אַזוי האַנדלען.

וואָרים פּשיבישעווסקי, אויף א גאַנץ זאָנדערבאַרען אופן, ענטפּלעקט פאַר אייך דאָס סאַמע אינערליכע, דאָס סאַמע פאַרבעהאַלטענע פון דער מענשליכער נשמה. די אומשטענדען, די סביבה, וואָס שפּילען אזא גרויסע ראָ־

לע אין די קונסט־ווערק פון אנדערע שריפטשטעלער, מיט די בעשעפטיגט זיך פשיבישעווסקי ווייניג וואָס. פשיבישעווסקי׳ס גרויסע פעלד פון שאַפען איז די סאמע אינערליכע וועלט פון מענשען. און אין געגענזאַץ פון פיעלע שרייבער, וועלכע פערגייסטיגען דעם קערפער און מאַכען איהם אַזוי ניט־רעאַל, ווערט ביי פשיבישעווסקי די מענשליכע נשמה אומגעוואַנדעלט אין קערפער. זיין שילדערונג פון דער נשמה, אין אַלע איהרע דורכלעבונגען איז אַזוי רעאַליסטיש, אַזוי אַנגרייפענד, אַז עס דוכט זיך אייך, דאָס איהר קענט די נשמה מיט דער האַנד אָנכאַפען.

פשיבישעווסקי איז אין זיין שאפען דארום דער אינטערנאציאָנאלסטער פון אלע שריפטשטעלער פון אונזער צייט. וואָרים די מענשליכע נשמה איז דאָך ווירקליך איבעראל און צו אלע צייטען איינע און דיזעלבע. דאָס מאכט, אז פשיבישעווסקי׳ס ווערק זיינען צוגענגליך פאר אלע, וועלכע האָבען נור אן אינטערעס פאר דאָס סאמע טיעפסטע אין מענשען.

דער אַקס, ארום וועלכען אלעס דרעהט זיך ביי דעם מענשען, לויט פשיבישעווסקי, איז די געשלעכטליכע ליידענשאפט, זי איז דאָס די באשעפערין פון אליץ, וואָס איז גרויס און ערהאבען אין לעבען, ווי אויך פון אַליץ, וואָס איז שלעכט און ניעדריג. דערפאר, חאָטש אין אירגענד א ראָמאן פון פשיבישעווסקי קאָן מען געפינען טיפע געדאנקען וועגען אליץ, וואָס אינטערעסירט דעם מאָדערנעם מענשען, וועגען וויסענשאפט, קונסט, דער ארבייטער־פראגע, דער סאָציאלער־פראגע, וועגען אלערליי רעפאָרםפלענער, א. אַז. וו., בילדעט דאָס אלעס כמעט ווי דעם הינטערגרונד פון זיין ווערק. אין סאמע צענטער איז ביי פשיבישעווסקי דער געשלעכט מיט אַלע זיינע ליידענשאפטען. דאָס איז דער קוואַל פון לעבען, און איהם ווידמעט עס פשיבישעווסקי זיין גאנצע מערקווירדיגע שאפונגס־קראפט.

געוויס איז פשיבישעווסקי אין דער הינזיכט, ווי אויך אין דעם טיפען אנאליז פון דעם נשמה־לעבען פון דעם מענשען, ניט דער איינציגער, ער האָט צו זיך פיעלע חברים אין דער מאָדערנער ליטעראטור, ווי, למשל, דעם רוסישען שריפטשטעלער אנדרעיעוו, דעם בעלגישען שריפטשטעלער ראָדענבאַך, דעם גרויסען נאָרוועגישען שריפטשטעלער סטרינדבערג א. אז. וו., אָבער דאָך, פשיבישעווסקי שטייגט זיי אלע איבער אין דער זאָנדערבארער קונסט צו מאַכען אַזוי גרייפבאר אלעס, וואָס די נשמה אין דעם מענשען מאַכט דורך. עס זעהט ווירקליך אויס, ווי אין פשיבישעווסקי׳ס הענד נויטיגט זיך גאָר ניט די נשמה אין א קערפער, אום דורכצוגעהען אלערליי איבערלעבונגען. זי ווערט אליין א קערפער.

האָבענדיג איבערגעלייענט דעם „בעל שכל“, דערמאָנט איהר זיך קוים אָן דעם, ווי עס האָבען א ו י ס ג ע ז ע ה ן די אלע פערשידענע מענשען. וועלכע זיינען פארביי געגאנגען פאר אייך. ווייל פון סאמע אָנפאנג שוין האָט איהר זיך פאראינטערעסירט ניט מיט זייער אויסערליכקייט, נור מיט זייער אינערליכען לעבען. און דערפאַר כאָטש דער פערפאַסער פיהרט אייך אריין אין א וועלט, וואָס איז, אפשר, ביז דאן געווען אייך אין גאנצען פרעמד, אין א וועלט פון אמת־מאָדערנע קינסטלער, אָבער באַלד־באַלד פיהלט איהר זיך גאנץ היימיש צווישען זיי; איהר האָט מיט דער הילף פון דעם גרויסען וואונדערבארען אויג פון פשיבישעווסקי געכאַפט א טיעפען בליק אין זייערע נשמות, אין זייערע טיפסטע איבערלעבונגען, און איהר פערשטעהט זיי.

דאָס איז עס, שמידט אזוי צו דעם לעזער צו פשיבישעווסקי'ס א ווערק אין אלגעמיין און צו דעם „בעל שכל" בעזונדערס.

דאָס בוך „דער בעל שכל" בעשטעהט פון דריי טהיילען: אין דעם ערשטען ווערט געשילדערט פאַלק'ס בעגעגעניש מיט זיין יוגענד־פריינד מיקיטא, וועלכער קומט נאָך בערלין מיט ניט קיין אנדער צוועק, בלויז אום צו זעהן זיך מיט פאלק'ן. צווישען זיי, פאלק און מיקיטא, הערשט די אינטימסטע פריינדשאַפט. מיקיטא פארגעטערט ממש פאלק'ן, און פאלק האָט אן אמת'ען ווארימען געפיהל אין זיין הארץ פאר מיקיטא, וועלכער איז אין זיין פאך, אלס מאלער, א גרויסער קינסטלער, א'זשעניע. מיקי־טא קומט מיט זיין כלה. נאַטירליך איז זיין ערשטער געדאנק, באקאַנט צו מאַכען זיין פריינד מיט דער, אין וועמען ער איז שטערבליך פערליעבט. דאן, פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, קומט פאָר עטוואָס געהיימניספולעס: צווישען פאַלק און איזאַ, מיקיטאַ'ס כלה, שפינט זיך גלייך אוים אַ פער־העלטניס, געגען וועלכע ביידע קעמפפען מיט אלע זייערע כחות, אָבער וועל־כען, זיי ווייסען שוין ביידע, זיי וועלען זיך מוזען פריהער אָדער שפע־טער אונטערווארפען.

„פאַלק איז געזעסען נעבען איזאַ. אַזאַ געפיהל האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהאט. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז דאָס לויכ־טען פון איהרע אויגען גיסט זיך איבער אונאויפהערליך אין זיינע אויגען, דאָס זיין קערפער זאפט איין איהר... איהר ווארימקייט... פון איהר איז ארויסגעגאנגען עטוואָס, וואָס האָט אין איהם צוזאמענ־געשמאָלצען אַלע אַנדערע געפיהלען, האָט פעראייניגט אין איינם — אין וואונש, אין דאָרשט..."

פאַלק ווייס, אַז מיקיטאַ'ס ליעבע צו איזאַ איז אַזוי שטאַרק, ווי דער טוידט. דאָס, ווען ער זאָל איזאַ'ן פערלירען, וועט ער געוויס זיך דאָס לעבען נעהמען. ער צווייפעלט ניט איין מינוט וועגען דעם. און ער האָט ליעב מיקיטא. א חוץ א פריינד, שעצט ער איהם אלס גרויסען קינסטלער. ער ווייס אויך, ווי גרויס עס איז די פריינדשאפט פון מי־קיטא צו איהם, און מיט אלע זיינע כחות קעמפפט ער געגען די שרעקליכע ליידענשאפט, וואָס איז איהם בעפאלען. ער פארלאָזט בערלין. ער גיט זיך די גרעסטע מיה צוריקקעהרען זיך צו זיין אלטע געליעבטע, וועלכע האָט אַלעס פאר איהם געאָפפערט. ער גלויבט אין איהר גרויסער ליעבע צו געפינען פערגעסענהייט. אָבער דאָס אלעס העלפט ניט. ביידע ווערען צו־געצויגען, ווי געטריבען פון א געהיימער קראפט, איינע צו די אנדערע. פאַלק און איזא פעראייניגען זיך. און מיקיטא בעגעהט זעלבסטמאָרד.

אין צווייטען טהייל פון דעם בוך זעהען מיר דעמזעלבען פאַלק, ריכ־טיגער געזאָגט זיין נשמה, שוין גאָר אין אן אנדער געשטאַלט. ער האָט ליעב זיין פרוי איזא און דאָך, כמעט אָהן ליידענשאַפט, ווענדעט ער אָן אלע זיינע כחות צו פערליבען אין זיך און פערפיהרען די יונגע, אונ־שולדיגע, נאַאיווע מיידעל, מאריט. דאָס איז די מערקווירדיגסטע פאזע אין פאלק'ס נשמה־לעבען. וואָס איז עס טאקי, וואָס טרייבט איהם דערצו? איז עס משוגעת? ניין, פאַלק איז ניט משוגע. ער ווייס, וואָס ער טהוט. ער איז זיך פול בעוואוסט פון דעם פאַרברעכען, וואָס ער באַגעהט. ער מוז עס זיכער וויסען, אַז פאַר דער נאַאיווער, אונשולדיגער מיידעל, וועמען ער בעאבזיכטיגט צו פערפיהרען, וועט קיין אנדער אויסוועג ניט בלייבען, ווי צו בעגעהן זעלבסטמאָרד. און דאָך, ניט ליבענדיג איהר, און די

גאנצע צייט נאָך אימער ליבענדיג זיין פרוי, טהוט ער אלעס אום צו דערגרייכען זי. און דערפאר איז דער טהייל פון בוך דער סאמע וויכטיגסטער, ווייל אין דעם ווייזט אַרויס פשיבישעווסקי זיין גאַנצע קראַפט פון אריינצובליקען אין די טיפסטע און געהיימניסטע שפעלטעלעך פון דער מענשליכער הארץ, וועלכע איז אזוי זאָנדערבאר קאָמפּליצירט.

אין דעם דריטען טהייל פון בוך זעהען מיר די לײדענשאפטען פון פאָלק און אלע אנדערע, מיט וועמען ער קומט אין בעריהרונג, אויפגעבראַכט ביז צום העכסטען גראַד. מיר זעהען איהם אין אַלע זיינע געשטאַלטען, און איבעראל געפינען מיר א גרויסע נשמה געוואָרפען פון די גרעסטע פערגניגענס אין די שוידערליכסטע שמערצען, און עס ערגרייפט אונז א טיעפער מיטלייד מיט אָט דעם בעל שכל. זיין גאַנצער לעבען איז איין גרויסער חורבן.

איז דאָס לעבען ווירקליך אזוי ווי פשיבישעווסקי שילדערט איהם? איז ווירקליך דאָ אַזאַ פאָלק, אַזוי ווי פשיבישעווסקי שילדערט איהם? וועגען דעם קענען זיין פערשיעדענע מיינונגען. אָבער, בשעת איהר לייענט פשיבישעווסקי׳ס א ווערק, ווערט איהר אויפ׳ן מאָמענט אזוי הינגעריסען, אז איהר גלויבט איהם אלעס וואָס ער שילדערט אייך. און דערפאר טאַקי קען „דער בעל שכל", ווי אויך פיליכט אנדערע, וואָס פשיבישעווסקי האָט געשאפען, בעטראַכט ווערען אלס אמת׳ע קונסט־ווערק. אין דער מאָדערנער ליטעראטור פארנעהמט פשיבישעווסקי מיט רעכט איינעם פון די סאמע ערשטע פּלעצער, און דער אידישער לעזער מעג זיך פיהלען גוט, וואָס ענדליך ווערט איינס פון זיינע ווערק, און פיליכט דאָס מערקווירדיגסטע, „דער בעל שכל" ארויסגעגעבען אין א בוך אין אידיש.

וואָס אנבעלאנגט דער אידישער איבערזעצונג פון ר. זוויהילסקי, איז זי ווירקליך אויסגעצייכענט. בלויז אין איניגע שטעלען איז די איבערזעצונג עטוואָס ניט קלאָר, אָבער דאָס איז זעהר אָפט פשיבישעווסקי׳ס אויגענע ארט שרייבען, און עס איז ניט די אויפגאבע פון דעם איבערזעצער צו פערטייטשען דעם אויטאָר.

אין אלגעמיין קריגט דאָ דער אידישער לעזער א בוך, וואָס איז ווירקליך א נייעס אין דער אידישער ליטעראטור, און פערדיענט עס פיעל מעהר, ווי בלויז אויבערפלעכליך אין אוילעניש איבערגעלייענט צו ווערען.

ערשטער טייל.

דער בעל שכל

1.

פאלק איז אויפגעשפרונגען שרעקליך אין כעס: ווער קלאפט דארט ווידער אין טיר?

ער האט ניט געוואלט, אז מען זאל איהם שטערען אין דער ארבייט. בעזאנדערס איצט, ווען ער האט ענדליך בעשלאסען צו נעהמען זיך עפעס טהאן.

נו, א דאנק גאט, אבי עס איז ניט אימיצער פון די גוטע פריינד.. דאס איז דער בריעף־טרעגער.

ער האט שוין געוואלט א ווארף טהאן דעם בריעף. ניטא זיך וואס צו איילען. אבער מיט א מאל: מיקיטא.

איהם האט אזש אין הייץ א ווארף געטהאן.

ער האט פערשלונגען דעם בריעף מיט די אויגען: „זיי מארגען נאכמיטאג אין דער היים. איך קום צוריק פון פאריז“.

אזוי פיעל האט שוין מיקיטא לאנג, לאנג ניט געשריבען, זייט ער האט מיט פיעלע יאהר צוריק אנגעשריבען זיין בעריהמטע דייטשע פערפאסונג פאר דעם לעהרער אין גימנאזיע.

פאלק האט זיך שטארק צולאכט.

א וואונדערבארע פערפאסונג! א נס, ווי אזוי מען האט איהם שוין דאן ניט ארויסגעטריבען פון גימנאזיע.

די ניי־יאהרס־איינדריקע אין דער פארמע פון א ניי־יאהר נערוס, אויסגעדריקט אין זעצע, פון וועלכע יעדער איינער האט פערנומען צוויי זייטלעך פאפיר.

און דערנאָך... ניין, דאָס איז געווען נאָר שעהן... דער אַל־טער פרענקעל, ווי ער האָט זיך עס גענוידעלט!

פאָלק האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט צוגערעדט מיקיטען צו שרייבען אַ פערפאַסונג, דער געדאַנק פון וועלכער איז געווען אַ זעהר שעהנער שפּיל־וואָרט: וואָס אַ שילער (שיללער־פּאָעט) איז ערלויבט, זאָל אַ שילער (אַ תלמיד) ניט ערלויבט זיין?

און דערנאָך אויף מאָרגען... מען האָט עס געשריבען אַ גאַנצע נאַכט. צו פריה־מאָרגען צו האָט מען זיך צוגעלייגט שלאָפען, און דעם אַלטען פרענקעל האָט מען אָוועקגעשיקט אַן ערקלערונג.

פאָלק האָט נאָך ביז איצט ניט געקאָנט פערשטעהן, ווי אַזוי דאָס איז אָבגעגאַנגען זיי אַזוי גלאַט...

אָבער איצט דאַרף מען אַרבייטען.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, נור דער חשק צו אַרבייטען איז שוין פערשוואונדען געוואָרען. ער האָט זיך געוואָלט צווינגען, האָט מיט דורשטיגקייט זיך אָנגעכאַפּט אָן פערשיעדענע געדאַנקען, האָט נעגריזשעט די הענטעל פון פעדער, האָט אָנגעשריבען עטליכע שורות, גאַנץ געוועהנליכע: ניין, ער האָט ניט געקאָנט.

ביי אַנדערע אומשטענדען וואָלט ער געוויס אַריינגעפאַלען אין איינע פון יענע פינסטערע שטימונגען, געגען וועלכע בראָנפען איז דער איינציגער מיטעל. אָבער היינט איז ער געווען פרעהליך. ער האָט זיך צולייגט אין פּאַטעל.

ער האָט פאַר זיך געזעהן די שרעקליכע סאַלקע, וואו זיי האָ־בען ביידע געוואוינט אין דעם לעצטען יאָהר, וואָס זיי האָבען גע־לערנט אין גימנאַזיע.

דריי פענסטער, וועלכע האָבען קיינמאָל זיך ניט געעפענט, וועיל עס איז געווען אַ גרויסע סכנה, אַז די שויבען זאָלען פון זיי ניט אַרויספליהען. אַלע ווענד זיינען דורך און דורך פערשימעלט. און די קעלט איז אַזעלכע, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבען.

איינמאָל האָבען זיי זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פריה און פער־וואונדערט האָבען זיי זיך אַרומגעקוקט אין צימער.

— אַן אונגעוועהנליכע פרישע לופט — האָט מיקיטאַ געזאָגט.

— יאָ.

אוןביידע האָבען זיך ניט געקאָנט אָבוואונדערען, פון וואנען קומט עס. נאכהער האָט זיך די זאַך אויפגעקלערט. דרויסען איז געווען אזא קעלט, אז פייגעל זיינען פערפראָרען געוואָרען פליהענדיג.

פאַלק האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל. זיינען דאָך דאָס געווען זיינע בעסטע עראינגערונגען!

און דיזער הויכער בחור, וועלכער פלעגט זיי אימער צושטעלען ביכער — ווי האָט מען איהם גערופען?

ער האָט לאַנג זיך ניט געקאָנט דערמאָנען זיין נאָמען. אַך, ענדליך: לאַנגין!

פאַלק האָט זיך דערמאָנט, ווי מיקיטא האָט זיך איינמאָל אריינגעבראָכען אין זיין שטענדיג־פערשלאָסענע לאָך, און האָט צוגע־גנב'עט א בוך, וועלכען יענער, לאַנגין, האָט איהם ניט געוואָלט געבען.

מיט אמאָל, איין זונטאג פריה, עס איז ווידער קאַלט אין צימער... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. אַן אונגעוועהנליכער אנבליק: מיקיטא אין איין העמד, מיט'ן שליסעל פון טיר אין דער האנד. לאַנגין שרעקליך אין כעס, אז ער ציטערט אזש.

— עפען די טיר! — זייהט לאַנגין דורך די ציין מיט א מינע פון אַן אקטיאָר.

— לייג אוועק דאָס בוך, וועל איך עפענען.

לאַנגין, אין א העלדישער פּאָזע, געהט מיט גרויסע שפּרייזען איבער'ן צימער.

— עפען די טיר! — האָט ער א געשריי געטהאָן מיט א הייזעריגער שטימע.

— לעג אוועק דאָס בוך.

— ביזט א מענש א געבילדעטער, א גוט־ערצויגענער און וועסט דאָרום ניט דערלאָזען צו אזא בעשרענקונג פון מיינע רעכטע!

אזוי האָט זיך געווענדעט לאַנגין צו פאַלק'ען. ער האָט זעהר ליעב געהאַט צו רעדען מיט אַנגעבלאָזענע פראַזען.

— עס טהוט מיר לייד. אָבער דער שליסעל איז צום אונגליק ביי מיקיטען.

לאַנגין שפּרייזט ווידער פייערליך איבער'ן צימער.

— אויב אַזוי, האַלט איך דיר ניט מעהר פאַר אַ געבילדעטען מענשען.

דאָס איז געווען די גרעסטע בעליידיגונג, וואָס לאַנגין האָט גע־קאָנט איינעם שליידערען אין פּנים.

— עפּען די טיר! איך אונטערוואַרף זיך דער געוואַלט און לאָז איבער דאָס בוך.

אָה, ווי זיי האָבען עס דאַן געלאַכט! אַ חוץ דעם, איז עס געווען זונטאַג. זיי האָבען אייגענטליך בעדאַרפט געהן אין קירכע. אָבער זיי האָבען ניט ליעב געהאַט די קירכע. זיי זיינען געבליבען טריי זייערע אַטעאיסטישע איבערצייגונגען.

יעדענפאַלס האָט עס געשמעקט מיט ניט ווייניג געפאַהר. דער פאַנאַטישער ביבעל־לעהרער האָט שפּיאָנירט אין קירכע.

פאַלק האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז איינמאָל געזעסען אין קירכע געגען זיין „געטין“, און וועלענדיג אויסזעהען אינטערעסאַנט און חן'עוודיג, איז ער אין דעם משך פון דער גאַנצער תּפילה געזע־סען אין אַ זעהר אונבעקוועמער פּאָזע, וועלכע ער האָט אַמאָל גע־זעהען אין באַיראָן'ס אַ בילד, זיצענדיג אויף שעלי'ס קבר.

איז דאָס געווען נאָכדעם אַ געשיכטע! חאַ! חאַ! חאַ!

און ווידער האָט זיך פאַלק געוואָלט נעהמען צו דער אַרבייט, ער האָט אָבער ניט געקאָנט צונויפנעהמען זיינע געדאַנקען. אין זיין מאַרך האָט אַלעס געטאַנצט און געדרעהט זיך אַרום דיזע וואונ־דערבאַרע עראינערונגען.

אונבעוואוסט האָט ער געגריזשעט די הענטעל פון פעדער, און האָט געהאַלטען אין איין ווידערהאַלען „שעהנע צייטען זיינען דאָס געווען!“

און וואָס האָט זיך עס געטהאָן, ווען זיי האָבען מיט איינמאָל ענטדעקט איבסענען! זיין „בראַנד“ האָט זיי גאַר משוגע געמאַכט.

אַלעס אַנדער גאָר ניט! דאָס איז געוואָרען זייער קריעגס־געשריי.

און זיי האָבען געזוכט און געאַקערט אין די לעבער פון די אָרי־מע לייט, און אַרומגעקליבען אַרום זיך זייערע אָרימע קינדער.

און ווידער האָט פאַלק זיך דערזעהן אין זיין סאַלקע.

עס איז פינף א זייגער אין דער פריה. עס הערט זיך א קלאפען פון הילצערנע שיך, אזוי ווי אימיצער וואלט עטוואס שווערעס און הארטעס געשלעפט איבער די טרעפ. נאכהער עפענט זיך די טיר און איינער נאך דעם אנדערען גערען אריין: א אינגעל, א מיידעל, ווידער צוויי אינגלאך, צוויי מיידלאך; דאס גאנצע צימער איז פול מיט זיי.

אלע שטעלען זיך ארום ארום אויווען, לעבען דעם גרויסען טיש.

— מיקיטא, שטעה אויף. איך בין שרעקליך מיעד.

מיקיטא זידעלט זיך.

ער קען ניט אויפשטעהן. א גאנצע נאכט האט ער געלערנט לאטיין. מיט אמאל שפרינגעןביידע ארויס פון בעט, שרעקליך אין כעס, פול מיט האס איינער צום אנדערען. מיר ציטערען פון קעלט. ער, לעבען אויווען, בלאזט און זידעלט זיך, ווייל דאס האלץ וויל ניט ברענען, און ער נעהמט זיך אנווארעמען א גרויסען טאפ מילך אויף דעם ספירט־מאשין.

זייערע פנים׳ער ווערען פאמעלאך, פאמעלאך מילדער און לויכטענדער.

די קינדער האבען זיך אווארף געטהאן אויף די ברויט און מילך, ווי קליינע וועלף. מיקיטא שטעהט פון דער זייט, שיינענדיג פון שמחה. די קינדער געהען אוועק. און זיי, ער און מיקיטא, קוקען איינער אויף׳ן אנדערען מיט אזעלכע פריינדליכע בליקען.

פאלק איז פול מיט אזא הארציגע ווארימקייט. ער האט עס שוין לאנג פערגעסען. און דאך, איין גאט וויים, וויפיעל מענשליכקייט און שעהנקייט עס איז געווען אין דעם אלעם.

נאכהער דער געוועהנליכער געפיהל פון שאנדע, דאס זיי האבען געכאפט זיך איינער דעם אנדערען אויף אזא מין ווארימקייט — ניין, זיי האבען עס אנגערופען עסטעטיקע — און געענדיגט האט זיך עס אלעם מיט א דעבאטע.

„דאס ליעד פון די ניבעלונגען“ איז ניט מעהר ווי א פוסטע צוועקלאזע פלוידעריי — מיקיטא האט אויסגעצייכענט געקאנט פאלק׳ס שוואכע זייט.

פערשטעהט זיך, אז פאלק האט דערמיט ניט געקאנט זיין

איינפערשטאַנען. ער האָט געענטפערט מיט אַן אומגעוועהנליכער היץ און האָט געשניטען דעם ברויט.

מיקיטאַ איז געוועזן היטרע. ער פלעגט אימער אַריינשלעפען פאַלק'ען אין אַ דעבאַטע, און אַליין אויפגעגעסען דערוויל די אַלע אָנגעשניטענע פעניצעס ברויט, וואָס פאַלק האָט ניט בעמערקט אין דעם ברען פון זיין אַרגומענטאַציע.

און מיט אַ מאָל: גאָט, שוין אויף צוויי מינוטען פערשפעטיגט. מען כאַפּט די ביכער און מען לויפט אין גימנאַזיע. ער פון פאָרענט, און מיקיטאַ, הינקענדיג, פון הינטען — האָט ער איצט אויסגעהיילט זיין פוס? — און ערשט איצט בעמערקט פאַלק, אַז ער איז הונגעריג, ווייל דער היטרער מיקיטאַ האָט אויפגעגעסען דעם גאַנצען ברויט.

פאַלק האָט זיך פערטראַכט.

„בראַנד" אין זיין אָנווענדונג צו דער ליעבע. אַלעס אָדער גאָר ניט. אייגענטליך האָט ער דאָך דאַן אויף דעם גרונד פון דיזער טהעאָריע צושטערט די צוקונפט פון יאַנינאַ. יאָ, אָבער וואָרום האָט זי ניט געקאָנט זיך אָברייסען פון איהם? און ווי ער האָט עס איהר דאַן גובר געווען מיט די ווערטער און קאָנזעקווענטער האַנדלונג פון בראַנד! יאָ, עס איז קיין ספק ניטאָ, דאָס ער האָט ביז צו אַ געוויסען גראַד היפּנאָטיזירט איהר. מיט וואָסזשע אַנדערש קען מען ערקלעהרען דאָס, וואָס זי איז אַנטלאָפען פון איהר היים און איז אַוועק מיט איהם?

ניט אַנגענעהם. אין דער אמת'ען האָט ער דאָך קיינמאָל איהר ניט ליעב געהאַט. ער האָט נור געוואָלט זעהן, ווי אין אַ מיידעל ענטוויקעלט זיך די ליעבע. אפילו ניט קיין שלעכטער איינפאַל פאַר אַן אַכטצעהן־יאָהריגען בחור.

מען וואָלט בעדאַרפט געהן זעהן, וואָס זי מאַכט.

ניין, בעסער ניט. ווען זי וואָלט געקאָנט איהם פערגעסען...

ער האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער'ן צימער.

עס איז דאָך שענדליך אימער פון דאָס ניי צו פערפיהרען איהר, און דאַן זיך אַוועקשטעלען אין דער פּאָזע פון אַ פילאָזאָף און האַלטען פאַר איהר אַ רעדע, אַז ליעבע דאַרף מען דערשטיקען אין

זיך, אז ליעבע איז א געפיהל פון פרימיטיווע מענשען, א מין סארט קראנקהאפטער אויסשיט אויף דעם גייסטיגען לעבען פון דעם נייעם מענשען!

יא, אין דעם האט איהם קיינער ניט געקאנט נאכמאכען.

ווען זי וואלט נור געוואלט זיין אביסעל לוסטיגער!

ער האט זיך דערמאנט, ווי זי האט איהם איינמאל געענטפערט אויף זיינע לעבערליכע ארגומענטען.

— איך וואלט נור געוואונשען, אז דו זאלסט אמאל אימיצען ליעב קריגען, ערנסט ליעב קריגען...

ווי נאאיוו זי איז! ניין, דער אלטער וואלף אין קעניגסבערג האט געוואוסט מיט וואס דאס שמעקט — אה, ער איז אריינגע־דרונגען אין סאמע עצם פון ליעבע; ליעבע איז, אהן א שום ספק, א קראנקהאפטע ערשיינונג... יא, קאנט איז געווען א קענער אין די ליעבע עסקים...

ער האט פערריכערט א פאפיראס און זיך אויסגעצויגען אויפ'ן דיוואן.

— וואס קען מיקיטא איצט מאלען?

דיזער מענש האט אן איבערנאטירליכע קראפט. מיט אזוי פיעל מיה זיך דורכגעשלאגען דורכ'ן לעבען, און אויף א טריט ניט אבגעטראטען פון דעם אנגעצייכענטען וועג! ער וואלט איצט געקאנט זיין רייך, ווען ער וואלט אזוי מאלען, ווי אנדערע.

דיזע שרעקליכע יאהרען אין אוניווערסיטעט!

— מיקיטא, האסטו ניט קיין צעהן פעניג?

ביי מיקיטא איז ניט געווען קיין גראשען. פון סאמע פריה־מארגען האט ער געהאלטען אין איין איבערוואַרפען זיינע זאכען, זוכענדיג צעהן פעניג, וועלכע האבען בעדארפט זיך ערגעץ פער־וואלגערען.

— אלזא, וועלען מיר היינט פאסטען?

— הפנים, אזוי שיינט עס.

און מיקיטא רייסט זיך ניט אב פון זיין ארבייט, און ליינט צו:

— און דאן, האסטו דאך מסתמא געהערט, אז געלד היינטיגע צייטען האט זעהר א קליינע ווערדע.

— יא, יא, איך האָב געהערט.
— נו, אלזאָ! — און מיקיטאַ מאָלט ווייטער.
מען האָט שרעקליך געהונגערט.
פאַלק האָט אויפגעציטערט ביי דיזער ערזאינערונג.
פאַלק פלעגט בלייבען אָהן כחות. וואונדערבאַר, ווי ער איז דאָן פון זינען ניט אראָב. און איינמאָל איז ער געפאַלען אויפ'ן גאַס, און מען האָט איהם שיער ניט צוטראָטען.
ענדליך, איז ביי זיי געבליבען איין פּאָר הויזען. ווען פאַלק פלעגט אוועקגעהן אין אוניווערסיטעט, פלעגט מיקיטאַ בלייבען אין דער היים מאָלענדיג אין אַ העמד.
דאָ האָט זיך פאַלק שטאַרק צולאַכט.
ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיין מוטער האָט צוגעשיקט איהר פריקאַזטשיק מיט געלד. זי האָט דאַן פערקויפט אַ וואלד.
אַלע דריי זיינען אוועק אין אַ שענק און דאָרט געזעסען פון דער פריה ביז שפּעט אין אבענד. דער פריקאַזטשיק איז צוריק געקומען אַהיים אויף אַלע פיער. מיקיטאַ האָט איהם יעדע מינוט געכאַפּט פאַר'ן פּוס, ביז דער פריקאַזטשיק האָט איהם דערלאַנגט אַ שטאַרקען זעץ מיט'ן קנאַפּעל אין סאַמע נאָז.
אָה, גאָט, ווי דער פריקאַזטשיק האָט עס מיט'ן קאָפּ אויסגעבראָכען אַ פענסטער, ווען עס האָט איהם גענומען ברעכען...
און ווידער האָט זיך פאַלק דערמאָנט אָן גאַנצע וואָכען פון הונגער און אָרעמקייט. ער האָט מיט צערטליכקייט זיך דערמאָנט אָן דער מוטער זיינער, וועלכע פלעגט אימער קומען צו הילף גראַדע דאַן, ווען די נויט איז געווען אַם העכסטען.
ער איז געוואָרען געריהרט.
יא, יא, מוטער, מוטער...
נו, מיקיטאַ האָט זיך אפּנים אין פּאַריז אויך נישטקשה'דיג אויסגעהונגערט. הע, הע, אָט דיזע זיינען עס, וואָס שניידען דורך נייע וועגען.
פאַלק האָט טרויעריג אַ שמייכעל געטהאָן.
ניין, אויף צו להכעיס אַלץ און אַלעמען. עס איז בעסער אונטערגעהן פון הונגער, איידער נאָכצולאָזען חאָטש אַ טריט!

וואס איז עס אייגענטליך געווען? וואס האט איהם אויפ־געהאַלטען, ניט קוקענדיג אויף אלע בעליידיגונגען, האס און אויך ניט געראַטענע ארבייט?

ער האט זיך ווידער צוגעלייגט.

די גרויסע, וואונדערבארע קונסט, די קונסט פון נייע וועל־טען, פון וועלטען, וואס ליגען פון יענער זייט פון די ערשיינונגען, פון יענער זייט פון בעוואוסטזיין, פון יענער זייט פון די גרייפבארע פאַרמען, פון וועלטען, אזוי אונגרייפבאר צארט, דאס אלע איבער־גענגע פערשווינדען און גיסען זיך צונויף — וועלטען, וועלכע זיינען פערבעהאלטען אין איין בליק, אין איין בעוועגונג, אין דעם איין לויף פון א סעקונדע.

ער האט שווער אויפגעזיפצט.

און די נייע סימבאלען, דאס נייע וואָרט, די נייע פארב, דער נייער טאָן...

— דאס אלעס איז שוין געווען!

— ניין, ניין, מיין ליעבער הערר, ניט אלעס! עס איז ניט געווען א שמערץ, וואס זאל פאַרשטעלען מיט זיך אלע שמערצען! עס איז ניט געווען א פערגניגען, וואס ווערט איבערגעשאפען אין א שמערץ. עס איז ניט געווען א גאַנצע רייהע פון נייע בעגריפע, אין וועלכע עס זאלען זיך צונויפגיסען אין איינס אלע געפיהלען... יא, יא, עס זיינען נאך ניט געווען יענע טויזענדע איינדריקע, וועלכע עס קענען נור שפירען איינער, צוויי און אפשר נור צעהן מענשען פון אונזער צייט... דאס אלעס איז ניט געווען, ווארים אויב יע, וואלט דאך זיי בעגריפען די מאסע, פאר וועלכע עס זיינען נויטיג יאהרהונדערטע, אום איבערצוקייען די מינדעסטע ברעקעל פון א געדאנק.

אם ענדע איז עס אפשר בעסער, וואס ניט יעדע צייטונגס־קלאטשע פערשטעהט עס. עס וואלט דאך דאן אויסגעקומען דעם קינסטלער צו שעמען זיך פאר זיך אליין.

ער האט געקוקט אויף דעם געקרייזעלטען וואלקענדיל רויך, וועלכער איז אין דינע שטראָמען ארויסגעשוואומען פון פאפיראס,

און האָט זיך אין דער הויך געדרעהט אין אַזעלכע וואונדערליכע פיגורען.

איינמאָל האָט ער געזעהען אַ טייך, פונקט אַזוי אויסגעמאָלט אויף אַ כינעזישען בילד.

פּלוצלונג האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער הערט מיקיטאַ׳ס שטימע.

יאַ, ער האָט זיך דערמאָנט: קיינמאָל שפּעטער האָט ער ניט איבערגעלעבט אַזאַ מיסטישע שטימונג, וועלכע לאָזט זיך ניט אויס־דריקען אין ווערטער. ער איז געווען דאַן קראַנק, ער האָט ניט געקאָנט עפענען די אויגען. זיין פּנים איז געווען פערשוואָלען.

מיקיטאַ האָט דאַן אויפגעפּאַסט אויף איהם. אָה, ער האָט געקאָנט ארומגעהן ארום אַ קראַנקען! טאָג און נאַכט האָט ער געוואַכט ביי זיין בעטעל. און ווען פאַלק האָט ניט געקאָנט איינ־שלאָפען, האָט מיקיטאַ געלייענט היינע׳ס „פלאָרענטינישע נעכט“.

און פאַלק האָט געהערט דעם מאָנאָטאָנען צערטליכען געזאַנג. יאַ, געזאַנג, און אפשר אַ געבעט, וועלכע ווערט אַלע מאָל אַלץ שטילער און שטילער, אַוועקטראָגענדיג זיך צום הימעל — פונקט ווי די לעצטע חוואַליע פון אַזעראָ, וועלכע עס גלעט די אָבענד־שטילקייט — אַ געבעט, וועלכער איז אַלץ לויכטענדער, קלערער און צערטליכער... ער איז איינגעשלאָפען.

.2

— מיקיטאַ, ברודער מיינער, ליעבער!

— יאַ, דאָס בין איך!

זיי האָבען זיך הערצליך ארומגענומען.

פאַלק איז געווען שטאַרק אויפגערעגט.

ער איז געלאָפען איבער׳ן צימער, האָט איבערגעוואָרפען פון איין פּלאַץ אויף אַן אַנדערן פערשיעדענע זאַכען, און האָט אַזוי געשאָטען אָהן אַן אָבשטעל:

— זאָג, זאָג, וואָס דו ווילסט! ביער? בראַנפען? אָבער וואַרט, איך האָב פראַכטפאָלען טאָקאַיער — די מאַמע האָט צו־

געשיקט — ווייסט דאָך, נאָך פון טאטענס צייטען פערבליבען — ער איז געווען א קענער אויף די זאכען.

— אָבער בערוהיג זיך, ענדליך. זעץ זיך, לאָז א קוק טהאָן אויף דיר!

פאלק איז ענדליך רוהיג געוואָרען.

זיי האָבען זיך איבערגעביטען מיט גליקליכע בליקען, און האָבען זיך אָנגעשטויסען מיט די גלעזער.

— טהייערער וויין! נור הער נור, ווי שלעכט דו זעהסט אויס. אודאי פיעל געשריבען? דער טייפעל זאָל עס נעהמען! ווייסטו, דיין לעצטעס בוך האָט מיך אויפגעטרייסעלט... ניין, דאָס איז געווען עטוואָס אונגעוועהנליכעס. איך קויף א ביכעל, הויב אָן לייענען אויפ'ן גאס, ענדיג איהם אויפ'ן גאס, און געה שיער פון זינען ניט אראָב. דו ביסט דער גרעסטער קינסטלער.

פאלק איז רויט געוואָרען.

— מיך פרעהט דאָס זעהר און זעהר, ווייל גראָדע דו האָסט דאָך געפאָדערט פון מיר אזוי פיעל. דיר געפעלט עס טאַקי?

— נאָך ווי?

מיקיטא האָט געמאכט מיט'ן האנד א ברייטען קרייז אין דער לופט.

פאלק האָט א שמייכעל געטהאָן.

— דו האָסט זיך געמאכט דיין אייגענס א נייע מינע.

— זעהסטו, ניט אלע מאָל קען מען ריידען. דיזע אלע אונגרייפבאר צאַרטע שאטירונגען קען מען אויסדריקען נור מיט א מינע.

— יא, דו ביזט גערעכט.

— אָט, צום ביישפיעל, א ברייטע ליניע, פערשטעהסטו, א גרויסען פאָך, א בעוועגונג — אזוי צו זאָגען, א הייסער, אונטערוואסערדיגער שטראָם — אָבער דאָס פערשטעהען נור וועניגע. איך בין אוועק אין פאריז צו איינעם פון די הויפט־נאַטוראַליסטען, אָדער ווי זיי הייסען דאָרט... אָט ווער עס פערדיענט!.. און איך פרעג ביי דיזען קאָפּ פון די נאַטוראַליסטען, וואָרום מאָלען זיי, למשל, קאַרטאָפעל, דאָס, וואָס איז אין דער נאַטור טויזענד מאָל שעהנער, און וואָס, סוף כל סוף, האָט דאָך ניט אזא גרויסע בע־

דייטונג. ענטפּערט ער מיר: דומהייטען! בעדייטונג!? אינ־האַלט!?

— יאַ, איך האָב פערשטאַנען.

— די נאַטור אַליין איז אי דער אינהאַלט, אי די בעדייטונג.

— אָבער דאָך ניט קיין קאַרטאָפעל?

דאַ האָט זיך דער קאַרטאָפעל־קינסטלער אָנגעהויבען קאָכען.— גערא̇דע קאַרטאָפעל איז נאַטור. אַלעס אַנדערע איז נאַרישקייטען! פאַנטאַזיע! פאַנטאַזיע! פערשטעהט איהר, דאָס איז לעכער־ליך, פאַנטאַזיע איז נור אַ הילפס־מיטעל, וועלכער ווערט געברויכט אין פאַל, ווען עס איז זעהר נויטיג...

ביידע פריינד האָבען שטאַרק און אמת'דיג געלאַכט.

מיקיטאַ האָט זיך פערטראַכט.

— אָבער איצט וועלען זיי זעהן. דער קאָפּ ווערט ביי מיר צופּלאַצט פון אַלע מיינע פּלענער. ווען איך האָב טויזענד הענד, וואָלט איך אָנגענומען טויזענד ליניען, און יעמאָלט וואָלסטו מיך פערשטאַנען, ווייל, פערשטעהסטו, דער מענש פערגעסט אמאָל דאָס ריידען. איך בין געוועזען ביי אַ סקולפּ־טאָר — אַט דו וועסט זעהן ביי מיר איינינע זאַכען פון איהם... איך בין געקראָכען אויף די קניע פאַר דיזען מענשען. איך זאָג איהם: דאָס איז געוואַלדיג. — וואָס? — איך האָב איהם ער־קלערט, פאַר וואָס איך מיין אַזוי. — אָה, איהר מיינט דאָס?! און ער האָט געמאַכט אין דער לופט אַ מעכטיגען קרייז. אַט דיזער האָט פערשטאַנען... אָבער, מיין גאָט, איך רייד, איך רייד, אַזש די ליפּען טהוען מיר וועה — וואָס מאַכסטו?! ניט גלענצענד, הא?!

— ניט בעזאָנדערס. אין דער לעצטער צייט איז אויסגעקו מען פּיעלעס דורכצומאַכען. דיזע טויזענדע דינסטע געפיהלען, וועלכע לאָזען זיך נאָך ניט אויסדריקען אין ווערטער, דיזע טויזענדע שטימונגען, וועלכע, ווי בליצען, ווערען געבאָרען אין דער נשמה און וועלכע פּונקט אַזוי שנעל פערשווינדען...

מיקיטאַ האָט איהם איבערגעשלאָגען.

— יאַ. אַט דאָס איז עס. אַט זעהסט. יענער סקולפּטאָר,

ווייסטו וואס ער האט געזאגט? ער האט עס אויסגעצייכענט אויס־געדריקט: זעהסט, אט זיינען פינף פינגער, זיי קען מען זעהן, אָנ־טאפּען — נאכהער האט ער צענומען די פינגער — אבער אט דאס, וואס איז צווישען די פינגער, דאס קען מען ניט זעהן און ניט אנטאפּען, און דאס איז דאך געראדע דאס סאמע וויכטיגסטע.

— יא, אהן צווייפעל, דאס איז דאס וויכטיגסטע, אבער לאמיר לאזען צורוה די קונסט. ביסט אודאי שרעקליך מיעד?

— איך קען עס ניט זאגען. אבער מינוטען־וויז שיינט מיר אלעם אזוי לאנגוויילינג, ניט צו האבען בכח צו שאפּען דירעקט פון דעם אוצר פון לעבען, נור לעבען שטענדיג לויט די אומשטענ־דען — און צו וואס אייגענטליך? מיך טוידטעט שוין דער גע־דאנק, דאס איך בין קוים אימשטאנד צו פיהלען דירעקט שמערץ און פערגינגען, ווייל אין מיר ווערט אלעס צו ליטעראטור, עטוואס קינסטליכעס.

— דו דארפסט זיך פערליעבען.

— מיקיטא! און דו גיסט מיר דיזע עצה?

— יא, יא, ליעבע! ליעבע — דאס איז עטוואס אזעלכעס, וואס איז ניט קיין ליטעראטור. ליעבע איז ניט אזא זאך, וואס מאכט דיך פיהלען אינדירעקט. עס קומט אן אויגענבליק פון גליק, און דער מענש איז פערטיג א שפּרונג צו טהאן אין הימעל, ניט טראכטענדיג וועגען דעם, האס ער קען זיך דערבייי די פיס צו־ברעכען; עס קומט א מינוט פון ליידען, און ער ליידט אזוי שרעק־ליך און אזוי דירעקט — איבעריגעס, בעשרייבען עס, בעשטימען עס, איז אונמעגליך.

פאלק האט א שמייכעל געטהאן.

— איך דארף דיר זאגען, דאס איך בין א חתן.

— דו? א חתן!

— יא, און איך בין גליקליך אהן א גרענעץ.

פאלק האט ניט געקענט פערבעהאלטען זיין פערוואונדערונג.

— נו, אויף דיין כלה׳ס געזונדהייט.

זיי האבען געענדיגט די פלאש.

— העי, מיקיטאַ, מיר פערברענגען דאָך דעם גאַנצען טאָג צוזאַמען?

— נאַטירליך.

— ווייסט, איך האָב אויסגעפונען אַן אונגעוועהנליכען רעס־טאָראַן...

— ניין, ברודער, מיר וועלען געהן צו מיין הערשערין.

— איז זי דאָ?

— יאַ. די חתונה איז אין פיער וואָכען ארום. אַזוי שנעל ווי איך וועל צונויפקלייבען אויף דער מינכענער אויסשטעלונג גע־נוג געלד, אום אופצושפּילען אַ חתונה, ווי עס פּאַסט. דאָס וועט זיין אַ שמחה, וואָס קיין קינסטלער־סטודיאָ האָט נאָך ניט געזעהען.

פאַלק האָט געפּרובירט ענטפערען:

— איך האָב זיך אַזוי געפרעהט, דאָס הייגט, געראָדע היינט, וועלען מיר זיין אַליין. האָסטו שוין פערגעסען אָן די געטליכע שטונדען, ווען מיר האָבען דעבאַטירט...

אָבער מיקיטאַ איז געבליבען ביי דאָס זייניגע. א י ז א איז אַזוי נייגעריג. ער האָט איהר געשוואָרען צו ברענגען אַ לעבעדי־גען מיט די ביינער דיזע אונגעוועהנליכע חיה, וועלכע רופט זיך פאַלק. ניין, דאָס קען ניט געענדערט ווערען. מען מוז געהן צו איהר.

פאַלק האָט איינגעווילינט.

מיקיטאַ, מאַכענדיג מיט די הענד, האָט גאָר ניט געקאָנט גענוג אַנדערצעהלען זיך פון זיין גליק.

— יאַ, יאַ, וואונדערבאַר, ווי אַזאַ געפיהל שאַפט איבער דעם מענשען אויף דאָס ניי. אַלעס קעהרט זיך איבער פון אויבען אראָב. עס דוכט זיך, ווי עס עפענען זיך נאָך קיינמאָל ניט גע־זעהענע טיפענישען. צעהנדליגע וועלטען טראָגען זיך פערביי פאַר די אויגען. און דאַן דיזע אַלע אונבעקאַנטע פרעמדע געפיהלען, וועלכע זיינען אַזוי שנעל און אונגרייפבאַר, אַז זיי האַלטען זיך ניט מעהר ווי אַ טויזענדטעל פון אַ סעקונדע אין מאַרך. און דאָך געפינט זיך דער מענשעל אַ גאַנצען טאָג אונטער זייער איינ־פלוס. און ווי וואונדערבאַר זעהט אויס די נאַטור! הער, פון

אנפאנג, ווען זי האט זיך נאך ניט אונטערגעגעבען, בין איך גע־לענען ווי א הונד ביי איהר פאר'ן טיר. אין קעלט, אין א שרעק־ליכען פראסט בין איך אבגעלעגען א גאנצע נאכט פאר דער טיר פון איהר צימער, און איך האב איהר ענדליך געקראגען! אבער ווי האב איך געליטען! האסטו אמאל געזעהען דעם געשריי פון הימעל: ניין! נו, טו וויים, איך האב געזעהען, ווי דער הימעל האט געשריען. עס האט אויסגעזעהען ווי ער עפענט זיך מיט טויזענדע מיילער, און ווארפט ארוים אין רוים צושמאלצענע בלו־מען. דער גאנצער הימעל איז אן אונדליכע רייהען פון גארטלען, פון א טונקעל־רויטען ביז א שווארצען. פארבאקענע בלוט... ניין, א לוזשע, אין וועלכע עס שפיגעלט זיך אב דער פורפור פון דעם זון־אונטערגאנג. און דאן בלאטיגעס גאלד! העסליך! אבער גרויסארטיג! מיין גאט, ווי גרויסארטיג. דאן דער טומעל פון גליק. איך בין געוואקסען, געוואקסען אין דער הויך, הויך זיך אויפגעהויבען אין הימעל, אזוי דאס איך האט געקאנט פעררויכערען א פאפירהאס אן דער זון.

פאלק האט א שמייכעל געטהאן... מיקיטא, וועלכער האט איהם קוים דערגרייכט ביז די אקסלען! א וואונדערבארער מענש!

ניט אמת, א שעהנער, מטיקאווער בילד! איך דערגרייך די זון! ווייסט, ווען איך בין געווען אין פאריז, פלעגען זיך די פראנצויזען ארומקוקען אויף מיר. ווייל ביי מיר איז געווען א פריינד, נעגען ווען איך האב אויסגעזעהען ווי א ריעז.

זיי האבען ביידע געלאכט.

מיקיטא האט איהם שטארק געדריקט די האנד.

— הער, עריק, אייגענטליך ווייס איך ניט, ווען איך האב ליעב מעהר... זעהסטו, די ליעבע צו א פרוי איז עטוואס גאנץ אנדערעס, זי שטעלט געוויסע, בעשטימטע פאדערונגען, ניט אמת? די ליעבע האט עפעס א צוועק אין זיך זעלבסט. די פריינדשאפט אבער, מיין טהייערער, דאס איז עטוואס, וואס מען קען ניט אנ־כאפען. דאס איז עטוואס „צווישען די פינגער“... און דאן, אויב מען לעבט מיט א פרוי אהן אונטערברעכונג אין דעם משך פון דריי מאנאטען...

פאלק האט איהם אונטערבראכען.

— דו קענסט זיך ניט פארשטעלען, ווי איך האב געבענקט נאך דיר, דא, צווישען דיזע שרייבארעס, איז ניטא קיין איינציגער... פערשטעהסט, דערפאר וועלען מיר זיך איצט בענוצען מיט דער צייט.

— יא, מיר וועלען זיין אימער צוזאמען.

זיי האבען זיך אבגעשטעלט ביי'ן הויז.

— זעה, עריק, זי וויל דיך שרעקליך זעהן. זעה, זיי אינטערעסאנט; אויב ניט, וועסטו מיך מאכען לעבערליך. איך האב איהר אזוי פיעל אנדערצעהלט וועגען דיר. דו קענסט עס, דו טייפעל, דו!

זיי זיינען אריין.

פאלק'ען האט זיך אויסגעדוכט, אז ארום איהם שפרייט זיך פונאנדער א ברייטע, גלאטע, שפיגעלדיגע אויבערפלעכע. דאן האט ער געפיהלט, אזוי ווי ער דארף זיך אן עפעס דערמאנען, אן דאס, וואס ער האט שוין איינמאל געזעהען און געהערט אין לעבען.

— עריק פאלק — האט מיקיטא פארגעשטעלט.

זי האט אויף איהם א בליק געטהאן, האט זיך צוערשט דערשראקען, און דאן האט זי פריינדליך איהם אויסגעשטרעקט די האנד.

— אלזא, זיינט איהר עס!

פאלק איז געווארען לעבעדיג.

— יא, דאס בין איך, ווי איהר זעהט, גאר ניט אונגעוועהנליכעס. לויט מיקיטא'ס בעשרייבונג האט איהר ערווארטעט צו זעהען אן אויסערגעוועהנליכע חיה?

זי האט א שמייכעל געטהאן.

פאלק האט בעמערקט עטוואס עהנליך צו א געהיימניספאלען רויך, דורך וועלכען עס האט א גלאנץ געטהאן דער שמייכעל.

— איך בין אייך מקנא געווען. מיקיטא האט אייביג גערעדט נור פון אייך. צוליעב אייך איז ער עס אייגענטליך געקומען אין בערלין.

וואונדערבאר! דער זילבער־רויך אין די אויגען, פונקט ווי אן אויפלייכטונג פון א העלען ליכט, וואס ברעכט זיך דורך א וועג

דורך א שווערען פארחאנג פון וואלקען. וואס איז עס?
מען האט זיך געזעצט.

פאלק האט א קוק געטהאן אויף איהר. זי אויף איהם.ביידע האבען א שמייכעל געטהאן, ארומגעכאפט פון א זאנדערבארער צוטומעלטקייט.

— מיקיטא דערצעהלט, דאס איהר טרינקט אימער קאניאק. איך האב געקויפט א פלאש, האט ער שוין א האלבע אויסגעטרונקען... אנגיסען אייך?

— אום גאטעס ווילען, גענוג.

— ענטשולדיגט, איך האב ניט געוואוסט... איהר זייט דאך פון רוסלאנד און דארט, דאכט זיך, איז א מנהג צו טרינקען בראנפען מיט קווארט־גלעזער.

— זי, פערשטעהסטו — האט מיקיטא ערקלערט, — מיינט, דאס אין רוסלאנד געהען אריין די בערען אין די הייזער, און לעקען אויס פון די טעפלאך אלעס, וואס בלייבט איבער.

אלע האבען זיך צולאכט. דער געשפרעך איז אריבערגעשפרונגען פון איינס אויף דאס אנ׳ערע. מיקיטא איז א רגע ניט שטיל געווען, מאכענדיג מיט די הענד.

— זעהסטו, עריק, מיר זיינען ביידע פערליעבט ביז צום וואהנזין.

פאלק האט בעמערקט ביי איזען א צוטומעלטען שמייכעל, אזוי ווי איבער איהר געזיכט וואלט זיך א גליטש געטהאן א געפיהל פון שאנדע.

— מען דארף ניט דערעסען פאלק׳ען מיט ערצעהלונגען ווע־גען אזעלכע לאנגווייליגע זאכען.

א לייכטער שאטען פון אונצופרידענהייט האט זיך געוויזען אויף מיקיטא׳ס פנים. זי האט שטילערהייט א גלעט געטהאן זיין האנד. מיקיטא׳ס פנים האט ווידער אויפגעלויכטען.

— זי קען איהם בעהערשען — האט פאלק א טראכט געטהאן.

דאס צימער האט זיך געׄטובל׳ט אין א מאדנעם טונקעלדויטען ליכט. עס איז ענטשטאנען דער איינדרוק, אזוי ווי דער ליכט פון לאמפ דרינגט דורך דעם פיעלפארביגען גלאז.

אבער איז עס געווען דער שפּיעל פון ליכט?

ניין, דאָס האָט זיך בעהאַלטען אין די ווינקלען פון איהר מויל — ניין! די דינע ליניען ארום די אויגען... אַלעס איז פערשוואונדען און האָט זיך בעהאַלטען אין די איידעלע שטריכען פון איהר פּנים... ניין, דאָס האָט זיך ניט געלאָזט פערשטעהן.

— דו שווייגסט, עריק, אפשר דאַרפסטו עפּעס?

— נאָט, ווי שעהן איהר זיינט!

פאַלק האָט ארויסגערעדט דיזע ווערטער איבערלייגט, אבער מיט אזא מינע פון וואהרהאפטיגקייט, דאָס אפילו מיקיטא האָט זיך געלאָזט אָבנאַרען.

— זעהסטו, איזא, וואָס פאַר אַן אָפענהערציגער מענש, ניט אמת?

א מאָדנער מענש! דיזער פּנים... זי האָט די גאַנצע צייט געהאַט א בעדירפנים צו קוקען אויף איהם.

— וואָס האָסטו אייגענטליך געטהאָן דעם גאַנצען ווינטער?

פאַלק האָט זיך בעהערשט.

— אָט געהולטאַיעוועט מיט אילטיס.

— ווער איז דאָס?

— דאָס איז דער צונעמעניש פון א גרויסען מאַן — האָט מיקיטא ערקלערט.

איזא האָט זיך צולאַכט. א מאָדנער צונעמעניש.

— זעהט איהר, אילטיס איז פאַר מיר, פּערזענליך, זעהר א סימפּאַטישער, גוטער מענש, וועלכער דרעהט זיך ארום דער יוגענד צייטענווייז, ווען מען הויבט אָן גאָר שטאַרק שכור'ען, געהט ער אוועק שטילערהייט.

— מיט וואָס בעשעפטיגט ער זיך?

— ער איז א סקולפּטאָר. אבער דאָס איז ניט וויכטיג. אונז אינטערעסירט ער נור, אַלס מענש, און אַלס מענש, האָט ער אַן איינרעדעניש, דאָס מיט היפּנאָטיזם קען ער צווינגען יעדען זיך צו דערשיסען. היפּנאָטיזם — דאָס איז זיין רייט־פערדעל. איינמאָל האָט ער גע'שיכור'ט א גאַנצע נאַכט. דאָס געעהרטע פּובליקום, וועלכעס האַלט אונז פאַר די כהנים פון קונסט...

— כהנים פון קונסט! אויסגעצייכנעט! אויסגעצייכענט! דער טעמפּעל פון די מוזען, חא, חא! — האָט מיקיטאַ זיך געקייקעלט פון געלעכטער.

— נו, אַלזאָ, דאָס געעהרטע פּובליקום האָט גאָר קיין אהנונג ניט, ווי אָפט דאָס פּאַסירט מיט די כהנים פון קונסט. איז אָט נאָך אזא שלאַפלאָזע נאַכט האָט זיך די כהנים פערוואַלט אָן אָטהעם טהאָן מיט אַ ביסעל פרישע לופט. די קליינע כהנים האָבען זיך פערלאָרען אויפ׳ן וועג. נור דער כהן גדול...

— אילטים אַ כהן גדול — מיקיטאַ האָט זיך געטרייסעלט פון געלעכטער.

— דיזער כהן גדול איז אַלזאָ געגאַנגען מיט מיר. מיט אַמאָל אילטים שטעלט זיך אָב. ביים וואַנד שטעהט עפּעס אַ מענש און קוקט אין הימעל.

— מענש! — שרייט אוים אילטים מיט אַ ציטער אין שטימע, וואָס לאָזט זיך ניט בעשרייבען.

נאָר יענער טהוט זיך אפילו ניט אַ ריהר.

ביי אילטיסען שיטען זיך אזש פונקען פון די אויגען.

— זעה נור, דיזער מענש איז היפּנאָטיזירט, מורמעלט ער צו מיר גאַנץ געהיימניספול.

— מענש! — שרייט ער שוין איצט מיט אַ שטימע פון אַ הייזעריגער טרובע — אָט זיינען זעקס מארק, קויפט אַ רעוואָלווער און דערשיסט זיך.

דער מענש שטרעקט אוים די האַנד.

— אַן אמת׳ער היפּנאָז — מורמעלט אילטים, און לייגט אריין אין דעם אונבעקאַנטענס האַנד זעקס מאַרק.

יענער ווערט שיער ניט משוגע פון שמחה.

— איצט דאַרף איך זיך מעהר ניט שיסען! עס לעבע דאָס לעבען!

— נידערטרעכטיגער פייגלינג! — שרייט איהם אוים אילטים.

מיקיטאַ און איזאַ האָבען הערצליך געלאַכט.

פאלק האָט זיך צוגעהערט. אין דיזען געלעכטער איז געווען עפּעס אַ קלאַנג, וואָס איז עס?... אָן וואָס האָט עס איהם דערמאָנט?

— ווייסט איהר? ווען איך וואָלט געווען מיניסטער פון בילדונג, וואָלט איך אָט דיזען פיינלינג געגעבען אַ גוט בעצאָהלטע שטעלע פון אַ פּראָפעסאָר פון פסיכאָלאָגיע.

— איהר, רוסען, איהר קענט אַלע מאַכען אַזעלכע געלונגענע וויצען!

זי האָט אויף איהם געקוקט מיט איהרע גרויסע אמת׳דיגע אויגען.

— ענטשולדיגט, איך בין ניט קיין רוסישער, איך בין נאָר געבאָרען געוואָרען אויפ׳ן רוסישען גרענעץ, נאָר אַ דאַנק דעם צוזאַמענלעבען מיט די סלאַווען און אַ דאַנק דער קאַטוילישער ער־ציהונג, זיינען דאָ אין מיין כאַראַקטער שטריכען, וועלכע די דייט־שען האָבען ניט. און דאַן קריגט מען דאָרט אַזעלכע אינטערע־סאַנטע איינדריקע.

פאַלק האָט אָנגעהויבען רעדען פון זיין געבורטס־פּלאַץ מיט צאַרטקייט און וואַרימקייט, וועלכע האָבען דערטרונקען זיין אָב־לאַכענדען טאָן.

— אַ וואונדערבאַרעס פאָלק. אויף הונדערט זיינען נאָר דאָ צוויי, וואָס קענען לעזען און שרייבען, ווייל זיי זיינען פּאָ־ליאַקען, און זיי דאַרפען לערנען אין אַ שולע אויף אַ פרעמדער שפּראַך. די דייטשען ווילען פון די פּוילישע קינדער מאַכען גוטע דייטשע בירגער , און דארום ברענגען זיי אַלעס אַלס קרבן צו דער דייטשער שפּראַך. מען קלאַפּט אריין אין די פּוילישע קינדער די וואונדערבארע דייטשע שפּראַך מיט אַן אמת־דייטשער ענערגיע, און די רעזולטאַטען זיינען גלענצענדע.

עס איז געווען עטוואָס אין זיין שטימע, וואָס האָט צוגע־צויגען צו איהם. ער האָט געקענט רעדען וועגען די געוועהנליכ־סטע זאַכען, אָבער אַזוי שעהן! מיקיטאַ האָט געהערט זעהר הויך.

— געדענקסטו, פאַלק, ווען מיר זיינען נאָך געווען אין גימ־נאַזיע... איינער פון די לעהרער איז געווען מערקווירדיג ענגליך אויף אילטיסען.

פאַלק האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם. ווען מיקיטאַ האָט גערעדט, האָט ער געהאַלטען אין איין קוקען אויף איזאַ׳ן, און

יעדעס מאָל האָבען זיך זייערע אויגען בעגעגענט, און זיי האָבען ביידע געשמייכעלט.

ביי איהם איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזא געפיהל. איהם האָט זיך אויסגערוכט, אז עטוואָס שפּאַנט זיך אָן ביי איהם, קלייבט זיך צונויף; ער האָט געפיהלט א ווארימקייט און קראַפט, וועלכע האָבען זיך אויפגעהויבען צו זיין מארך.

ער האָט ווירקליך דערשפּירט א וואונש צו זיין אינטערעסאנט און וויציג. עס האָט זיך געיאָוועט ביי איהם א וואונש צו ציהען אויף זיך איהר אויפמערקזאמקייט, פעראינטערעסרען איהר.

ווער איז געווען דיזע פרוי?

ער האָט ווידער א בליק געטהאָן אויף איהר. זי האָט זיך ניט צוגעריהרט צו מיקיטא. ארום די אויגען דערזעלבער שיין, פערצוגען מיט א מערקווירדיגען וואָלקענדעל.

ער האָט די גאַנצע צייט געהאַט א וואונש אראָבצונעהמען עטוואָס פון איהר פּנים און איהרע ליפּען.

מיקיטא האָט אונטערבראָכען זיין ערצעהלונג אין מיטען.

ער האָט א בליק געטהאָן אויף איזא'ן און דערזעהען ווי זי קוקט אויף פאַלק'ען.

נייגיריגקייט? יא?... און אפשר ניט...

פאלק האָט בעמערקט מיקיטא'ס אונרוהיגקייט און ער האָט זיך פּלוצלונג הויך צולאכט.

— יא, דאָס איז געווען מערקווירדיג. דיזער אַלטער פרענקעל — אָן אמת'ע קאָפּיע פון אילטיס. דו געדענקסט נאָך, מיקיטא, יענעם זונטאג. מיר זיינען געשלאָפען. איך האָב געחלום'ט פון גריזער, דער בעמיקער, וועלכער האָט מיר דאָן אויסגעזעהען א ריעז. ער האָט אונז ביידען אָבגענארט. מיט אמאָל איך כאַפּ זיך אויף, אימיצער קלאַפּט אין טיר: עפענט! איך, פון שלאָף, טראַכט נאָך אַלץ פון גריזערן, אָבער די שטימע איז ניט גריזער'ס.

— ווער איז דאָרט?

איך הער ניט, און טראַכט אַלץ וועגען גריזער.

— אָבער איהר זיינט דאָך ניט גריזער?

— איך בין פרענקעל. עפענט.

— גאט, איהר שפּאסט ניט. איהר זיינט דאָך ניט גריזער. איך הער, אז די שטימע איז ניט גריזער'ס, דאָך עפּען איך; אָבער איך בין נאָך ניט ערוואַכט, און קען איהם ניט דערקענען.

— זיינט איהר ניט גריזער!

און מיט אַמאָל קום איך צו זיך, און טרעט צוריק אין שרעק. עס איז ווירקליך פרענקעל. אָ, גאָט, און אויפ'ן טיש ליעגט שטרוים'עס אפּיקורסישער בוך: „דאַס לעבען פון קריסטוס".

דיזע אַלע ערשיינונגען האָבען מיקיטען גוט פּאַנאַנדערגע־ווארימט.

פאַלק האט געפיהלט, אז ער האט איצט אייגענטליך געדארפט אוועקגעהן, אָבער עס איז געוועזען פאר איהם אונמעגליך, פיזיש אונמעגליך אָבצורייסען זיך פון איזא'ן.

— הער, מיקיטא, אפשר וועלען מיר געהן אין רעסטאָראַן „דער גרינער נאכטיגאַל"? דאָס וועט פעראינטערעסירען מאדאם איזא.

מיקיטא האט זיך געקוויינקעלט, אָבער איזא האט גלייך איינ־געוויליגט.

— יא, יא, איך וויל זעהר זעהן דיזען בעריהמטען רעסטאָראַן.

מען האט זיך אָנגעטהאָן. פאַלק איז ארוים דער ערשטער. איזא האט בעדארפט פערלעשען דעם לאָמפּ. זי און מיקיטא זיי־נען געבליבען אויף א מינוט.

— נו, איז ער דען ניט גרויסארטיג?

— ער איז, נאָר איך וואָלט איהם ניט געקענט ליעב האָבען.

און זי האט איהם ליידענשאַפטליך א קוש געטהאָן.

אונטען האָבען אַלע דריי זיך געזעצט אויף א ברידזשקע.

עס איז געוועזען א ליכטיגע מערץ־נאַכט.

זיי זיינען פארביינגעפאָהרען דעם טיר־גארטען, ניט אויסריי־דענדיג קיין וואָרט.

אין דער ברידזשקע איז געוועזען זעהר ענג. פאַלק איז געזעסען נעגענאיבער איזא'ן.

אזא געפיהל האט ער נאָך קיינמאָל ניט געשפּירט. איהם

האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס ליכטען פון איהרע אויגען גיסט זיך אונאונטערבראכען אריין אין זיינע; האט זיין קערפער זאפט אריין איהרען, איהר ווארימקייט... פון איהר איז ארויסגעגאנגען עפּעס, וואס האט צונויפגעגאסען אין איהם אלע אנדערע געפיהלען, האט פעראייניגט אין איינס, אין א וואונש, אין א דורשטיגקייט...

זיין אטהעם איז געווארען קורץ און הייס.

וואס איז עס געוועזן? אפשר האט ער געטרונקען צו פיעל?

— אבער ניין!

מיט אמאל האבען זיך בעגעגענט זייערע הענד.

פלאק האט פערגעסען אן מיקיטא'ס אנוועזענהייט. פאר אן אויגענבליק האט ער פערלארען די הערשאפט איבער זיך.

ער האט צוגעטראגען צו די ליפען איהר האנד, און האט גענומען זי בעשיטען מיט ליידענשאפטליכע קושען...

זי האט איבערגעלאזען איהר האנד אין זיינע.

3.

איזא'ס ערשיינען אין „נרינעם נאכטיגאל" האט געמאכט א שטארקען איינדרוק.

פאלק האט בעמערקט, ווי דער אלטער אילטיס האט פערזשמערט איין אויג און זיין פנים האט זיך אויסגעקרימט אין אן אונאנגענעהמען שמייכעל.

זיין תאוה'דיגע פאנטאזיע האט, ווי עס ווייזט אויס, שוין גענומען ארבייטען. אין דעם הינזיכט האט ער צו זיך קיין גלייכען ניט געהאט.

און באלד איז טאקע אילטיס צוגעלאפען צו מיקיטא'ן. ווי הייסט, זיי זיינען דאך שטענדיג געווען אזעלכע גוטע פריינד!

פאלק האט זיך געגריסט מיט איהם פון דער ווייטען, לייכט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפּ, און אוועקגעזעצט זיך אן א זייט צוזאמען מיט איזא'ן.

און ווידער האט ער געזעהן ארום איהרע אויגען א הייסע, פערוואלקענטע אויפלייכטונג.

איהם האָט זיך געדוכט אַז ער פערלירט זיין שכל. ער האָט זיך קוים געקאָנט קאָנטראָלירען.

מערקווירדיג, ער האָט געמוזט זיך אַבהוסטען, ווייל זיין שטימע איז מיט אַמאָל געוואָרען עפּעס הייזעריג.

— איך וועל אייך אַ ביסעל בעקענען מיט דעם פּובליקום.

און ווידער אַבגעהוסט זיך.

— אָט, יענער הערר, אַ דיקער, מיט דינע פּיסלעך — אַ שאָד, וואָס איהר קאָנט זיי ניט זעהן נאָהענט, זיי פערדינען ווירקליך, אַז מען זאָל זיי אָנקוקען — יאָ, אָט סאַמע דער, וואָס קוקט זיך איין אַצינד אין אייך מיט אַ געהיימניספּאָלען דורכדרינגענדען בליק, אַקוראַט ווי ער וואָלט דערפּיהלט אין אייך אַ פערבאָרגענע סאָציאַלע רעטעניש — ער איז אַן אַנאַרכיסט. חוץ דעם שרייבט ער נאָך פּאָעזיע, גרויסאַרטיגע פּאָעזיע, מיט אַן אמת היציגע פּאַנטאַזיע פון אַ דייטש!

פּאָלק האָט הייזעריג זיך פונאַנדערגעלאַכט.

יאָ, ער איז אַן אַנאַרכיסט, און אַן אינדיווידואַליסט. איבעריגנס, די אַלע אַנדערע, אַלע וואָס זיצען דאָ אַרום, זיינען אויך אינדיווידואַליסטען, און זיי אַלע פיהרען אַ לעבען פון דעמזעלבען געשמאַקלאָזען, גראָבען, דייטשען ענגאַאיזמוס...

עטוואָס האָט אַ קלינג געטהאָן אויפ׳ן פּלאָר.

אַלע האָבען זיך אומגעקוקט.

פּאָלק האָט אַ לאַך געטהאָן.

— און דיזער, זעהט איהר, איז אויך זעהר אַן אינטערעסאַנטער יונגער מענש. ער איז אַ פילאָזאָף. ער גלויבט, אַז עס עקזיסטירט אויף דער וועלט אַן אַלמעכטיגער ווילען. און די מענשען זיינען, נאָך זיין טהעאָריע, ניט מעהר, ווי שטראַהלען פון דיזען ווילען... זיין גאַנצע ענערגיע, זאָגט ער, שפּאַרט זיך צונויף אין זיינע שפּיץ־פינגער, און כדי ניט צו דערלאָזען צו אַזאַ מין צונויפשפּאַרונג, צוואַרפּט ער דיזע ענערגיע, וואַרפענדיג גלעזער אויפ׳ן פּלאָר.

דער יונגער געגרייזעלטער הערר האָט זיך אומגעקוקט אַרום זיך מיט אַ טריאומפירענדען בליק. זיין אויפפיהרונג האָט אָבער פונקט

ניט געמאכט קיין בעזאָנדערען איינדרוק, און ער האָט דעריבער געפאָדערט נאָך א גלאָז.

אילטיס האָט געפּרופט בערוהיגען איהם.

— אָבער דאָך, מיין קינד...

און אָט יענער — דאָרטען, לינקס... איז דען זיין געזיכט ניט עהנליך צו א צופוילטען עפּעל?

מיקיטא איז צו זיי צוגעגאנגען.

— מ'דאַרף זיך זעצען דאָרטען, ביים טיש, ווען ניט — ווען ניט, וועלען זיי מיינען, אז מיר דערווייטערען זיך פון זיי.

אצינד האָט מען איזא'ן פאַרגעשטעלט פאַר אַלע.

פאלק האָט זיך געזעצט נעבען איזא'ן. רעכטס פון איהם איז געזעסען איינער, וועלכער פאלקס חברים האָבען א נאָמען געגעבען זויגער.

דער זויגער איז געווען זעהר העפליך.

פאלק האָט מיט א מאָל דערפיהלט צו איהם א פיינדשאפט.

ער האָט געוואוסט, אז אָט דער מענש האַסט איהם.

— האָט איהר שוין געלעזען דעם נייעם זאמעל־בוך מיט ליעדער?

זויגער האָט אָנגערופען איינעם פון די לעצטע נעמען, וואָס זיינען געווען „אין דער מאָדע".

— יא, איך האָב דאָס דורכגעקוקט.

פאלק האָט געפיהלט, אז איזא הערט זיך צו צו זיינע ווערטער.

ער האָט דערשפּירט א שטאַרקען אינווייניגסטען ציטער.

— נו, אפשר ניט יואונדערבאר?

— אפילו א האָר ניט. פערקעהרט, איך רעכען, דאָס ביכעל איז זעהר נאריש.

פאלק האָט זיך אָנגעשטרענגט צו רעדען רוהיג.

— אָבער טאַקע גאָר, גאָר נאריש. צו וואָס, א שטייגער, שרייבט מען גאָר אזעלכע גראַמען, וואָס האָבען לחלוטין קיין אינ־האַלט ניט? נאָר כדי צו בעזינגען דעם פריהלינג? דאָס האָט מען דאָך שוין אָבער אזוי פיעל מאָל געטהאָן? מען וואָלט זיך

שוין בערארפט שעהמען אפילו צו דערמאָנען דעם וואָרט „פריה־לינג“...

מיקימא האָט פערוואונדערט א קוק געטהאָן אויף פאלק׳ען.

אָט די גאנצע מאלעריי פון שטימונגען איז דאָך אזוי פלאך און בעדייטונגסלאָז... אזעלכע שטימונגען לעבט דאָך דורך אפילו יעדער דאָרף־שגץ, יעדע געוואוינליכע מיידעל, ווען דער ווינטער־שלומער מאכט פלאץ פאר די שנעלער־פליסענדע עלעמענטען אין איהר קערפער... ווען דאָס וואָלט געווען יענע שטימונגען, וואָס רייסען דורך חאָטש איין ווינקעלע אין׳ם פאָרהאנג פון רעטעניש און געהיימנים, מיט וועלכען דעם מענשענס נשמה איז בעהאנגען, ווען דאָס וואָלט געווען שטימונגען, וועלכע מאכען קלאָר חאָטש איין פינטעלע פון דער אונבעקאנטער דונקעלער נשמה, וואָס ליגט בע־האלטען ערגעץ אויסער דעם קרייז פון אונזער נארישען בעוואוסט־זיין... דאָס איז אָבער אלץ בלויז אזעלכע שפּירונגען, וואָס א מענש וואָס שטעהט אויף א ביסעל א העכערע שטופע, פיהלט גאָר ניט, ווייל — ווייל איהם איז אבשייליך דאָס לעבען פון א פויער, וועל־כער קאָן אין גאנצען אויפגעטרייסעלט ווערען פון דער פריהלינגס־לײדענשאפט.

פאלק האָט זיך פארהאקט אין א וואָרט און איז צומישט גע־וואָרען. איהם האָט זיך געדוכט, אז ער שטעהט אויף א קאפעדרא, און ארום איהם שטעהען טויזענדער צוהערער. אין אזעלכע פעלע האָט ער זיך אימער פערלאָרען און האָט גערעדט דומהייטען. זויגער האָט געפּרואווט אָנהויבען רעדען. פאלק אָבער האָט געוואָלט ניט אנדערש, ווי ענדיגען.

— אָט די אלע געפיהלען, זעהט איהר, האָבען א בעדייטונג בלויז פאר דער יוגענד און פאר די האלב־ערוואקסענע, ווייל דאָס איז אייגענטליך, ווי מען זאָגט, דער גרונד־מאָטיוו פאר אלערליי ליעבעס־געפיהלען.

— אָבער דאָך, ליעבער פאלק ! — זויגער האָט זיך בע־נוצט מיט׳ן מאָמענט, ווען פאלק איז געבליבען שטיל, צוזאמענ־קלייבענדיג זיינע געדאנקען — איהר איגנאָרירט דאָך אין גאנצען דאָס קענען פון א קינסטלער.

— דאָס קענען פון אַ קינסטלער נעהמט זיך פון דעם וואָרט „קענען“.

דיזע פראַזע האָט ער אַרויסגערעדט מיט גרויס פייערליכקייט.

— נור דיזער „קענען“ לעזט די פראַגע וועגען דעם וואָס איז אמת׳ע קונסט. יענע ליעדער, פון דעם קונסט שטאַנדפּונקט, זייַנען פאָלקאָמען, די גראַמען זייַנען דאָרט פרייע, און רייכע...

— דאָס אַלץ איז דומהייטען — האָט איהם פאַלק אונטערבראָכען.

— צו דיין געזונדהייט טרינק איך — איז אונטערגעגאַנגען אילטיס צו פאַלק׳ן.

מיט פאַלק׳ען איז עפּעס געווען ניט גלאַטיג. קיינמאָל האָט איהם נאָך אילטיס ניט געזעהן אַזוי צוהיצט, אַזוי צורייצט. ער האָט זיך שטאַרק געקאָכט.

— ניין, מיין טהייערער, ניט נאָך דער פאָרם, און ניט נאָך דעם ריטם ווערט די פראַגע פון קונסט געלייזט. דאָס איז אַזוי געווען אַ מאָל, ווען מען האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו בעשאַפען די קונסט־פאָרם — יאָ, דעמאָלט, ווען מען איז נאָך בלויז אימפּולסיוו געשטויסען געוואָרען צו איהר איבער טויזענדער פערשיעדענע אורזאַכען, ווען מען האָט די גראַמען בעטראַכט בלויז אַלס אַ פערקערפּערונג פון דאָס ריטמישע בלוט־געלויף אין׳ם מענשען, דאַן איז די גראַמען־קונסט בעטראַכט געוואָרען אַלס אַ מין בעגייסטערונג פון הימעל, אַלס אַ געניאַלע שעפּפונג. אַצינד אָבער איז דאָס ניט מעהר, ווי אַ ירושה־קריינק, ניט מעהר ווי אַ פּוסטע פערשטיינערונג פון אַן אַלטער קלאַסישער פאָרמולע. איך לייקען ניט, גראַמען האָבען אַ גרויסע בעדייטונג פאַר די גאַנצקייט פון קינסטליכען עפעקט, אָבער אַן אמת פּאָעטישעס ווערק מוז האָבען אין זיך עטוואָס מעהר איידער גלאַטע גראַמען־קלאַנגען...

אילטיס האָט ווידער אָנגעשטויסען זיין גלאָז אָן פאַלק׳ס גלאָז. איהם איז געוואָרען לאַנגווייליג.

— ניין, ניין! פריהלינג, ליעבע און פרויען, דאָס איז ניט קיין אַלטע אויסגעניצטע טהעמא... ניין! אַרונטער מיט דיזער לעבערליכער ליריק...

פאלק האט גערעדט אלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט. איזא האט ניט געהערט די ווערטער פון זיינע רייד. זי האט בלויז געזעהען פאר זיך א מענשען מיט א שטארק אבגעצערטעם געזיכט, מיט טיעפע ליידענשאפטליכע ברענענדע אויגען.

— וואס איך וויל? וואס וויל איך? איך וויל דאס לעבען מיט זיין גאנצער זאנדערבארער טיפעניש, מיט זיין גאנצען ענדלאזען אבגרונד... קונסט פערשטעה איך, אלס דעם הייליגען וועג צום קומענדען לעבען — דאס איז די אויביגקייט פון לעבען. און דעריבער גאר איך אזוי נאך גרויסע, אינהאלטס־רייכע געדאנקען, וועלכע וועלען צוגרייטען א נייע געשלעכטס־אויסוואהל, א נייע וועלט, און נייע וועלט־אנשויאונגען... ניט אין דעם גראם, ניט אין דעם מוזיקאלישען קלאנג זעה איך די בעדייטונג פון קונסט, איך פערשטעה קונסט אלס א מעכטיגען ווילען, וועלכע רופט ארויס פון דעם כאאס נייע וועלטען, נייע מענשען...

ניין, ניין, מיין טהייערער, מיר מוזען האבען א גרויסע, געדאנקען־רייכע קונסט, זאנסט האט זי קיין זין ניט און מען דארף זי גאר אין גאנצען ניט.

פאלק איז מיט אמאל צו זיך געקומען. וואס האט ער דא אנגערעדט? האט ער א נייע פראגראם געוואלט פארלייגען דער וועלט? צו דער זעלבער צייט האט ער זיך איינגעקוקט אין איזא'ן, ער האט געוואלט טרעפען וואס פאר אן איינדרוק זיין פלוידעריי האט געמאכט אויף איהר.

דאס איז דאך געווען שוין צו־קינדעריש.

— דער מין קונסט, וועלכען איהר ליובט אזוי, קען האבען א ווערטה נאר פאר חיות... איהר ווייסט דאך אודאי, אז פויגלען, צום ביישפיעל, ציהען צו די ז י צו זיך מיט זייער ריטם, מיט זייערע מוזיקאלישע קלאנגען. אונזערע דיכטער זיינען שוין ניט פעהיג צו אזא זאך — ניין, זיכער ניט. זיי מאכען שוין ניט מעהר קיין איינדרוק אפילו אויף די האלב־ערוואקסענע...

אילטיס האט גיפטיג א שמייכעל געטהאן און האט געוואונקען מיט די אויגען.

פאלק איז צו איהם צוגעגאנגען. ער איז געווען אונצופריעדען

מיט זיך, און ער האָט איינגעגראָבען זיין בליק אין איהר... אריינ־געדרונגען אין סאַמע הארצען... דאָס איז שוין געווען צו ליריש... ער איז ווידער אויפגערעגט געוואָרען. זויגער איז אין כעס געוואָרען.

— מיך אינטערעסירט, ווירקליך, צו הערען, וואָס רופט איהר אָן קונסט ?

— ראַפּס׳ן האָט איהר געזעהן ? יא ? נו, אָט דאָס איז קונסט. קען מען דען איבערהויפט זאָגען וועגען לעבען עטוואָס מעהר ?

— עס איז נאַטירליך.

— יא, נאַטירליך, פאַר דעם וואָס אורטהיילט אויבערפלעכ־ליך... נאַטירליך פאַר דעם וואָס נעהמט אָן אַלצדינג פאַר נאַטיר־ליך. — יא, נאַטירליך פאַר שטראוס׳ן, פאַר פאָגט׳ן, פאַר ביכנער׳ן און... און... צו איז דען אָבער דיזע טיפּעניש, דיזער קאָפּ־שווינד־לענדער אַבגרונד, דיזער גרויסער געשלעכטליכער קאַמפּף, דיזע אוי־ביגע געשלעכטליכע שנאה... צו דען איז דאָס נאַטירליך ? איז דאָס דען ניט דער אימער־בעשאַפענדער און אין דער זעלבער צייט פערניכטענדער פאַקטאָר פון לעבען ? איז דען ניט דאָס דער פאַק־טאָר, וועלכער רופט ארויס די סיבות פון אונזער טהעטיגקייט, האָטש דיזע סיבות זעהן שטענדיג אויס אזוי אונשולדיג, אזוי אונ־בעדייטענד ?

פאַלק האָט זיך געפלאָנטערט אין זיינע אייגענע געדאַנקען. ער האָט געזוכט, געקליבען ווערטער, און פיהלענדיג, אז ער קען זיי ניט געפינען, האָט ער געערדט נאָך מיט גרעסערער אויפרעגונג :

אָט וואָס אונז איז נויטיג : אַ מארך, פאַר וועלכען עס עק־זיסטירט ניט קיין זעלבסטפערשטענדליכעס ; אַ מארך, וועלכער זויים ניט פון פערשטענדליכע, בעגרייפליכע זאַכען ; אַ מארך, אין וועלכען עס האָט זיך אויפגעלייזט דער קנופּ — דער הייליגער קנופּ — פון אַלע בעגריפע, וואו דער שטריך, די ליניע, ווערט אַ קלאַנג, אַ טאָן, וואו די גרויסע פּאַסירונג ווערט אַ ריהר, אַ פּאָהר ; וואו טויזענדע מענשען גיסען זיך צוזאַמען אין איינס, וואו עס עק־

זיסטירט א ניט־אונטערבראָכענע רייהע פון טאָן צום וואָרט און צום פארב, אָהן די גרענעצען, וועלכע עקזיסטירען איצט.

פאלק איז ווידער געקומען צו זיך און האָט שטיל א שמייכעל געטהאָן...

— ניין, ניין, איך וויל ניט וויסען ניט פון אייער לעבערליכע לאָגיק, ניט פון אייער ערפאהרונג, ניט פון אייערע גע׳ירשה׳טע, פערקריפעלטע מיטלען פאר געשלעכטליכען אויסוואהל...

איזא האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איהם. זי האָט ניט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. בלויז זיינע געדיכטע האָר האָט זי געזעהען ווי זיי זיינען געפאלען אויפ׳ן שטערן, און די טיפע, ברייט־אָפענע אויגען... איהר האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז פאלק זאָל זיין אזוי שעהן... אזוי טייפעלש שעהן...

— הערר פאלק איז א פנים אַן אנהעננגער פון די טעאסאָפיסטען.

דאָס האָט דער אנארכיסט פלוצלונג אויפגעהויבען די קאָפּ און האָט גענומען רעדען לאַנגזאַם אויף א צוציגען קול.

פאלק האָט א שמייכעל געטהאָן.

— ניין, מיין ליעבער הערר, גאָר ניט אזוי. אָבער הערט אוים: איהר זיינט דאָך א גרויסער, בעריהמטער דיכטער, בעוואוסט אומעטום, וואו נאָר מען רעדט די דייטשע שפראך...

אימיצער האָט זיך הויך צולאַכט, אומישנע, ווי עס שיינט.

דער אנארכיסט האָט געוואָרפען א ווילד־בייזען בליק אויף איהם, ער איז רויט געוואָרען און האָט אויסגעשריען צו פאלק׳ן:

— זייט אזוי גוט, קיינע שפאסען.

פאלק איז געוואָרען ערנסט.

— איך האָב, אייגענטליך, גערעדט גאַנץ ערנסט, נאָר צום בעדויערען האָב איך ניט געראָטען זיך אויסגעדריקט. אמת, מיינע ווערטער זיינען טאקי געווען בלויז א העפליכקייט, ווייל איך אליין האַלט אייך ניט פאר גרויס, איך הער נאָר דיזע מיינונג פון ארום, אָבער...

דער אנארכיסט האָט געזאָטען. ער האָט געזעהן איזא׳ס בליק,

וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען אַנגעווענדעט אויף איהם מיט א שלעכט־פערבעהאַלטענעם שפּאָטישען שמייכעל.

— ווערטהער הערר, איהר פערגעהט צו ווייט !

— אַפּילו א האָאַר ניט. איהר געפינט אין מיינע ווערטער וועלכע ניט איז אבזיכטען צו בעליידיגען אייך, דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. און איהר האָט ווירקליך געשאַפען עטוואָס פאַר מיר אויך — א מין בילד... וועלכע איך וואָלט אָנגערופען די גרויסאַרטיג־קייט פון קאָנטראַסטען... איך מיין דאָ די רויטע הוסאַרען פון דער מענשהייט...

און ווידער האָט זיך צולאַכט יענער מאַן, דאָס מאָל אזוי הויך, אַז פאַלק האָט זיך דערפיהלט אונאַנגענעהם.

— און איצט ציה איך א שלוס פון אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט : איז אפשר ניט אמת, אַז די מינוטען, אין וועלכע איהר שאַפט, זיינען פאַר אייך אַזעלכע אונגעוועהנליכע, אַזעלכע מיסטישע ? איך וואָלט אַפּילו זיי אָנגערופען טהעאָסאָפישע — געטליך־געהיימעס. איהר האָט דאָך אודאי געהערט פון די פאַקירען, וועלכע ברענגען אליין אויף זיך א היפּנאָטישען שלאָף, און דערנאָך ליגען זיי חדשים־ווייז ווי לעבעדיג־בעגראָבענע. איך האָב אליין געזעהען איינמאָל אין מאַרסעל א פאַקיר, וואָס האָט זיך געפונען אין אַזאַ פערגליווערטען צושטאַנד, מען האָט איהם געמאַכט וואונדען, פון זיי האָט זיך אָבער קיין איין טראָפּען בלוט ניט געוויזען. נו, איז מיט אייך, זעהט איהר, ווען איהר שאַפט, פאַלט איהר אויך אריין אין אַן עהנליכען שלאָף־עקסטאַז, בלויז מיט דעם אונטערשיעד וואָס איהר קענט דעם עקסטאַז ניט ארויסרופען נאָך אייער פערלאַנג נאָך, ווען איהר ווילט. אין איין אויגענבליק קאָנצענטרירט זיך די גאַנצע לעבענסקראַפט אין איין פּינטעלע. ניט איהר זעהט וואָס, ניט איהר הערט וואָס, איהר אַרבייט אונבעוואוסט, גאָר ניט קלערענדיג פון קיין זאַך, אַלעס ווערט געטהאָן ווי אין שלאָף... נו, היינט זאָגט אַליין, איז עס ניט מיסטיש ? צי קענט איהר דען געבען וועלכע ניט איז לאָגישע ערקלערונג צו אַזאַ זאַך ? צי קענט איהר ווען ערקלערען פאַר וואָס דוקא איהר זיינט דער בעוואוסטער דיכטער, און ניט קיין אנדערער ?...

אלע האָבען צומישט געשוויגען. פאלק איז פונדעסטוועגען דאָך פערגאַנגען צו ווייט.

דער אנארכיסט איז אויפגעשטאַנען און איז ארויסגעגאַנגען. אילטיס האָט ניט אָנגעהויבען צו פערשטעהן וואָס דאָ טוט זיך. ניין, ניין, זיין מח איז געווען צו גרויס צו פערשטעהן אזעלכע מעטאפיזישע שפילערייען. ער האָט אָבער דאָך פערשטאַנען, אז פאלק האָט צושלאָגען זיין געגנער'ס פּאָזיציע און ער האָט פריינדליך געטרונקען צו פאלק'ס געזונדהייט.

— גיט מיר אייער האַנד!

דער יונגערמאַן, וואָס האָט פריהער געשליידערט די גלעזער אויפ'ן פלאָר, האָט זיך אַצינד אויפגעהויבען, האָט ווי אַן אַקטיאָר אריינגעשפּאַרט איין האַנד אין זייט, און די אַנדערע אויסגעצויגען צו פאלק'ען. פאלק האָט מיט אַ שמייכעל איהם געגעבען זיין האַנד. איזאַ האָט געשוויגען. זי האָט זיך געפילט אזוי גליקליך. אזאַ גליק האָט זי שוין לאַנג ניט געשפּירט. שוין גאָר לאַנג.

פאלק איז געווען אַ וואונדערבארער מענש. ער איז איינפאַך געווען איהר שעהנסטע לעבענס־פּאסירונג, אָבער בלויז אַ צופעליגע פּאסירונג...

זי איז פּלוצלונג געוואָרען אונרוהיג.

— דו ביסט אזוי שטיל — איז מיקיטאַ צו איהר צוגעגאַנגען.

— איך בין גליקליך — און זי האָט לייכט געדריקט זיין האַנד.

— דו ביסט ניט מיעד?

— אַ האָר ניט!

— מיר וועלען פונדעסטוועגען איצט געהן, ניט אמת?

עפּעס אַ מין קראַמפּ האָט איהר געהאַלטען צוגעשמידט צום אָרט. זי וואָלט ניט וועלען אַוועקגעהן, פאַר קיין פאַל ניט. אין זיינע אויגען אָבער האָט זי איבערגעלעזען אַ שטומען געבעט.

— יאַ, מיר געהען — איהר שטימע האָט געקלונגען פרעמד, כמעט אַבשטויסענד.

זי האָט זיך אויפגעהויבען.

— איהר געהט שוין אַוועק? בלייבט נאָך מיט אונז אַ ווייל־

ליטשקע — האט פאלק געבעטען. ער איז גרייט געווען מיט געוואלד צו פערהאלטען זי.

מיקיטא אבער האט בשום אופן ניט געוואלט פערבלייבען לענגער; ער האט געמוזט ברענגען איזא'ן אהיים.

— נו, גערענק־זשע, מיקיטא...

— אך, ווירקליך! מיקיטא האט גאר פערגעסען, אז אילטיס האט איינגעלאדען איהם און איזא'ן צו זיך אויף אן אבענד.

יא, ער וועט זיכער קומען. אויב איזא וועט וועלען מיט איהם מיטגעהן, דאס ווייסט ער ניט...

איזא האט מיט פרייד אנגענומען דעם פארשלאג.

— און דו, פאלק? דו וועסט דאך אויך מסתמא קומען? —

אילטיס האט איהם פריינדליך א קלאפ געטהאן איבער'ן פלייצע.

— זיכער.

איזא האט זיך פלוצלונג אומגעקעהרט צו פאלקען און האט איהם נאך א מאל געדריקט די האנד.

— איהר וועט מיך אין גיכען בעזוכען?

פאלק'ן האט זיך געדוכט, אז דער פארהאנג ארום איהרע אויגען רייסט זיך דורך, אן אויפלייכטונג צופלאקערט זיך און פארגיסט מיט א הייסער כוואליע איהרע ברעמען.

— אייער וואהנונג איז מיין היים.

מיקיטא'ן איז בעפאלען א מין אונרוהיגקייט. ער האט אונגעוועהנליך שטארק געדריקט פאלק'ען די האנד און איז אוועק מיט איזא'ן.

— זיי האבען קיין געדולד ניט! — האט אילטיס גנב'יש געוואונקען.

פאלק איז מיט א מאל שטארק אויפגערעגט געווארען, ער האט מיט מיה צוריקגעהאלטען דאס ווארט, וועלכעס וואלט אילטיס'ן כלל ניט געשמעקט.

ער האט זיך ווידער געזעצט און האט זיך ארומגעקוקט.

אלעס ארום איהם האט איהם אויסגעזעהען אזוי נאריש און לאנגווייליג; ער האט זיך געפיהלט שרעקליך איינזאם. און דער־

צו איז ער געווען זעהר אונצופריעדען מיט זיך. ער האָט איצט געפיהלט, ווי לעבערליך און קינדעריש ער איז געווען דורך דער גאַנצער צייט פון זיין פּלוידערען. ער האָט ווירקליך געוואָלט מאַכען אַן איינדרוק אויף איזאַ'ן, קיין צווייפעל... און ערשט זיינען דאָך אַלע זיינע רייד געווען אַזוי נאַריש... אַזוי פיעל נאַרישע, פּוסטע ווערטער... אַזוי עקעלהאַפט — צו גיסען וואַסער דורך אַ זיפּ... ער איז זיכער, אַז ביי אַנדערע אומשטענדען וואָלט ער דאָס אַלעס געזאָגט אַ סך שעהנער. נו, און איצט וואָס?...

ער האָט געציטערט, געפּלאָנטערט זיך, און האָט ניט פערשטאַנען וואָס ער האָט גערעדט.

ווילד־אויפגערעגט איז ער געוואָרען.

אָט דיזער נאַרישער ז ו י נ ע ר, ווי מיאוס ער ציהט דאָס ביער פון גלאָז... עקעלהאַפט. אַלץ האָט איהם היינט אויסגעזעהן אַבשייליך אין דיזען בעריהמטען „נאַכטיגאַל“. יאַ, אַלץ.

ניין! צו וואָס נאָך זיצען דאָ לענגער? ער האָט זיך מיט אַ מאָל פערבענקט נאָך פרישער לופט. ער האָט געפיהלט, אַז ער מוז ערגעץ־וואו געהן, וואוהין דאָס זאָל ניט זיין, אַבי ווייט, אָהן אַן ענדע ווייט איבער אַלע גאַסען... ער מוז עטוואָס קלאָר מאַכען פאַר זיך. עפּעס אַ מין רעטעניש ליגט דאָ פערוויקעלט, ער מוז דאָס פערנאַנדערוויקלען, עטוואָס... עטוואָס, אַזוי נייע און פרעמד.

ער האָט בעצאָהלט און איז אַרויס פון זאַאַל.

.4

שטאַרק אונרוהיג האָט זיך פאַלק געפיהלט, אַרויסגעהענדיג אויפ'ן גאַס. ער האָט אָנגעהויבען געהן גאַנץ שנעל, רעכענענדיג, אפשר וועט ער זיך גוט איינמאַטערען, לויפענדיג, וועט איהם לייכטער ווערען אויפ'ן האַרצען. איהם האָט זיך געדוכט, אַז עטוואָס יאָגט איהם, טרייבט איהם אַלץ שנעלער און שנעלער, ביז ער האָט אָנגעהויבען גאָר לויפען. אָבער דאָס אַלעס האָט איהם וועניג געהאָלפען. זיין געמיטה איז געוואָרען אַלץ טרויעריגער און פינסטערער.

ער האָט געפיהלט, ווי אַ חוואַליע פון אונרוהיגקייט דרינגט איהם דורך אַלץ טיפער און טיפער. ער האָט געפיהלט, ווי עס קאָכט און זידט אין איהם אַלץ ראַשער און ראַשער, און מיט אַלץ אַ גרע־סערע קראַפט גיסט זי זיך אריין אין יעדען שפּעלטעלע פון זיין גוף, אין יעדען נערוו.

וואָס איז עס?

ער האָט זיך פּלוצלונג פערטראַכט.

איז עס מעגליך, אז די סכנה קומט צוריק?

ער האָט זיך אָבגעשטעלט.

מיט אַן אינסטינקט כמעט ווי פון אַ חיה, אַזוי ווי ביי איהם וואָלט געווען עפּעס אַ פרעמדע נשמה, האָט ער געפיהלט אַן אַנ־קומענדע געפאַהר.

מיט אַ מאָל האָט ער דערפיהלט עפּעס אַן אונבעשטימטע טהיע־רישע ליידענשאַפט.

מען מוז אנטלויפען! — האָט עטוואָס אין איהם געשריען.

ער האָט פּלוצלונג דערמאָנט זיך אָן יענע צייט, ווען ער איז נאָך געווען אַ פערצעהן־יעהריגער אינגעל. ערגעץ אין דער הויף, אויפ׳ן דריטען גאָרן. צוויי פענסטער צום הויף צו. אונטען אַן אייביגער טומעל. באַנדאַרעס האָבען אָנגעשלאָגען רייפען אויף פעס־לאַך. ער האָט געמוזט אויסלערנען אויף אויסוועניג אַ לאַנגע שטיק לאַטיין. ווען נים, האָט איהם ערוואַרטעט אַ שטרענגע שטראָף. און ער איז געזעסען און געלערענט, אַזוי געלערענט, דאָס ביטערע טרערען, ווי ארבעס, האָבען זיך געקייקעלט איבער זיינע באַקען. אָבער זיין מאַרך איז געווען וואונדערבאַר טעמפּ. אָט האָט ער אויסגעלערענט אויף אויסוועניג איין שורה און ער האָט שוין פער־געסען די אַלע אַנדערע. און אויפ׳ן לאַנקע, הינטער׳ן פענסטער, האָבען זיך געשפּיעלט זיינע חברים. און יאַנס איז אודאי געווען מיט זיי — יאַנס, וועמען ער האָט אַזוי ליעב געהאַט. עס האָט געהאַלטען ביין ווערען פינסטערלאַך. ער האָט זיך אַ וואַרף געטהאָן אויף די קניע. אַ מאָדנער שרעק האָט איהם ארומגעכאַפּט. ער האָט תפלה געטהאָן צום הייליגען גייסט, ער זאָל איהם העלפען. אָבער ער האָט גאָר נים געקאָנט געדענקען. אין די אויגען איז

איהם פינסטער געוואָרען פון שרעק. ער האָט עס דאָך געמוזט אויסלערנען. און ער האָט זיך געשלאָגען מיט די קולאַקעס איבער'ן קאָפּ. יעדען וואָרט האָט ער איבערגע'חזר'ט א מאָל טויזענד, אָבער עס איז גאָר נישט געוואָרען.

וואָס טהוט מען? דאַן איז איהם געקומען א געדאַנק, אז מען דאַרף אַנטלויפען, ווייט, ווייט — צו דער מאַמע.

און ער איז געלאָפען אין מיטען נאַכט, געלאָפען מיט אימפּעט, געפאַלען און ווידער געלאָפען. יעדער שאָרך האָט איהם צוגעשמידט צום פּלאַץ; יעדער פייעריל האָט ווי א גאַנצער ים ליכטיגקייט אויפגעפלאַמט אין זיינע אויגען, און דאַן איז ער ווידער אויפגעשפּרונגען, און ווייטער געלאָפען, אָהן א אָטהעם, ביז ער איז ענדליך אַנידערגעפאַלען אין וואַלד אין חלשות.

איצט האָט ער געהערט דיזעלבע מעכטיגע און בעפעהלענדע שטימע: אַנטלויף! אַנטלויף!

ער האָט זיך אָבגעשטעלט און א שמייכעל געטהאָן.

די חיה האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איהם. צו דען איז ביי א מענשען, וואָס האָט די גרויסע מתנה פון פערשטאַנד, ניטאָ קיין אַנדער מיטעל, אויסער דעם שענדליכען מיטעל פון אַנטלויפען? צו וואָס זאָל ער אייגענטליך לויפען אזוי פּלוצלונג?

אין איהם האָט זיך אָנגעצונדען א וואונש — פּונקט ווי א וואָלקען האָט זיך דיזער וואונש פערשפּרייט איבער זיין מאַרך און האָט צוגעדריקט אַלע אַנדערע געדאַנקען. ער האָט געפיהלט איהר האַנד אויף זיינע ליפּען. ער האָט דערפיהלט, ווי די וואַרעמקייט פון איהר קערפּער צוזשאַרעש זיין בלוט; ווי די קלאַנגען פון איהר שטימע צוגיסען זיך ווי א ווייכע כוואַליע איבער זיינע נערווען.

ער האָט זיך פּלוצלונג א שנעלען ריס געטהאָן, אויסשרייענדיג אויפ'ן קול: ניין!

מיקיטאַ! ווי ליעב ער האָט איהר! ער האָט געזעהען, ווי מיקיטאַ האָט זיי די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט אזוי אונרוהיג.

איז ער אָבער נים געווען זיכער אין איהר ליעבע?

און מיט א מאָל אן אַנדער געדאַנק:

און זי? האָט זי דען געקאָנט ליעבען מיקיטאַ'ן? ניין, דאָס

איז א געלעכטער צו דענקען גאר אזוי. ווי איז עס מעגליך, אז אזא פרוי, ווי איזא, ניין, ניין... האט דען דיזע פרוי רוהיג געקאנט צוקוקען מיקיטא'ס לעכערליכע בעוועגונגען? הם, מיקיטא איז היינט געווען ווירקליך גאנץ לעכערליך מיט זיינע אונרוהיגע בליקען...

ניין! ניין! פאלק האט זיך פערשעהמט פאר זיך אליין. מיקיטא'ן דארף מען ליעב האבען. יעדער, וואס קען איהם נאהענט, מוז איהם ליעב האבען. יא. קיין ספק, זי ליעבט איהם און מוז איהם ליעב האבען.

אבער ווי, ווען זי ליעבט נור זיין קונסט?

ווירקליך? אדער עס דוכט זיך איהם בלויז? האט ער דען ניט געזעהען, ווי אן אויסדרוק פון אונצופרידענהייט האט זיך געוויזען אויף איהר פנים, ווען מיקיטא האט אנגעהויבעןריידען פון דעם גליק פון ליעבע? און האט זי דען נאכהער ניט געמאטערט זיך מילדער צו מאכען דיזען איינדרוק מיט דעם, וואס זי האט גענומען גלעטען זיין האנד אהן א שום פארוואס?

און מיט א מאל איז איהם בעפאלען א ווילדער צארן. האט ער דען זיך אליין ניט דערטאפט, אז מיקיטא'ס ליעבע האט ארויסגערופען ביי איהם אן אונאנגענעהמען געפיהל? האט ער דען אין זיין טיפען הארצען ניט געוואונשען, אז זיינע סברות, דאס זי ליעבט איהם ניט, זאלען זיך ארויסווייזען, אלס ריכטיג? ניין, דאס איז העסליך, שענדליך! העסליך, שענדליך? פאר וואס? חא! חא! חא! איז ער דען שולדיג, וואס אין זיין נשמה האבען ערוואכט נארישע, טהירישע אינסטינקטען?

ער איז אריין אין שטאדט-גארטען, און ער האט זיך פערוואונדערט. אזעלכע שעהנע בוימער האט ער נאך קיינמאל ניט געזעהען. ער האט זיי אנגעהויבען אויפמערקזאם בעטראכטען. ער האט געזעהען מעכטיגע צווייגען — פונקט ווי סוקאוואטע שפיצען, וואס צוגעהען זיך פון דעם אקס פון א ראד — אזעלכע מאדנע, אזוי פערפלאנטערט און איינגעוואקסען איינע אין די אנדערע. ער האט געזעהען דעם נעץ פון זייערע שפיצען, וועלכע האבען זיך געמאלען אויפ'ן פאן פון הימעל: דעם ריעזען-נעץ פון אדערען, וואס האבען

ארומגעוויקעלט דעם הימעל, דיזען הייליגען, געהיימניספולען שוים פון ליכט און גליק.

ווי שעהן אלעס איז! און דער מערץ־ווינטעל אזא ווארימער! ער מוז איהר פערגעסען! יא, פערגעסען!

און ווידער האט אלע זיינע פלענער און געדאנקען פערטויבט די איינציגע בעקאנטע שטימע: אנטלויף! אנטלויף!

ניין, ער דארף ניט אנטלויפען! פאר וועמען?

אבער זיין אונרוהיגקייט איז געווארען אלץ שטארקער. ער האט געקעמפפט מיט א שמערץ, וואס איז געווארען פון מינוט אלץ גרעסער, און וואס האט אבגעשטעלט דעם קלאפען פון זיין הארץ.

ווער איז געוועזען דיזע פרוי? וואס איז זי איהם? אבער האט ער דען א מאל געפיהלט עטוואס עהנליכעס? ניין, קיינמאל ניט.

איז עס ליעבע?

ער האט דערפיהלט א מאדנע אונרוהיגקייט.

ווי האט עס געקאנט פאסירען, אז אין איין שטונדע זאל א פרוי איהם מאכען אזוי אונטערטהעניג צו זיך, זאל אזוי אריינדרינגען אין זיין מארך און זאל קאנצענטרירען ארום זיך אלע זיינע געדאנקען און געפיהלען?

ניין, ער וויל און טאר ניט מעהר טראכטען וועגען איהר.

ניט גלוסט די פרוי פון דיין חבר! ניין, וועגען דעם האט ער דוקא ניט געטראכט. זי איז אבער געוועזען מיקיטא'ס גאנצער גליק! גאט, ווי דיזער מענש האט זיך פאראנדערגעפלאקערט, ריידענדיג פון זיין ליעבע!

און עס איז דאך אזוי שעהן, וואס מיקיטא האט ענדליך געפונען זיין גליק! ווי דאס וועט ענטוויקלען זיינע קינסטלערישע קרעפטען: צו האבען א מעגליכקייט צו שאפען פאר דיזע פרוי און צוליעב איהר!

און ווידער האט ער דערפיהלט איהר ווייכע, דינע האנד אויף זיינע ליפען. זי האט זיך ניט געוועהרט. ער האט געזעהען איהר פערוואלקעטען שמייכעל, דאס שטראהלענדע לייכטען ארום די אויגען... און מיט אן אונענדליכען גענוס האט ער געפיהלט אין זיין קערפער די ציטערענדע ווארעמקייט. זיינע אויגען האבען געברענט.

ער וואָלט זעהר געוואָלט איצט האָבען לעבען זיך א מענשליכען וועזען, אויף וועלכען ער זאָל קענען אויסגיסען זיין גרעסטע צערט־ליכקייט.

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן יאַנינאַ!

ווי א בליץ איז דיזער געדאַנק דורכגעלאָפען אין זיין קאָפּ.

זי איז דאָך געווען אזוי גוט צו איהם. זי האָט דאָך איהם אזוי שטארק געליעבט.

און ער איהר האָט דאָך אויך געליעבט. זאָגאר מעהר, ווי ער האָט עס זיך אליין געוואָלט מודה זיין.

איהר ליעבע האָט איהם מיט א מאָל זיך אויסגעוויזען אזא שעהנע. זי האָט איהם אָבגעגעבען אלעס, וועגען קיין זאך ניט קלערענדיג; זי האָט ניט געהאַט קיינע צווייפעל. זי האָט געהערט צו איהם, און נור צו איהם.

און זאָנדערבאַר, ער איז איצט געווען ניט ווייט פון איהר.

וואָס האָט איהם געבראַכט אהערצו?

יא, נור איין גאַס בלויז...

דער נאַכט־וועכטער האָט איהם געעפענט די טיר. ער איז ארויפגעלאָפען אין דער הויך די טרעפּ און האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין איהר טיר.

— עריק, דו?

זי האָט אין גאַנצען געציטערט.

— שטילער... יא, איך... האָב זיך פערבענקט נאָך דיר — און איז אריין אין איהר צימער.

ער האָט איהר געקושט, געגלעט, גערעדט מיט איהר, און זי האָט פערלאָרען דעם בעוואוסטזיין פון אזא איבערפלוס פון גליק.

— וואָס פאַר א גליק, וואָס פאַר א גליק! — האָט זי ניט אויפגעהערט צו מורמלען.

און ער האָט איהר געדריקט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און זיך צוגעהערט צום אייגענעם געוויסען, וועלכער האָט ניט אויפגע־הערט צו שרייען: מיקיטאַ! מיקיטאַ!

יא, איצט האָב איך פערגעסען — אלעם פערגעסען — צוליעב מיקיטאַ.

— יא, יאנינא, איך בין איצט מיט דיר, און וועל בלייבען, בלייבען מיט דיר....

.5

ער טאָר איהר מעהר ניט זעהען — דאָס איז געווען דער אייג־ציגער געדאַנק, וועלכען ער איז געווען אין שטאַנד זיך קלאָר צו מאַכען אין דעם משך פון א גאַנצער שלאָפלאָזער נאַכט. ניין, ער טאָר איהר ניט זעהען מעהר.

א קראַנקהאַפטע אונרוהיגקייט האָט איהם בעהערשט. מיט וואָס וועט זיך עס ענדיגען? ווי וועט ער קענען דערשטיקען אין זיך דיזען שרעקליכען פערלאַנג? אין איין שטונדע צייט האָט דיזע פרוי אריינגעלאָזען אין איהם טיפע וואָרצלען, וועלכע האָבען ווי א גערדיכטער נעץ ארומגעפּענטעט זיין גאַנצע נשמה.

ער האָט געפיהלט, ווי ער צושפּאַלט זיך אויף צווייען, און וועהרענד איין טהייל זיינער מאַטערט זיך צו ריכטען זיין ווילען קלאָר און ניכטער, וואַרפט דער צווייטער טהייל אריין אין זיין מאַרך געדאַנקען, וועלכע צוקלאַפּען אַלע זיינע פריהער־אָנגענומענע בע־שליסע, און מאַכען טוידט די שטימען פון פליכט און געוויסען. און אַלץ טיפער האָט זיך אריינגעריסען אין איהם די בענקעניש און דער פערלאַנג, אזוי דאָס ער האָט זיך געדרעהט אין טיפע שמערצען און האָט אין ערגעץ קיין רוה ניט געקאָנט געפינען.

וואָס־זשע האָט דאָ אייגענטליך פּאַסירט?

אָה, איהר פסיכאָלאָגען, ערקלערט מיר איצט, וואָס קומט פאָר אין מיין זעעלע! איהר ווייסט דאָך פון אזא גאַנצע הורבע פסיכאָ־לאָגישע געזעצע! איך בעט אייך, ערקלערט מיר עס!

ער האָט זיך פּלוצלונג א טרייסעל געטהאָן.

וואָס איז מיט מיקיטא? פיהלט ער, אז עס רוקט זיך עפּעס אָן? אָבער עס האָט דאָך גאָר ניט פּאַסירט! טו פאַר וואָס איז ער היינט געווען אזוי אומעדיג און שווייגענדיג?

מסתמא ליעבט ער איהר גאָר אָהן א גרענעץ. זיינע ליפּען האָ־בען אויפגעציטערט פון ליידען ביי דיזער השערה.

יא, מיקיטא קען פיהלען אויף דער ווייטקייט פון טויזענד מייל.

יא, מיקיטא זעהט דאָך, ווי די גראָז וואקסט. דיזער טאָן, מיט וועלכען ער האָט איהם געבעטען צו בעגלייטען איזא'ן צו אילטים. ער אליין איז זעהר בעשעפטיגט, און איזא'ן אינטערעסירט אזוי שטאַרק דיזער אָבענד.

ווארום געהט ער אליין ניט מיט איהר?

ער וועט אפשר שפּעטער אונטערקומען...

אָבער קען ער דען ניט אָבלייגען זיינע געשעפטען ביז אויף מאָרגען?

פאַלק האָט זיך אויפגעהויבען. ניין, ער וועט איהר ניט בעגלייטען. ער וויל איהר מעהר ניט זעהען. איצט, קען זיין, וועט ער נאָך קענען פערגעסען איהר. איצט קען זי נאָך בלייבען פאַר איהם בלויז א שעהנע עראינערונג, וועלכע ער וועט נאָך אפשר שפּעטער קענען אויסנוצען, אלס ליטעראַט.

פאַלק האָט זיך איראָניש צולאַכט.

ער בלייבט אין דער היים און גיט זיך איבער דער ליטעראטור, חע, חע!

ער האָט מיט א מאָל דערפיהלט א בייזען עקעל.

דיזע נארישע, אונזיניגע שרייבעריי! ווארום איז ער ניט אזוי פיעל אריסטאָקראַט, און ניט פּראָסטיטואירען זיינע טיפסטע, צערטליכסטע, צניעות'דיגסטע איינדריקע? ווארום ווארפט ער אלעס צו דער מאמע צום פרעסען?

העסליך!

ניין, איצט וועט ער זיך צווינגען. בעשלאָסען. ער בלייבט אין דער היים.

דער פעסטער בעשלוס האָט איהם געמאַכט פערגניגען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען לעזען.

ער האָט איבערגעלייענט א זייטעל און גאָר ניט פערשטאַנען.

אונבעמערקט פאַר זיך אליין, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם דינער אין גאָגאָל'ס א ראָמאן, וועמען עס האָט געמאַכט גרויס פערגניגען דאָס מעכאַנישע לעזען, כאָטש ער האָט קיין וואָרט ניט פערשטאַנען.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און גענומען ווייטער לעזען.

וואָס פאַר אַ צויבער עס איז בעהאַלטען אין איהרע בעוועגונגען! דאָס זיינען ניט קיין בעוועגונגען, נור אַ רעדע, דער העכסטער אויסדרוק פון זיין אייגענעם העכסטען אידעאַל פון שעהנהייט — און אַ האַנד, איהר האַנד!

ער האָט אויפגעציטערט.

ווען מען זאָל דאָס נור קענען פערגעסען!

מען דאַרף פון דעסטוועגען אָנשרייבען מיקיטאַ'ן דאָס אַן אונ־ערוואַרטעטע פּאַסירונג מאַכט איהם אונמעגליך צו בעגלייטען איזאַ'ן.

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, און אָנגעשריבען אַן אָפענעם בריוועל.

ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען עס איז דאָ אימיצער, וואָס טראָגט אוועק דעם בריוועל אויף די פּאָסט! אזוי מוז מען גאָר אליין געהן.

ער איז ארויס אויפ'ן גאַס. עטוואָס האָט איהם געשטויסען צו געהן צו איהר, זעהען איהר נאָך אַ מאָל, צו אָטהעמען מיט דער לופט, מיט וועלכער זי אָטהעמט, נאָך אַ מאָל זיך אָנקוויקען מיט דעם צויבער, וואָס זי פערשפּרייט אַרום זיך.

אָבער ניין, ניין, טויזענד מאָל ניין! ער קען דאָך זיך גובר זיין.

יאָ, זיך אליין גובר זיין! אזוי גובר זיין, ווי איינער פון זיינע פריינד, וועמעס גרעסטער וואונש איז געווען צו זעהען רוים. ער איז אוועקגעפאָהרען נאָך רוים, אָבער ניט צופאָהרענדיג איין מייל בלויז ביז'ן שטאָדט, האָט ער זיך געזאָגט, אז דער מענש דאַרף קענען זיך גובר זיין, און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק. דאָך, קומענדיג צוריק אהיים, איז ער משוגע געוואָרען.

יאָ, דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם נארישען, לעבערליבען וועלען זיך גובר זיין. צו וואָס טויג עס?

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן היינע'ס ווערטער. ווי האָט ער עס געזאָגט: עס איז געווען זעהר גוט, ווען איך האָב געקאָנט זיך גובר זיין, נור דאָך בעסער, ווען איך האָב ניט געקאָנט... דאַכט זיך אזוי.

איהם האָט געפּייניגט דער ציגישער, בעהאַלטענער געדאַנק, איהם האָט זיך געדוכט, דאָס ער פערשמוצט איזאַ'ן.

אָבער ווי אַזוי? אין וואָס פאַר א פערהעלטניס האָט איזאַ געקאָנט גאָר זיין מיט דיזען געדאַנק?

און ער איז געגאַנגען און געטראַכט פון די געהיימניספאָלע אונפערשטענדליכע געדאַנקען, וועלכע ווערען ערגעץ־וואו בעשאַפען אַזוי שטיל, און מיט א מאָל, גאָר אָהן אן ערקלערונג, אָהן א שום פערבינדונג, אהא, זיי זיינען דאָ אין קאָפּ.

יא, עס זעהט נור אויס, אז עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע. א היטרע אונבעקאַנטע קראַפט ווייס, אז זי שפּינט און וועבט דיזע געדאַנקען.

און עס האָט איהם געמאַכט פערגניגען צו טראַכטען איבער דיזען רעטעניש. עס איז געוועזן קלאָר, אז ער האָט עס געטהאָן דער־פאַר, כדי אין זיין בעוואוסטזיין זאָל ניט דורכדרינגען אן אנדער אונאַנגענעהמער געדאַנק, וואָס האָט איהם ניט געוואָלט אָבלאָזען.

דאָך דער געדאַנק וועגען מיקיטאַ האָט זיך דורכגעשפּאַרט. און גראָדע וועגען איהם האָט ער זעהר ניט געוואָלט טראַכטען.

איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז ביי דיזען געדאַנק דריקט זיך צונויף ביי איהם די האַרץ. די גאַנצע בלוט גיסט זיך צו צו איהר. און דאָס האָט איהם פערשאַפט א שרעקליכען שמערץ.

ווארום האָט מיקיטאַ געקאָנט האָבען רעכט אויף וועלכען־עס־איז אַנדער מענשען אויסשליסליכע רעכט, אַזוי ווי אַ מאָנאָפּאָל?

ער האָט מיט א מאָל געפיהלט, ווי ער שעהמט זיך מיט זיך, און אין דערזעלבער צייט האָט ער דערשפּירט א געפיהל פון עקעל, פון האַס.

ניין, ער טאָר ניט געהן צו איהר צוליעב מיקיטאַ! צוליעב מיקיטאַ? ער האָט זיך איראָניש צולאַכט. עריק פאַלק האַלט זיך פאַר אונבעזיעגבאַר. מיט דער הילף פון א געוויסער קראַפט, מוז יעדע פרוי פון יעדען מאַן, יעדע כלה פון יעדען חתן איהם ליעב קריגען, און מיט א מאָל...

אָבער דאָס איז דאָך ווירקליך צום לאַכען. ווען ער וואָלט זיך נאָך געזאָגט: הער, געה ניט אהין, דו וועסט זיך פערליעבען, און

אויף געגענזייטיגע ליעבע קענסטו ניט רעכענען, וואָלט עס געווען נאָך פערשטענדליך.

און ער האָט זיך אָבגעשטעלט.

ער האָט געפיהלט א מערקווירדיגע זיכערהייט, דאָס זי איז נעהענטער צו איהם, ווי צו מיקיטא ; ער האָט קלאָר געפיהלט עס... און אויך מיקיטא האָט עס בעדאַרפט, וואהרשיינליך, פיהלען, דאָס איזא....

ניין, ניין!

נור איין זאַך האָט ער געקאָנט טהאָן מיט א ריינעם געוויסען: זיין כאָטש נאָהענט פון איהר, שטעהענדיג אויף דער אַנדערער גאַס געגען איהר הויז. ער וועט אריין דאָרט אין רעסטאָראַנט. דאָרט וועט ער זיך אוועקזעצען, זיך אָנ'שכור'ען, אום צו פערלירען איינפאַך דעם כח צו געהן צו איהר. ער דאַרף עס טהאָן, און וועט עס טהאָן.

פאַר'ן הויז, וואו איזא האָט געוואוינט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט.

איצט איז שוין שפעט! איצט קען ער שוין ניט לאָזען וויסען מיקיטא דורך א בריעף, אז ער קען ניט קומען.

וואָס־זשע טהוט מען איצט?

גאָט מיינער, נאַטירליך ארויפגעהן צו איהר און לאָזען איהר וויסען.

אונרוהיג האָט זיך די הארץ געוואָרפען אין זיין ברוסט, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפ.

ער האָט אָנגעקלונגען, און ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז די גאַנצע הויז דאַרף זיך צונויפ־לויפען אויף דיזען קלונג.

אנטלויף! אנטלויף! — האָט עטוואָס אין איהם געשריען.

די טיר האָט זיך געעפענט. איזא איז געשטאַנען אין קאָרידאָר.

ער האָט בעמערקט, ווי די פרייד האָט א בליץ געטהאָן אין איהרע אויגען און זיך צוגאָסען איבער איהר גאַנצען קערפער.

זי האָט איהם פריינדליך געדריקט די האנד, זעהר פריינדליך. האָט זי געוואָלט דערמיט עטוואָס זאָגען?

— ווייסט איהר, אז מיקיטא וועט קומען ערשט שפעטער?

— איך ווייס. ער איז היינט געווען ביי מיר.

— הייסט עס, אז איהר וועט געהן מיט מיר. דאָס וועט דאָך ניט זיין אייך אונאנגענעהם?

— פאר אייך בין איך אלעס פערטיג צו טהאָן.

דיזע ווערטער האָבען זיך ארויסגעריסען ביי איהם אונערוואר־טעט פאר איהם אליין.

ביידע האָבען זיך געפיהלט דערשראָקען. יא, ער מוז זעהען ניט פערלירען איבער זיך די קאָנטראָלע.

ווי האָט עס פּאסירט, דאָס ער איז ניט געווען בכח זיך צו בעהערשען?

זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט, א בליק געטהאָן איינער דעם אנדערען אין די אויגען, און האָבען א שמייכעל געטהאָן. פאלק האָט געפיהלט, דאָס זי איז אונרוהיג.

ער האָט זיך גובר געווען און האָט אָנגעהויבען רעדען פון גאנץ געוועהנליכע זאכען.

— נו — נו, ווי איז אייך געפעלען נעכטיגער אבענד?

— אָה, דאָס איז געווען א זעהר אינטערעסאנטער אבענד.

— אילטיס איז ניט גאָר א געוועהנליכער מענש. ניט אמת?

זי האָט א שמייכעל געטהאָן.

— ניין! איך מיין עס גאנץ ערנסט.

איזאָ האָט אויף איהם א בליק געטהאָן, אזוי ווי זי וואָלט ניט געגלויבט אין זיין ערנסטקייט.

— א, אילטיס איז אונבעדינגט א זשעני־דילעטאַנט. ער ווייס אלץ, דורכגעמאכט אלץ, געלעזען אלץ. זיין מאָרך ארבייט גאַנץ לאָגיש, נור ער קומט צו אזעלכע אונגעוועהנליכע שליסע, וועלכע פערניכטען זיין גאנצע ארבייט. צום ביישפּיעל: ניט לאַנג צו־ריק האָט ער געשוויצט איבער דער פּראָבלעמע, אויף וועלכער שטופע פון ענטוויקלונג אוועקצושטעלען די קינדער. פערשטעהט זיך, אז ער האָט זיך ניט וועניג געבראכען דעם קאָפּ אויף דעם. אין דער ערשטער רייהע איז געשטאנען דער פערגלייך מיט פרויען. אלע קינדער — דאָס זיינען קלייניקע פרויען, אָדער מיט אנדערע ווערטער, פרויען זיינען קינדער, וועלכע האָבען אויפגעהערט זיך צו

ענטוויקלען. קינדער און פרויען האָבען רונדע פאָרמען און ווייכעביינער. קינדער און פרויען קענען לאָגיש ניט דענקען, זיינען ניט פעהיג צו אונטערוואַרפען זייערע געפיהלען צום פערשטאַנד. אָבער ביי דעם ווייטערען פערגלייך האָבען זיך אָנגעהויבען שוויריגקייטען. קינדער זיינען ריין און אונשולדיג, פרויען אָבער זיינען בייז, פאַלש, בעריהמעריש און זיינען די אמת'ע דיענער פון טייפעל. אויף אזא אופן האָט דער פּאָזיטיווער רעזולטאַט געגעבען בלויז אַן אויבערפלעכליכע פערגלייכונג. נור איינמאָל — עס איז געווען א פריהמאָרגען, און אין אזעלכע פעלע פלעג איך צופיהרען אילטים'ען צום הויז — שטעלט זיך אילטים פּלוצלונג אוועק ביי א בריק, און פערגעסענדיג אָן אַלעס, קוקט ער אויף די לעבעדען (שוואַנען), וועלכע זיינען אין א גרויסער קאָמפּאַניע ארויסגעשוואומען פון אונטער'ן בריק. עס כאַפּט איהם אָן אַן אונגעוועהנליכע אויפרעגונג.

— עריק, זעהסט?

— איך זעה.

— וואָס זעהסטו?

— לעבעדען.

— ניט אמת?

— יא.

אילטים דרעהט זיך אום נערוועז.

אין דער זעלבער מינוט קומט אונטער א ברויט־פערקויפערין. פאַלק האָט זיך נערוועז צולאַכט.

— דיזע מערקווירדיגע ברויט־פערקויפערין פון יריחו! איהר קענט ניט דעם גרויסאַרטיגען ליליענקראָן?

— ניין! — האָט איזא מיט שטוינען געקוקט אויף פאַלק.

דיזער ליליענקראָן האָט אָנגעשריבען א פּאָעמא: — די קרייציגונג — ניין, „רבי ישוע“: אין דער מאַססע...

— אָבער וואָס מכח אילטים?

— באַלד, באַלד. אַלזא, אין דער מאַסע, וועלכע געהט צו דער קרייציגונג, זיינען דאָ אדוואָקאַטען, אָפּיצערען, זשוליקעס, קעשענע־גנבים, און, נאַטירליך, אויך פּסיכאָלאָגען און אויך פּאָר־

שטעהער פון דער עקספּערימענטאַלער ריכטונג אין דער ליטעראַטור און ענדליך די ברוים פּערקויפּערין פון יריחו.

— אָבער דאָן זיינען דאָך נים געוועזן קיין פּרויען־הענדלער־קעס, — זאָגט צו ליליענקראָן איינער פון זיינע פריינד. ליליענ־קראָן ווערט אין כעס. אָט דיזע הענדלערקע איז דאָך די הויפּט־פיגור פון זיין פּאָעמאַ. ער האָט דאָך די גאַנצע פּאָעמאַ אָנגעשרי־בען אום צו בעשאַפען דיזען טיפּ.

איזא האָט געלאַכט פריי און אונגעצוואונגען. ער וואָלט איהר געוואָלט שטענדיג זעהן אזוי. דאַן וואָלטען זיי געוואָרען פריינד, און טאַקי ניט מעהר, ווי דאָס.

איז אָט, ווען דיזע פּערקויפּערין געהט צו, כאַפּט אילימים ארוים פון איהר קאָרב א הורבע געבעקס און וואַרפט עס אין וואַסער.

דאָס ברענגט איהם אין א גליקליכע שטימונג.

— זעהסט?

— איך זעה.

— וואָס זעהסטו?

— לעבעדען.

— אינטערעסאַנט! זיי זעה איך אליין. אָבער דו זעהסט ניט דאָס, וואָס איך זעה מיט מיין גייסטיגען בליק: לעבעדען און קינדער שטעהען אויף איין שטופע פון ענטוויקלונג. קינדער עסען ניט קיין ברויטלאַך און לעבעדען אויך ניט.

איזא האָט געלאַכט, נור עטוואָס געצוואונגען.

פאַלק האָט זיך געפיהלט צוטומעלט. דאָס איז דאָך פּשוט לעבערליך. ווי האָט ער געקאָנט דענקען, אז איהר וועלען אינטע־רעסירען אזעלכע קינדערשע מעשות? זיי זיינען דאָך אזוי פלאַך.

— האָט עס טאַקי אילמים ערנסט געמיינט?

פאַלק האָט זיך אָנגעהויבען פּערענטפערען.

ניין, אין אַלץ וואָס ער האָט דאָ אָנגערעדט, איז קיין אמת וואָרט ניטאָ. ער האָט עס אליין אויסגעטראַכט, און אָנפאַנגענדיג דערצעהלען, האָט ער גערעכענט, אז ער וועט עס ווי עס איז גוט מאַכען. זי דאַרף ניט זיין בייז אויף איהם, ווייל ער האָט עס נור געטהאָן, כדי זי זאָל זיך נים לאַנגווייל'ען אין זיין געזעלשאַפט...

איהם ווילט זיך זעהר, אז זי זאָל זיך ניט לאַנגווײלען, עס ווילט זיך איהם זײן אינטערעסאַנט, און טאַקי נור דערפאַר, ווײל ער וויל אַזוי שטאַרק, רעדט ער אַזוי ניט אינטערעסאַנט און אַזעלכע אידיאָטישע זאַכען.

איזא האָט זיך איצט געפיהלט אונרוהיג.

איז זי אַלזאָ ניט בײז אויף איהם?

— ניין.

אין צימער איז געוואָרען אַלץ דונקעלער. עס איז אָנגעקומען אַן אונאַנגענעהמע אונטערברעכונג אין זײער געשפּרעך. אין פאַלק׳ס קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבען מישען. טויזענדע געפיהלען און געדאַנ־קען האָבען זיך בעגעגענט, און האָבען געגענזײטיג פערניכטעט אײנע די אַנדערע.

— געוועזן ביי אייך היינט מיקיטאַ? — האָט ער געפרעגט נור אום צו זאָגען עפּעס. ער איז אַלײן געוועזן ערשטוינט, וואָרום האָט ער גראַדע דאָס געפרעגט.

— יאַ, ער איז דאָ געוועזן.

— היינט איז ער געוועזן אַזא מאָדנער. וואָס איז מיט איהם?

— ער איז אַ ביסעל נערוועז. די אויסשטעלונג פון זײנע בילדער מאַכט איהם פיעל זאָרג.

— מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך גאָר ניט אומגעביטען. מיר האָבען זיך זעהר ליעב געהאַט, נור אַמאָל פלעגען פאָרקומען אַזעל־כע ניט אַנגענעהמע מינוטען. אין אַזא שטונדע האָט זײן שטימונג זיך געקאָנט בײטען אַ מאָל טויזענד.

איזא האָט געזוכט עפּעס אַנדערש וועגען וואָס צו רעדען. פאַלק האָט עס פערשטאַנען פון דער נערוועזער בעוועגונג פון איהר האַנד.

— איך וועל, נאַטירליך, זײן אײער אונטערפיהרער.

— פערשטעהט זיך. זי האָט פּעסט אַ בליק געטהאָן איהם אין די אויגען.

וואָרום אַזוי פעסט? אויף זײנע ליפּען האָט זיך אַ גליטש געטהאָן אַ שמייכעל, וואָס איז געוועזן קוים צו בעמערקען.

אויף איזא האָט עס געמאַכט ניט קײן גוטען אײנדרוק. וואָס האָט געקאָנט בעדײטען דיזער שמייכעל?

— זעהר צופריעדען — האָט פאַלק געזאָגט גוטמוטהיג.
און ווידער האָבען זיי געשוויגען.
זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ.
— איך וועל אייך ווייזען אַ זאַך, וואָס וועט אייך פעראינ־טערעסירען...
פאַלק האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט אַ יאַפּאַנעזישע וואַזע.
— אויסגעצייכענט! דיזע יאַפּאַנעזער זיינען וואונדערבארע קינסטלער. זיי זעהען זאַכען אַזוי, ווי עס קען זיי נאָר אויפכאַפּען אַ מאָמענט פאָטאָגראַפיע. ניט אמת? זיי בעמערקען ערשיינונגען, וואָס זיינען גאָר ניט צוגענגליך צו אונזער בעוואוסטזיין. ערשיי־נונגען, וועלכע האַלטען אָן אַ טויזענדטעל פון אַ סעקונדע — איהר פערשטעהט?
— וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?
— איך בעהויפּט, אַז זיי האָבען די פעהיגקייט צו פערהאַלטען אין זייער בעוואוסטזיין איינדריקע, וועלכע פאַר אונזער בעוואוסטזיין נעדרויערען זיי בלויז אַ קורצע צייט אָדער, ווי דאָס זאָגען אַזוי שעהן די פעטענטירטע פּסיכאָלאָגען: דער פיזיאָלאָגישער משך פון צייט איז צו קורץ, אַז אַזאַ איינדרוק זאָל דערגרייכען דעם בעוואוסטזיין.
ער האָט געהאַלטען אין האַנד די וואַזע, און די אויגען ניט אראָבגענומען פון איזאַ.
— אויך מיט מיר טרעפט עס אמאָל, נור זעהר זעלטען. אַט היינט, למשל, ווען איך האָב אייך דערזעהען אין קאָרידאָר... איבער אייער פּנים האָט זיך אַ גליטש געטהאָן אַן אויסדרוק פון פרייד און איז אויגענבליקליך פערשוואונדען.
— יאַ? איהר האָט עס בעמערקט? — האָט איזאַ געפרעגט איראָניש.
— יאַ, דאָס איז געווען אַ מאָמענטאַלער אויפבליצען, נור פון דעסטוועגען האָב איך עס בעמערקט, ניט אמת? איהר האָט זיך דערפרעהט מיט מיין קומען, און איך בין געווען אַזוי אונענדליך גליקליך, ווען איך האָב עס בעמערקט.
זיין שטימע האָט געקלונגען אַזוי אמת'דיג און אַזוי פריינדליך.
זי האָט געפיהלט, דאָס זי ווערט רויט.

— איצט וועלען מיר געהן — האָט זי געזאָגט.

— ניין, לאָמיר אָבוואַרטען נאָך א ביסעל: עס איז נאָך צו פריה. א חוץ דעם, ווייסט איהר, איך בין אפשר צו אָפּענהערציג, נור איך מוז אייך זאָגען, אז איך פיהל זיך דאָ בעזאָנדערס גליקליך. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאַט, יאָ, קיינמאָל, אַן עהנליכען געפיהל.

די דונקעלהייט דערנעהרט וואונדערבאר די מענשען.

— דאָס אַלעס איז אזוי מערקווירדיג. מערקווירדיג וואָס מיקיטא איז מיין פריינד, מערקווירדיג וואס איהר זיינט זיין כלה; א מערקווירדיגער געפיהל, אזוי ווי איך קען אייך שוין טויזענד יאהר.

איזא האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעצונדען דעם לאָמפּ.

די ליכטיגקייט צוטהיילט די מענשען. דערמיט האָט זי געוואָלט בעשאַפען א געוויסע ווייטקייט צווישען זיך און איהם.

— א שאָד, וואס מיקיטא וועט ערשט שפּעטער קומען.

— יאָ, זעהר א שאָד. ער איז געווען שטארק אויפגערעגט. און ווידער איז געשטאַנען מיקיטא פאר די אויגען. א געלעכטער, אז מיקיטא זאָל קענען האָבען אירגענד וועלכע אויסשליסליכע רעכטע אויף וועלכען עס איז מענשען! אָבער וואָס קען מען טהאָן?

ער האָט א קוק געטהאָן אויפ׳ן זייגער.

— איצט איז צייט. לאָמיר געהן.

6.

אין מיטען פון בילד האָט ער געוואָלט אויסמאָלען א פרוי מיט א רופענדען, פאלשען און געהיימניספולען שמייכעל אויף די ליפען — און פון אלע זייטען פון אונטען ביז אויבען האָט ער געוואָלט אויסמאָלען טויזענדע הענד, וואָס ציהען זיך צו איהר. טויזענדע הענד, וועלכע געוואלדעווען, יאָ, געוואַלדעווען, מאכען משונה־דיגע קולות וועגען איהר: דינע, נערוועזע הענד פון קינסטלער; דיקע, פלייישיגע הענד פון באנקירען, מיט דימענטענע רינגען אויף די פינגער, טויזענדע און טויזענדע אַנדערע הענד... און זי, זי קוקט געהיימניספול מיט איהר ווינקענדען, רופענדען בליק.

מיקיטא׳ן האָט געווארפען ווי אין פיבער. יא, ער מוז גלייך זיך נעהמען מאָלען דיזען בילד. טאָמער ניט, וועט אלעס פער־שווינדען, און אויף דעם פלאץ וועלען קומען גערדאנקען, וועלכע וועלען רייסען און בייסען זיין נשמה, ווי טויזענדע משוגענע טייוואָלים. ניין, פאלק איז ניט קיין לומפ, פערשטעהסטו עס, מיקיטא? פאלק איז ניט קיין לומפ! האָט ער זיך אליין געמאַטערט איינצורעדען.

באלד אָבער האָט ער זיי ביידע דערזעהען, קוקענדיג איינער אויפ׳ן אנדערען. ער האָט דערזעהען זייערע בליקען, וועלכע האָבען זיך געפלאָנטערט די גאנצע צייט אין א ציטערנדע אונרוהיג־קייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אז היינט וועט מען טאנצען ביי אילטיס. אך, מען וועט זיכער טאנצען! און וועגען דעם האָט ער פריהער גאָר ניט געטראכט.

טענץ, טענץ!... איזא האָט זיי דאָך אזוי ליעב. זי איז דאָך א געבאָרענע טענצערקע... דאָס איז אפשר דאָס איינציגע, וואס זי ליעבט אזוי ליידענשאפטליך. ער האָט איינמאָל געזעהען, ווי זי האָט געטאנצט. אלעס אין איהם האָט זיך דאן איבערגעדרעהט. דיזע צולאָזענע, הולטאיסקע בעוועגונגען; דיזער פער׳שכור׳ן זיך מיט דיזען זיס־ליידענשאפטליכען פערגניגען פון טאנץ.

אָט דאָס וואָלט מען בעדארפט מאָלען. נור דאָס, מיין ליעבער הערר נאטוראליסט. ווי עס עפענט זיך פונאנדער די נשמה, און פון איהרע טיפענישען קריכען ארויס דיזע פערפלוכטע מאָנסטער־גערדאנקען. אָט דיזען עקעל, דיזען גהינום׳דיגען געמיטה־צושטאנד! ווארום האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט גלויבען, דאָס זי ליעבט איהם, דאָס זי דארף איהם ליעב האָבען: יא, איהם, איהם! ווייל נאָך אלעמען איז ער דאָך פאָרט עפעס ווערטה: פאָרט א קינסט־לער!

א קינסטלער! טאקי דאָ מיט וואס זיך איבערצונעהמען! א וועלכער עס איז ליעבערמאן וועט אויסמאָהלען דריי נארישע שעפ־סען אויף א קארטאָפעל־פעלד אדער עטוואס אנדערעס, וואס איז ניט וועניגער נאריש, און קריגט דערפאר געלד און גאָלדענע מע־דאלען. און איך, וואס האָט אויסגעמאָלט די גאנצע מענשהייט און נאָך עטוואס מעהר, וואס איז איבער דעם מענשען — און

וואָס האָב איך אויסגעפיהרט? גאָר ניט, נארישער מיקיטא! ניין, גאָר ניט פונדעסטוועגען קען מען ניט זאגען. איך האָב דאָך פּאָרט געזעהען, ווי דער ליעבער פּובליקום האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער. נו, און דאָס, וואָס מיינע בילדער האָבען געדיענט פאר א טעמא פאר וויצען אין אזוי פיעל וויץ־בלעטער — איז דאָס דען גאָר ניט?

א קינסטלער, א יחוס א גרויסער צו זיין א קינסטלער, אז עס איז ניטאָ קיין שטיקעל ברויט אין שטוב! און טעקסעס מוז מען נאָך אויך צאָהלען, כאָטש גיה נעהם צו מיין גאנצען פערמעגען פאר מיינע אלטע חובות צום שטאאט! ווער איז דער שטאאט? וואס האָב איך מיט איהם פאר עסקים? ער אָבער האָט עסקים מיט מיר. ער פרעגט:

— זיינען דאָס אייערע בילדער?

— נאטירליך מיינע. זיי שטעלען מיט זיך פּאָר דעם ווערטה פון 40 טויזענד מארק. וואס לאכט איהר?

— ווי אָבער זאָל איך ניט לאכען? ווער וועט זיי קויפען ביי אייך? איהר וועט פאר זיי קיין פעניג ניט קריגען. ליידער איז גאָר ניטאָ וואָס צו נעהמען ביי אייך פאר אייערע שולדען צום שטאאט.

אָבער, טהייערע איזא, בין איך ניט פון דעסטוועגען פּאָרט א גרויסער קינסטלער?

ער האָט זיך גענומען מאָלען און אלץ געהאלטען אין איין לאכען. נור זיין הארץ האָט עטוואס די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טאָטשען. עס האָט איהם אזוי געשטאָכען און געלעכערט, דאָס ער האָט אזש געשפּרונגען פון וועהטאָג.

א מאָדנע זאך! — האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראכטען — וואָס איז אייגענטליך פאלק? איך בין דאָך אויך ניט קראנק אויפ'ן שכל. אויך מיין מארך ברענגט ארויס געדאנקען... אָבער איז עס טאקי אזוי? ער דערמאָנט זיך אָן א געשפּרעך מיט זיין לעהרער, ווען זיי האָבען זיך נאָך געלערענט אין גימנאזיע.

— דו אליין האָסט עס אָנגעשריבען?

— געוויס, איך אליין האָב עס געשריבען, הערר לעהרער!

— האָט דיר אימיצער געהאָלפען ?

— ווער ? וואָס ?

— אָבער דאָך זעה איך אַ זייטיגען איינפלוס, וועלכער ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, וואָס ווייטער מען לעזט דיין פערפאסונג.

— איך זאָג אייך, אז איך האָב עס אַליין געשריבען.

— מיקיטאַ, זיי ניט קיין עקשן, זיי זיך מודה, אז פאַלק האָט דיר געהאָלפען. וואו איז פאַלק ?

אָבער פאַלק פלעגט געראדע ביי אזעלכע פעלע קיינמאָל ניט קומען אין גימנאזיע. ער פלעגט צושיקען אַ צעטעלע, אז ער איז קראנק, און אין דער היים זיך פערנעהמען מיט דער פערפאַסונג פון ליעדער.

מיקיטאַ האָט זיך אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן קאָפּ: אָבער דאָס איז דאָך שענדליך צו דענקען אזוי וועגען פאַלק. אַ גו הערר ליעבערמאַן, פּרובירט נור אויסצומאָלען אזאַ זעעלע, וועלכע שליידערט אַ הויפען בלאָטע אין מענשליכען מארך! אדרבה, מאָלט עס אויס, און איך מאַך אייך אַ מתנה אַלע מיינע בילדער, און שיק זיי אָב גלייך צו אייך אהיים אויף מיין חשבון.

און איזאַ טאַנצט מיט פאַלק'ען — איז מיט אַ מאָל ארויסגעשפּרונגען אַ נייער געדאנק. ער קען טאַנצען — אַך, ווי ער טאַנצט.

ער האָט פערשפּירט אַ געפיהל פון האַס.

— פאַלק, מהייערער פאַלק, וואו איז דאָ די פרוי, וועלכע זאָל זיך קענען ווערהען געגען דיר ? און איזאַ ? איזאַ איז אַ טענצערקע, אַ טענצערקע פון פּראָפעסיע. איזאַ, האָסטו אמאָל געגלויבט אין עפּעס ? ווייסטו, וואָס דאָס איז אזעלכעס גלויבען ?

ניין, פון וואַנען זאָל זי עס וויסען ? און זיך אַליין קאָן זי דען ? ניין! און ער? אין זיין נשמה האָט געברענט דער גלויבען פון טויזענדער יאהרען! יאַ! און דארום האָט ער געהאַט אזאַ לעבערליכען וואונש צו בעזיצען די פרוי אין גאנצען. דארום גלויבט ער אויך אין אַ ליעבע, וואָס לעבט איבער די אייביגקייט.

ער איז אויפגעשפרונגען:

ניין, ער געהט ניט צו אילטים. ער מוז זעהן, צי ער קען זיך ניט גובר זיין, און וואס וועט ער דארט טהאן? געהן זעהען, ווי זי הענגט זיך ביי פאלק'ען אויפ'ן אקסעל, ווי זי דריקט זיך צו איהם, ווי זי גיסט זיך צונויף מיט איהם! חא! חא!

מיקיטא האט אראבגענומען פון זיך די בלוזע. איהם האט אזוי שרעקליך געשטיקט.

צו געהן אהין, אלס אן אַטעללאַ, מיט אַ מעסער אונטער'ן מאנטעל, צו זעהען, ווי אילטים ווינקט מיט זיינע אויגען און זאגט צום „זויגער", אז איזא'ס טאנצען זיצט איהם אזש אין די לעבער.

א שמערצענדער פיין האט געריסען זיין מארך.

ניין, ניין, מען מוז דאך אַ מאל ווערען פערנינפטיג. וואס פאר א גרונד האט ער צו צווייפלען אין איזא? קיין איינציגען. טו וואס־זשע איז ער אזוי משוגע?

און דאך איז ער געווארען אלץ אונרוהיגער. זיין שמערץ איז געווארען אונערטרעגליך. ער וועט געהן! ער מוז ווייזען איזא'ן, דאס ער איז קלינער געווארען, און דאס ער האט אויפגעהערט צו צווייפלען. יא, לוסטיג זיין און טאנצען! אבער, מיקיטא, דאס גערארע קענסטו דאך ניט! דו שפרינגסט דאך ווי א פאַ־יאץ אין א ירידן־באלאגאן. און דערצו ביסטו נאך אזוי קליין גע־וואקסען... קלענער פאר איזא. נישקשה פון א פּארעל, ניטאַ וואס צו רעדען.

מיקיטא האט זיך געמוזט אוועקזעצען. איהם האט זיך אויס־געדוכט, אז אימיצער האט איהם מיט אַ קאַסע איבערגעשניטען אלע אָדערען אויף די פיס. אַ, ווי דאס טהוט וועה!

און ער דערמאַנט זיך ווידער אַן זיין לעהרער, ווי ער רעדט צו איהם:

— מיקיטא, קום נור אהער אויף א מינוט!

— וואָס ווילט איהר, הערר לעהרער?

— אַט זעהסטו, מיקיטא, עס איז איינפאך א שאנדע צו

שרייבען אזא אונזין... און וואָלסטו עס כאָטש אַליין געשריבען... איז עס דאָך גאָר פאלק'ס ארבייט.

ווי אזוי ער האָט דאָן ניט דערלאנגט פעטש דעם לעהרער, דעם אַלטען נאַר!

פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען.

— בין איך פון זינען? וואס וויל איך פון פאלק'ען און איזא?

ער האָט זיך אזוי דערשראָקען. דאָס איז דאָך אמת'ע סמנים פון אַן אָנקומענדער קראנקהייט. און דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל. דאָס ווידערהאָלט זיך ביי איהם אַזוי אָפט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז איינמאָל אוועקגעפאָהרען אין ברעטאַן צו נעהמען זיך צו דער ארבייט, ווי עס געהערט צו זיין. נו, האָט ער עס א ביסעל זיך אָנגעארבייט! גלייך אויפ'ן צווייטען טאָג איז ער ארייננעשפרונגען אין וואגאָן און ווי אַן אמת'ער משוגענער געקומען צולויפען צו איזא.

— שוין אזוי גיך צוריק? — ער האָט זיך איהר אויסגע־וויזען אונגעוועהנליך לעבערליך. ווען ער קען, וואָלט ער אין דער ערד אריין פון חרפה.

— זעהסטו, מיקיטא — האָט ער אָנגעהויבען ריידען אין דער הויך צו זיך אליין — דו ביזט אַן עזעל, אַן עזעל מיט אלע קלי־פערלעך. ליעבע דארף מען נעהמען! ניט קוויינקלען זיך, ניט טאפען מיט די פינגער, און אייביג ארומדרעהען זיך, ווי די קאץ ארום הייסע שמאַלץ! ניין, איהר דארף מען נעהמען שטאָלץ און בעוואוסט, דאַן קריגסטו איהר, מאַכען איהר אונטערטהעניג! ניט, אַלס מתנה, ניט אַלס נדבה, ניין, ליעבער מיקיטא, ליעבע קען מען ניט אויסבעטלען.

יא, איצט טאנצען זיי.

ער האָט אָנגעהויבען זינגען א גאסען־ליעדעל.

און דאָך איז עפּעס דאָ א צווייפעל אין דעם? ניין, טהייערער מיקיטא, ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען עס וואָלט ניט געווען וואָס צו צווייפלען... אָבער, נעכטען אויף דעם איזוואָשטשיק... ער האָט

זיך אויפגעהויבען און מיט אונרוהיגע טריט האָט ער אָנגעהויבען צו שפּרייזען איבער׳ן צימער.

שטענדיג פלעגט זי מיך פרעגען: וואָס איז מיט דיר מי־קיטאַ? פלעגט מיר גלעטען די הענד, אוועקלייגען איהר קאָפּ אויפ׳ן ברוסט, און נעכטען גאָר ניט, קיין וואָרט ניט!

— א גוטע נאַכט, מיקיטאַ!

גוד באַי, מאַדאַם איזאַ!

און דאָס אַלעס האָבען זיי זיך געזאָגט ביין געזעגענען זיך.

ער האָט מיט א שטאַרקער פאַלשער שטימע גענומען ווידער זינגען דאָס גאַסען־ליעדעל.

7.

— ניין, ניין, מיין קינד, לאָמיך דיר זאָגען, דאָס אַלע גע־לעהרטע זיינען נאַרען.

אילטיס איז געזעסען אין דעם קרייז פון א גרופּע יונגע מענ־שען, און האָט פאַר זיי ארויסגעלייגט זיין חכמה.

עס איז וואונדערבאַר, ווי אזוי ער האָט זיך ניט דערמאָנט אָן זיינע זעקס און פערציג יאָהר.

פאַלק האָט איהם ניט געקאָנט מוחל זיין זיין נעכטיגע צינישע בעמערקונג. און ער האָט א גאַנצען אבענד געזוכט א געלעגענהייט זיך אָבצורעכענען מיט איהם.

— אַלע! איך, וויינינגסטענס, קען קיין איינציגען אזא גע־לעהרטען. אָבער דאָס כאַראַקטעריזירט אויסגעצייכענט די הערען פּראָפעסאָרען. איך בין געפאָהרען אמאָל מיט א פּראָפעסאָר פון געאָלאָגיע. ער האָט געוואָלט מאַכען אויסמעסטונגען, אָבער די מאַגנעטישע נאָדעל האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט בערוהיגען.

— אהאַ — ערקלערט דיזער חכם — אין קעשענע איז דאָ ביי מיר א מאַגנעט.

טו ווארפט איהם ארויס — זאָג איך צו איהם.

ער האָט דעם מאַגנעט ארויסגעוואָרפען, אָבער די מאַגנעטישע נאָדעל וויל זיך נאָך אַלץ ניט בערוהיגען.

— מסתמא איז ביי איך דאָ א מעסערל — זאָג איך צו איהם. און ווירקליך, ביי אונזער געלעהרטען איז געווען א מעסע־רעל, און אויך איהם האָט ער אַרויסגעוואָרפען. אָבער די מאַגנע־טישע נאָדעל, פונקט ווי פער'כשופ'ט, וויל נאָך אַלץ ניט רוהען.

— וואהרשיינליך זיינען אונטער די פיס ביי איך שטיקער אייזען — נעהם איך זיך די העזה איהם צו זאָגען — קען מען אפשר זיי ניט וואוהין־עס־איז אוועקשליידערען? ניין, דאָס האָט אונזער חכם שוין ניט געקאָנט טהאָן.

אָט ווי אַזוי דיזע אויסמעסטונגען ווערען געמאכט, און אויף זייער גרונד גאָט ווייס וועלכע טהעאָריען בעשאַפען.

— אָבער איז עס טאַקי אונבעדינגט אמת, דאָס אייזען אונטער די פיס איז געווען די אורזאכע? — האָט פאלק געפרעגט.

אילטיס האָט א קוק געטהאָן אויף איהם איבערראשט.

— נאַטירליך!

— נו, פערשטעהסטו, מכח אורזאכען איז עס ניט אימער אַזוי קלאָר. נור גאַנץ זעלטען קען מען אָנווייזען אויף די אמת'ע אורזאכע. נו, למשל, צוריקקומענדיג צו דיין ליעבלינגס־געשפּרעך, קענסטו מיר אָנווייזען די אורזאכע פון דער נידעריגערער ענטוויק־לונג פון דער פרוי?

— עפען דעם ערשטען און בעסטען לעהר־ביכעל פון פיזיאָ־לאָגיע.

— דאָס אָטהעמען, מיינסטו? נו, דאָס איז א לעכערליכער בעוויז. די קינדער פוןביידע געשלעכטער ביז צעהן יאָהר אָט־העמען מיט דער הילף פון בויך, פונקט ווי אַלע פרויען, וועלכע טראָגען ניט קיין קאָרסעט. די אָטהמונג, וואָס מען געפינט געוועהנליך ביי פרויען, איז אויסגעאַרבייט קינסטליך...

— דאָס איז אַלץ מעשות פון די געלערנטע, ליעבער פאלק, זיי בעווייזען גראַדע דאָס ענטגעגענגעזעצטע.

— אַה, ניין, דאָס זאָגען אַרויס מענשען, וועלכע זיינען גאַנץ אונפּאַרטייאיש... אָבער אויך דער צווייטער בעוויז, דאָס די פרוי שטעהט אויף א נידריגערען שטאַפּעל פון ענטוויקלונג, און, נעמ־ליך, דאָס מיט איהר וואוקס און קערפּער איז זי נעהענטער צום

קינד — אויך דיזער בעוויז איז ניט אמת. דאָס רעדט גיכער פאַר די איבערלעגענהייט פון דער פרוי. דער טיפּ פון קינד ווייזט ארויס די אמת'ע גרונדציגע פון דעם מענשליכען מין, וועהרענד דער מענליכער טיפּ בעצייכענט מיט זיך דעם איבערגאַנג צו אַלט־קיים.

— דאָס איז מעטאַפיזיקע, ליעבער עריק. אין אַלגעמיין ביזטו א ביסעל צו פיעל דורכגעדרונגען מיט מעטאַפיזיקע.

— קען זיין, אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אז דו ביסט געקומען צו דיינע שליסע, נור ווייל דו האָסט צוזאַמענגעמישט די מאָר־פאָלאָגישע בעגריפע וועגען אַ העכערע און נידריגערע ענטוויקלונג.

אילטיס האָט געקוקט אויף איהם גאָר ניט פערשטעהענדיג.

— דאָס בעגרייף איך ניט.

— דאָס איז אויך ניט וויכטיג. — פאַלק האָט געזוכט איזא'ן — צו וואָס איבערהויפּט רעדען? איך בין געקומען אהער טאַנצען, און ניט דיסקוטירען. איך וויל טאַנצען.

— געזונטערהייד, מיין טהייערער — האָט אילטיס אויסגע־שריען.

פאַלק איז צוגעגאַנגען צו איזאַ. זי איז געשטאַנען אין דער טיפעניש פון ברייטען צימער. זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו איהם. ניין, דיזער שמייכעל האָט זיך ניט געלאָזט אנאַליזירען. עס האָט זיך אויסגעדרוכט, אז דאָס שמייכעלט די געהיימניספּולע האַלב־פינסטערניס, אין וועלכער זי איז געשטאַנען.

— איהר טאַנצט?

פונקט ווי אַ ליכט־שטראַהל האָט זיך אַ גליטש געטהאָן איבער איהר פּנים.

— מעג איך אייך בעטען? — האָט פאַלק ארויסגערעדט און אַ ציטער געטהאָן.

די בלוט האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן אין קאָפּ, ווען ער האָט צוגעדריקט צו זיך איהר שלאַנקע געשטאַלט.

ער האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דעם טאַנץ, און ער האָט געפיהלט, ווי זיי האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען, ווי זי איז געוואָרען

א טהייל פון זיין זעעלע, און ער האָט זיך געדרעהט ארום זיך אליין, אליין מיט זיך.

ער האָט איהר ניט געזעהען, ווייל זי איז געווען אין איהם, און ער האָט איינגעזאפּט אין זיך דעם ריטמוס, די ליניען און דעם לוקסוס פון איהרע בעוועגונגען, און ער האָט אלעס געפיהלט ווי א צוגאָס און אַן אָבגאָס אין זיין זעעלע, וועלכע איז אָט געוואקסען און אָט פערשוואונדען, אָט שטארק און אָט שוואך געוואָרען.

און דאן פלוצלונג: דער געפיהל פון עטוואס אונענדליך גלאַטעס, קיהלעס פון עפּעס א ווייכע, גלעזערנע אויבערפלעכע.

ער האָט איהר געפיהלט. איהר פּנים האָט זי דערנעהערט צו זיינעם.

די פרייד האָט ווי א פלאַם א שפּריץ געטהאָן פון זיין זעעלע.

ער האָט איהר א רים געטהאָן און צוגעדריקט צו זיך.

זי האָט געהערט איהם.

וועגען אלץ האָט ער פערגעסען. די פיגורען פון די ארומיגע האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין א בלוט־רויטען גארטעל, וועלכער האָט זיך געדרעהט ארום איהם, פונקט ווי א זונען־ראָד. ער האָט געפיהלט בלויז זיך און דיעזע פרוי, וועלכע האָט איהם געהערט.

עס הערט זיך ניט די מוזיק. די מוזיק איז אין איהם. די גאנצע וועלט האָט געקלונגען אין איהם, און האָט געשריען מיט א הייסע לוסט, און ער האָט איהר געטראָגען דורך די גאנצע וועלט און ער איז געווען גרויס און שטאַרק, דאָס ער האָט איהר געקאָנט טראָגען.

וואָס איז אַזעלכעס איזא און מיקיטא?

נור ער אליין האָט עקזיסטירט, און זי איז געווען א טהייל פון איהם, וועלכען ער האָט צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

פערמוטשעטע זיינען זיי אנידערגעפאַלען אויפ׳ן דיוואַן.

ארום האָט געטומעלט. צו זיינע אויערען זיינען צוגעפלויגען אויפגערעגטע, אָבגעריסענע קלאַנגען, וועלכע ער האָט ניט פערשטאַנען. ער האָט נאָך אלץ געזעהען דעם רויט־בלוטיגען זונען־רינג, וועלכער האָט זיך געדרעהט לעבען איהם.

ענדליך איז ער געקומען צו זיך. דער רויטער טומאַן האָט

זיך אויפגעלייזט, און ער האָט נאָר געזעהען לאַנגע, שמאָלע פּאַסען פון טאַבאַק־רויך.

זי איז האַלב געלעגען אויפ'ן דיוואַן און האָט מיט מיה גע־אָטהעמט. איהרע אויגען זיינען געווען ברייט פאַנאַנדערגעעפענט.

ער האָט לייכט זיך צוגעריהרט צו איהר האַנד. זיי זיינען געזעסען אַליין, און קיינער האָט זיי ניט געקאָנט זעהן.

זי האָט געענטפערט מיט אַ ליידענשאַפטליכען נערוועזען דרוק.

און זייערע הענד האָבען זיך צונויפגעדריקט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

זי האָט זיך דערנעהערט צו איהם, שיער זיך אָנגעוואָרפען אויף איהם. זייערע קעפּ האָבען זיך בעריהרט.

זי האָט זיך ניט געוועהרט. ער האָט געפיהלט, ווי זי גיט זיך איהם אָב, ווי זי דרינגט אריין אין זיין האַרץ, ווי זי שפּרייט זיך אוים אויף דעם הייסען, בלוטיגען געלעגער פון זיין האַרץ.

פּלוצלונג האָט זי זיך ארויסגעריסען פון איהם.

— ערלויבט, הערר פאַלק, אייך פאָרצושטעלען דעם ערשטען דייטשען בעשיצער פון קונסט — שערמער האָט בייז געשמייכעלט— הערר בוכענצווייג.

הערר בוכענצווייג האָט זיך נידריג פערנייגט.

— הערר שערמער פיהרט מיך איין אין אייער געזעלשאַפט מיט בעסערע רעקאָמענדאַציאָנען, ווי איך האָב עס פערדיענט. אָבער איך קען דרייסט זאָגען, דאָס די קונסט אינטערעסירט מיך.

בוכענצווייג האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ מינוט און האָט געשוויגען.

אויסגעזעהען האָט ער לעבערליך: אַ פעטער, אַן אָנגעגאָסענער פּנים, אָהן האָר, און אויגען ווייסליכע.

— אייער בוך, הערר פאַלק, האָט מיך אין העכסטען גראַד פעראינטערעסירט און בעצויבערט.

— זעהר גליקליך.

— הערר בוכענצווייג איז שטאַרק פעראינטערעסירט אין קונסט. — שערמער האָט זיך בעמיהט פערבעהאַלטען, דאָס ער איז שטאַרק שכור.

— יא, יא...

— און ווייסט איהר פאר וואס? בוכענצוויינ האט גערעדט מעלאנכאליש און ארויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפ. — ווייסט איהר פאר וואס? נאך פיעלע ענטטוישונגען האב איך בעשלאסען צו זוכען טרויסט אין קונסט.

צו זיי איז צוגעקומען הערר זויגער.

— נו, פאלק, האט איהר ניט ענטדעקט נאך עפעס א זשעניע?

— און האט איהר נאך זיך אליין ניט ענטדעקט?

איזא איז געווען אונרוהיג, און האט זיך קוים צוגעהערט. ווי האט עס איהר פלוצלונג אזוי פערכאפט? ווי האט זי עס געקאנט טהאן? אבגעבען זיך פאלקען... דאס איז דאך לעכערליך, צו ערלויבען א פרעמדען מענשען, מיט וועמען מען האט זיך ערשט נעכטען בעקענט, אזוי דערנעהענטערען צו זיך. זי האט געפיהלט שאנדע און אונרוהיגקייט, ווייל זי האט שוין געוואוסט, אז דיזער מענש איז איהר נעהענטער, ווי זי האט עס געוואלט זיך אליין מודה זיין.

— ווייסט איהר, הערר בוכענצוויינ, — האט שערמער גע־רעדט איראניש, — איהר זיינט ווירקליך א מענש, וואס אינטערע־סירט זיך מיט קונסט און נאך אזעלכע זאכען — טו טהוט זשע עטוואס פאר די דייטשע קונסט! טהוט עטוואס, בארגט א דייטשען ארימען קינסטלער, חאטש מיר, א צוויי הונדערט מארק. יא, טהוט עס.

בוכענצוויינ האט ארויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפ, און האט אריינגערוקט דעם גראבען פינגער פון איין האנד אין א הויזען־קעשענע.

ער האט געמאכט א מינע, דאס ער קוקט ניט אויף איזא, און נור פער׳גנב׳עט האט ער געקוקט אויף איהר.

ווי אונאנגענעהם האט איהר אויסגעזעהען דיזער מענש. אבער ווארום קומט ניט מיקיטא? עס איז שוין געווען אזוי שפעט!

— די פראגע איז נור, אויב איהר האט נאך צוויי הונדערט מארק. — שערמער האט געלאכט. — וויפעל פעניגס האט איהר אין אייער מיליאניגען פערמעגען?

און דיזער מענש האָט זיך ניט בעליידיגט. איזא'ן איז מיט אמאָל עקעלדיג געוואָרען די גאַנצע געזעלשאַפט.

פאַר וואָס קומט ער ניט? וואָס וויל ער פון איהר?

זי האָט געפיהלט אַ מידיגקייט. דיזע אייביגע אייפערזוכט... אָבער זי איז דאָך געווען די איינציגע ביי איהם. קיינע נישט אויסער איהר.

עס איז קלאָר, ער וועט ניט קומען... ער זיצט איצט אין זיין מייסטערסקאיא און מוטשעט זיך, געהט פון זינען אַראָב, און ווארפט זיך איבער'ן צימער.

זי האָט זיך צוגעהערט. פאַלק האָט גערעדט מיט אַ קענטיגע אויפגערעגטקייט.

— לאָזט מיך צורוה מיט אייער אייביגען פלוידערען איבער ליטעראַטור. ביי אונז זיינען דאָ וויכטיגערע זאַכען, ווי דער שטרייט וועגען דעם, וועמען עס געהערט דער ערשטער פּלאַץ אין דער דייטשער ליטעראַטור, צו הויפטמאַן אָדער זודערמאַן.

— נו, נו — הערר זויגער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט.— עס איז דאָך אָבער אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דיביידע.

— איך האָב גאָר אויף אַ מינוט ניט געצווייפעלט אין דעם. איך אַליין בין אַן אָנהענגער פון הויפטמאַן. מעהר פון אַלץ שעץ איך זיינע לירישע ווערק. האָט איהר געלייענט דעם פּראָלאָג, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען צו דער ערעפענונג פון דעם דייטשען טהעאַטער? דאָס איז דער טהייערסטער דימענט פון אונזער מאָדערנער ליריק, חאַ, חאַ!

הערר זויגער האָט אַ וואָרף געטהאָן אויף שערמער אַ פעראַכטענדען בליק און האָט געזאָגט מיט עטוואָס אַ הויכער שטימע.

— איך וויים ניט, פאַלק, איז דאָס ווירקליך אייער איבערצייגונג, אָדער דאָס איז נור אַ שפּאַס. אָבער, בעדענקט זיך, דער מענש, וואָס האָט אָנגעשריבען „די וועבער"...

שערמער האָט איהם ראַש אונטערבראָכען:

— דאָס מאַכט שוין איצט ניט קיין איינדרוק. די צייטונגען האָבען אונז שוין צוגעוועהנט צו סטרייקס, צו אויפשטענדע.

הערר זויגער האָט ערקלערט, דאָס עס איז ניט אָנגענעהם

צו זיין אין דער געזעלשאפט פון א שיכור'ען מענשען, און דער שכור'ער שערמער האט איהם אויף דעם געענטפערט מיט איינינע זעהר ניט קיין שעהנע אויסדריקע. די גרופע מענשען האט זיך באלד צושפרייט, און געבליבען זיינען נאר פאלק און איזא.

איצט האט ער איהר פלוצלונג דערפילהט אזוי וויט פון זיך, אזוי פרעמד — ער איז געווען שטארק צורייצט. ער איז קלאר, אז זי זיצט ווי אויף נאדלען אוןווארט אויף מיקיטא. ער האט געפיהלט א שניידענדען שמערץ.

— ניין, הערר פאלק, מיקיטא וועט שוין היינט ניט קומען, — האט זי פלוצלונג ארויסגערעדט.

— בלייבט נאך. ער קען קומען יעדע מינוט.

— ניין, ניין, ער וועט ניט קומען. איך וויל געהן איצט אהיים. איך בין אזוי מיעד. איך בלייב הא ניט לענגער.

— מעג איך אייך בעגלייטען?

— ווי איהר ווילט...

פאלק האט פערביסען די ליפען. ער האט געזעהען איהר אונרוהיגקייט.

— אפשר ווילט איהר ניט, איך זאל אייך בעגלייטען?

— ניין... ניין... איך בעט אייך, נאר לאמיר שוין געהן אהיים, לאמיר געהן...

.8

זיי זיינען ארויס אויפ'ן גאס.

— רופען אן איזוואשטשיק?

— ניין, ניין, לאמיר געהן צופוס...

מיקיטא איז וואונדערבאר זיכער. האט צוגעזאגט דורכאויס צו קומען. פאר וואס זשע איז ער ניט געקומען? פאר וואס איז ער ווידער אייפערזיכטיג? ניין, דאס האט איהר שוין צו שטארק פערדראסען, זאגאר געפייניגט. זי האט זיך געפיהלט פונקט ווי געבונדען. זי האט קוים ערלויבט זיך צו רעדען מיט

אימיצען. אייביג האָט זי געפיהלט אויף זיך זיין דורכדרינגענדען, פערדעכטיגען בליק.

און דיזע געשיכטע אין פראַנקפורט! ניין, דאָס איז געווען שוין צופיעל — ער האָט איהר שוין צופיעל געמוטשעט. האָט ער דען ניט געקאָנט פערשטעהן די פרייד, וואָס מען פיהלט, ווען מען בעגעגענט פלוצלונג אַ לאַנדסמאַן אין אַ פרעמדער שטאָדט? און ער איז אוועק אין אַ צווייטען צימער און געשריבען בריעף, אום צו בעהאַלטען זיין ווילדען כעס.

זיי זיינען געגאַנגען דורך דעם טהיר־גאַרטען.

די וואַרימע מערץ־לופט האָט איהר ביסלעכווייז בערוהיגט.

איצט וועט ער געוויס זיין אין כעס, ווארום זי האָט אויף איהם נאָך עטליכע שטונדען ניט געוואַרט ביי אילטיסען.

— קענט איהר פערשטעהן, הערר פאַלק, ווארום מיקיטאַ איז ניט געקומען?

— אַך, מסתמא ווידער אַ שלעכטע שטימונג...

אָבער פאַלק האָט זיך גלייך פערשעהמט פאַר זיינע ווערטער.

— אודאי פלאַגט ער זיך איבער דער אַרבייט, און דאַן וויל ער קיינעם ניט זעהען און נאָך מעהר זיך לאַנגווייליען אין אַזאַ געזעלשאַפט.

זיי זיינען אַנשוויגען געוואָרען.

עס איז געווען אַ וואונדערבאַרע שטילקייט. אַ פינסטערער געפיהל פון אונרוהיגקייט האָט זיך פער׳גנב׳עט אין איהר האַרץ. ווי גוט איז עס, דאָס פאַלק איז מיט איהר!

— קען איך אייך פאַרשלאָגען די האַנד מיינע?

זי איז איהם געווען כמעט ווי דאַנקבאַר פאַר דעם.

זי האָט געטראַכט וועגען דעם פערבראַכטען אָבענד, וועגען דער געזעלשאַפט, אָבער זי האָט שוין ניט געפיהלט ניט קיין שאַנדע און ניט קיין אונרוהיגקייט. ניין, אומגעקעהרט, עס האָט איהר אַרומגעכאַפּט עפּעס אַן אַנגענעהמע, מילדע וואַרימקייט.

— פאַרוואָס שווייגט איהר? — איהר שטימע האָט געקלונגען ריהרענד.

— איך האָב ניט גערעדט, ווייל איך האָב געמיינט, אז דאָס רעדען וועט אייך זיין איצט ניט אַנגענעהם.

— ניין, ניין, איהר האָט אַ טעות. דיזע געזעלשאַפט האָט מיך צורודערט, דאַרום בין איך געווען אַזוי אונרוהיג. איצט בין איך צופרידען, וואָס מיר זיינען אַליין.

זי האָט עס אַרויסגערעדט מיט אַן אונגעוועהנליכער אָפּענ־הערציגקייט.

— זעהט איהר — פאַלק האָט אַ שטילען שמייכעל געטהאָן — איך האָב גענוג גרינדע צו שווייגען און טיעף זיך צו פערטראַכטען וועגען זיך אַליין.

ער האָט געפיהלט, דאָס זי הערט זיך צו אויפמערקזאַם.

— זעהט איהר, דאָס איז עטוואָס אונגעוועהנליכעס... מען דאַרף מיך ניט שלעכט פערשטעהן. איך רעד מיט אייך וועגען דעם, ווי וועגען אַ גערעטעניש, ווי וועגען אַ געהיימניס, ווי וועגען אַ וואונדערליכע אויפלעבונג פון טויטע...

פאַלק האָט לייכט זיך אָבגעהוסט. זיין שטימע האָט געציטערט.

ווען איך בין נאָך געווען אין גימנאַזיע, איז מיר שטאַרק געפעלען געוואָרען איין אידעע פון פּלאַטאָ. און נעמליך, ער האַלט דאָס ערדישע לעבען בלויז פאַר אַן אָבשטראַהלונג פון דעם לעבען, וועלכעס מיר האָבען שוין ווען־עס־איז איבערגעלעבט, אַלס אַן אי־דעע. אַלעס, וואָס מיר זעהען, איז בלויז אַן ערינערונג פון דעם, וואָס מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, איידער מיר זיינען געקומען אויף דיזער וועלט. אָט זעהט איהר, דאַן האָב איך ליעב געהאַט דיזע אידעע צוליעב איהר פּאָעטישען אינהאַלט און איצט טראַכט איך וועגען איהר שטענדיג, ווייל זי פערווירקליכט זיך אויף מיר אַליין. אך דערצעהל עס אייך גאַנץ אָביעקטיוו, ווי איך האָב אייך נעכטען דערצעהלט וועגען די אינדישע פאַקירען, וואָס פיהלען ניט די ווירקונג פון פייער. איהר דאַרפט עס ניט פערשטעהן אין שלעכטען זין... פאַר אייך בין איך אייגענטליך אַ גאַנץ פרעמדער מענש.

— ניין, איהר זיינט פאַר מיר ניט קיין פרעמדער...

— ניין, ווירקליך ניט? איהר וועט ניט גלויבען, ווי דאס פרעהט מיך. נור צו אייך, צו אייך אליין וואלט איך ווירקליך ניט געוואלט זיין קיין פרעמדער. זעהט איהר, קיינער קען מיך ניט. אלע האסען מיך, ווייל זיי קענען ניט פערשטעהן. דארום זיינען זיי אזוי מיסטרויאיש און פערדעכטיג... אבער פאר אייך וואלט איך געוואלט עפענען מיין הארץ.

ער האט זיך אבגעשטעלט. איז ער ניט פערגאנגען צו ווייט? זי האט ניט געענטפערט. הייסט עס, אז זי ערלויבט איהם צו געהן ווייטער.

— יא, איז וואס האב איך געוואלט זאגען? איז אט נעכטען, נעכטען, מאדנע, אז דאס איז ערשט נעכטען פארגעקומען... ווען איך האב אייך נעכטען דערזעהען, האב איך געוואוסט דאס איך האב אייך שוין לאנג געקאנט. איך האב אייך געמוזט זעהן וואו עס איז. פערשטעהט זיך, אז איך האב אייך אין ערגעץ ניט געזעהען, אבער געקאנט האב איך אייך. היינט קען איך שוין אייך א גאנצע אייביגקייט, און דארום רייד איך עס. מיר איז נויטיג דאס אלעס איינצורעדען. יא, געוועהנליך קען איך זיך בעהערשען, אבער נעכטען, אויפ'ן איזוואזטשיק האב איך עס ניט געקאנט; איך האב געמוזט אייך א קוש טהאן די האנד, און בין אייך טיעף דאנקבאר, וואס איהר האט זי ניט אוועקגענומען פון מיר... איך פערשטעה ניט... אימער זעה איך מענשען אויף א געוויסע ווייט־קייט... מיין זעעלע איז פרום, גאנץ און זי לאזט ניט צו קיין מענשען נאהענט צו זיך. איך פיל, ווי יעדע בעוועגונג אייערע צוגיסט זיך איבער מיינע נערוועו, און דאן זעה איך אנדערע מענשען אין דער געשטאלט פון א פייערדיגען רינג, וואס דרעהט זיך ארום מיר...

איזא איז געוועזען ווי היפנאטיזירט. זי האט עס ניט געטארט הערען... זי האט געפיהלט אויף זיך מיקיטא'ס אויגען, וועלכע דרינגען דורך ביז'ן דעק... אבער דיזע ברענענדע, ליידענשאפט־ליכע ווערטער... קיין מענש האט נאך אזוי ניט גערעדט מיט איהר.

פאלקען האט פערכאפט א שטראם, וואס האט געשלעפט איהם אלץ ווייטער און ווייטער. איצט איז איהם שוין געוועזען אלץ איינס, וואס ער רעדט. ער האט זיך שוין קיין מיה ניט געגעבען צו בע־

הערשען זיך. ער האט געפיהלט א בעדירפניס ווייטער צו רעדען. איהם האט זיך אויסגעדוכט, דאס אין זיין זעעלע האט זיך עטוואס אויפגעעפענט, און איצט פלאקערט פון דארט א היץ, וואס ער קען בשום אופן ניט צוריקהאלטען.

— איך וויל פון אייך גאר ניט; איך ווייס, דאס איך האב קיין רעכט ניט צו וועלען. איהר ליעבט מיקיטא...

— יא — האט זי געענטפערט נאכלעססיג.

— יא, יא, איך ווייס עס. איך ווייס אויך, אז אלעס, וואס איך רעד, איז נאריש, שרעקליך נאריש און לעכערליך. אבער איך מוז ריידען. דאס איז די וויכטיגסטע פאסירונג אין מיין לעבען. איך האב קיינמאל ניט געליעבט, און ניט געוואוסט, וואס דאס איז ליעבע, איך האב עס געהאלטען פאר א לעכערליכען, קראנקהאפטען געפיהל, וועלכען די מענשהייט דארף בעקעמפפען אין זיך. און איצט איז זי מיט א מאל געקומען... אין איין מינוט, ווען איך האב אייך דערזעהען, אין כוואליעס פון רויטען ליכט, ווען איהר האט געפרעגט מיט אייער רעטהזעלהאפטער, פונקט ווי פערוואלקענטער שטימע: „זיינט איהר עס, אלזא?" און אייער שטימע האט מיר אויסגעדוכט זיך אזוי בעקאנט. איך האב געוואוסט, אז נור איהר דארפט אזוי ריידען, האב עס ערווארטעט. האב אויך געוואוסט, אז די פרוי, וועלכע איך זאל קענען ליעב קריגען, דארף אויסזעהען טאקי נור אזוי, ווי איהר. דער רעטעניש פון מיין זעעלע איז אויפגעקלערט געווארען. אלעס, וואס איך האב ביז איצט ניט געוואוסט, איז מיר קלאר געווארען.

— ניין, הערר פאלק, רעדט ניט מעהר. איך בעט אייך רעדט ניט. מיך פייניגט עס, דאס איהר מוזט ליידען צוליעב מיר. איך קען דאך אייך גאר ניט געבען, גאר ניט...

— איך ווייס עס, איזא, איך ווייס עס זעהר גוט. און איך בעט אויך גאר ניט. איך וויל נור זאגען...

— איהר ווייסט דאך אבער, אז איך ליעב מיקיטא.

— און ווען איהר וואלט געליעבט טויזענד מיקיטאס, מוז איך עס אויך זאגען. עס איז נויטיג...

ער איז פלוצלונג שטיל געבליבען.

וואָס האָט ער געוואָלט זאָגען?

ער האָט זיך צולאַכט.

— וואָס לאַכט איהר?

— דאָס איז גאָר ניט, איזא, גאָר ניט. איך האָב זיך געגור־מען אין די הענד.

ער איז געוואָרען ערנסט און טרויעריג.

ער האָט צוגעטראָגען איהר האַנד צו די ליפּען און אַ קוש גע־טהאָן. און ער האָט דערפיהלט אַ פיבערישע היץ אין דיזער לאַנ־גער, שמאָלער האַנד.

— זייט ניט אין כעס אויף מיר. איך האָב פערלאָרען די זעלבסט־בעהערשונג. איהר דאַרפט מיך פערשטעהן. איך האָב קיינמאָל אין לעבען ניט ליעב געהאַט. און איצט דיזער נייער אונ־בעקאַנטער געפיהל האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף מיר מיט אַזאַ קראַפט, דאָס איך בין ווי בעטויבט. פערגעסט אַלעס, וואָס איך האָב געזאָגט.

ער האָט טרויעריג אַ שמייכעל געטהאָן.

— איך וועל מיט אייך מעהר וועגען דעם ניט רעדען. איך וועל אייך שטענדיג ליעבען, ווייל איך קען ניט אַנדערש, ווייל איהר זיינט מיין נשמה, מיין הייליגע, ווייל איהר זיינט אין מיר דאָס, וואָס מאַכט מיך צו זיין איך, און ניט קיין אַנדערער.

און ווידער האָט ער געקושט איהר האַנד.

— לאָמיר בלייבען פריינד, ניט אמת? און ביי אייך וועט זיין אַן אַנגענעהמער געפיהל, דאָס איהר זיינט די וויכטיגסטע, די בעסטע, די שעהנסטע פּאַסירונג אין מיין לעבען.

זיין שטימע האָט זיך אָבגעריסען און ער האָט נור געקושט איהר האַנד.

און זי האָט געשוויגען און שטאַרק געדריקט זיין האַנד.

פאַלק האָט זיך בערוהיגט.

— איהר זיינט ניט אין כעס אויף מיר?

— ניין.

— און איהר וועט זיין מיין פריינד?

— יאָ.

— איצט זיינען מיר פריינד, איזא. מעג איך אייך בעטען אויסצוטרינקען מיט מיר א גלאז וויין? לאמיר בעפעסטיגען אונ־זער פריינדשאפט.

איזא האט זיך געשלאגען מיט דער דעה.

— איהר וועט מיר מאכען מיט דעם דעם גרעסטען פערגניגען. איך וואלט מיט אייך געוואלט פערברענגען, ווי מיט א חבר.

זיי זיינען אריין.

פאלק האט בעשטעלט בורגונדער. זיי זיינען געווען אליין. דאס צימער, וואו זיי זיינען געווען, האט זיך אבגעטהיילט פון זאל מיט א פארטיערע.

— איך דאנק אייך. איך האב קיינמאל ניט געהאט קיין פריינד.

ביי איזא'ן האט זיך געדרעהט אויפ'ן צונג דער נאמען מיקי־טא, אבער זי האט געשוויגען, איהר איז געווען ניט אנגענעהם ארויס־צורעדען דיזען נאמען.

מען האט געבראכט דעם וויין.

— איהר רויכערט?

— יא.

איזא האט זיך אבגעווארפען אויפ'ן רוקען פון דיוואן, האט פעררויכערט א פאפיראס, און האט ארויסגעלאזען א רינגעל רויך.

— אויף די געזונדהייט פון אונזער פריינדשאפט. ער האט אויף איהר א בליק געטהאן מיט א פריינדליכע לאסקע.

— איך בין אזוי גליקליך, איזא, איהר זיינט אזוי גוט צו מיר, און נאכהער — ניט אמת? — פארדערען מיר גאר ניט איינער פון אנדערען. מיר זיינען גאנץ פריי...

ער האט ווידער בעמערקט דיזען הייסען שיין ארום די אויגען. ניין, ער האט איהם ניט געוואלט זעהען. דורשטיג האט ער אויס־געטרונקען א גלאז וויין, האט ווידער אנגעגאסען און האט זיך פער־טראכט.

— יא, יא, די מענשליכע זעלע איז א מערקווירדיגע רע־טעניש.

ווידער א שטילקייט.

— איהר האָט געלייענט ניטשע? — האָט ער פלוצלונג גע־פרעגט.

— יאָ.

— און דיזער פּלאַץ פון זאַראַטוסטראַ: די נאַכט איז טיע־פער, ווי דער טאָג איז דאָס אינשטאַנד זיך פאָרצושטעלען.

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— הם, ניט אמת אפשר? — ער האָט געשמייכעלט צו איהר — די זעעלע איז אויך טיפער אין דער וויהקליכקייט, ווי זי ווייזט זיך אַרויס אין דעם נאַרישען בעוואוסטזיין.

זיי האָבען זיך איבערגעבליקט. זייערע בליקען האָבען זיך צונויפגעגאָסען.

פאַלק האָט ווידער געקוקט אין גלאָז.

— איך, אייגענטליך, בין אַ ספּעציאַליסט אין פּסיכאָלאָגיע, איהר פערשטעהט, אַ ספּעציאַליסט. דאָס הייסט, איך האָב אויס־געמאָסטען די שנעלקייט, מיט וועלכער עס ווערען אויפגענומען די אויסערליכע איינדריקע, האָב אויסגעמאָסטען די צייט, וואָס איז נויטיג, אום דער איינדרוק, וואָס איז אויפגענומען געוואָרען מיט דער הילפע פון די געפיהלען, זאָל קענען דערגרייכען דעם בע־וואוסטזיין, אָבער אויף דעם געביט פון ליעבע האָב איך גאָר ניט אויסגעפאָרשט... נאָכהער, פּלוצלונג.. נו, יאָ, אויף אייער געזונדהייט.

ער האָט אויסגעטרונקען.

— ניין, ניין, פון דיזע אַלע אויסמעסטונגען איז גאָר ניט אַרויסגעקומען. היינט ביי נאַכט האָט מיך מיין זעעלע מעהר גע־לערענט, ווי פיער־פינף יאָהר, וואָס זיינען אוועק אויף די ערלער־נונג פון דער זאָגענאַנטער פּסיכאָלאָגיע... מיר האָט זיך געחלום'ט... ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ — און אייך איז ניט לאַנגווייליג צו הערען מיך ריידען?

— ניין, ניין...

זיי האָבען ביידע געשמייכעלט.

— איז אָט היינט האָט זיך מיר געחלום'ט, דאָס איך מיט אייך שווימען אויף אַ שיף איבער'ן ים. עס איז געווען פינסטער. דער שווערער, געדיכטער טומאַן האָט אַרומגעוויקעלט די שיף, אַ

טומאן, וואָס האָט אריינגעדרונגען זאַגאר אין שיף, א שווערער, ווי בליי, א שטיקענדער, א שרעקליכער. איך בין געזעסען מיט איך אין סאלון און גערעדט — ניין, ניט גערעדט. עפּעס אין מיין זעעלע האָט גערעדט אָהן טענער, א שטימע ניט קיין קערפּערליכע, אָבער איהר האָט ניט פערשטאַנען. און דאן האָבען מיר זיך אויפ־געהויבען. מיר האָבען ביידע געוואוסט, וואָס עס וועט פאָרקומען — עטוואָס שרעקליכעס... און דאָס האָט פּאַסירט... א שרעקליכער קלאַפּ, עפּעס א פּאַראַחאַד האָט זיך אריינגעשניטען אין אונזער שיף. נור מיר ביידע האָבען ניט געפיהלט קיין שרעק. מיר האָ־בען נור געזעהען איינער דעם אנדערען און שטארק זיך געהאַלטען פאַר די הענד. אָבער פּלוצלונג זיינט איהר פערשוואונדען פון מיי־נע אויגען. איך האָב זיך דערזעהען אין דער רעטונגס־שיפעל, דער ים האָט אונז געוואָרפען צום סאמע הימעל, און דאן ווידער אריינ־געשליידערט אין אָבגרונד.

איך בין געווען גלייכגילטיג צו אַלץ, וואָס מיט מיר איז פּאָר־געקומען. נור מיין מארך איז, דאכט זיך, פערטיג געווען צושפּרונ־גען צו ווערען פון דער זינלאָזער, שרעקליכער מורא וועגען דעם, וואָס מיט אייך איז פּאָרגעקומען. דאן האָב איך דערזעהען, ווי דער שיף איז איינגעזונקען מיט אַן אונגעוועהנליכער שנעלקייט, עס האָט זיך געזעהען בלויז די גרעסטע מאַשטע, און אויף איהר, אויפ׳ן סאמע שפּיץ — איהר. אין דעם זעלבען אויגענבליק האָב איך זיך א וואָרף געטהאָן אין ים, האָב אייך א כאַפּ געטהאָן, און איהר, אָהן כחות, אָהן בעוואוסטזיין, זיינט געבליבען הענגען אויף מיין האנד. א שרעקליכע משא. איך האָב זיך לענגער ניט גע־קאָנט האַלטען, נאָך א מינוט, און מיר וואָלטען ביידע איינגעזונ־קען... מיט א מאָל זיינען דער טומאן און די וואָלקענס פערוואַנ־דעלט געוואָרען אין א ריעזען־געשטאַלט. דיזע האָט זיך צואוואָר־פען איבער׳ן גאנצען הימעל, א קאַלטע, א שרעקליכע, א גלייכגיל־טיגע. דיזער ים און הימעל, איך און איהר, א גאנצע וועלט, איז געווען איינס: דער שיקזאַל, דאָס בעשערטע.

זי איז געוואָרען אונרוהיג. ער האָט געקוקט אויף איהר אזוי מאָדנע. און ער האָט פּלוצלונג אונטערבראָכען זיך אליין:

— ניט אמת, א מאָרגנער חלום.

זי האָט זיך בעמיהט אויסצוהערען גלייכגילטיג און האָט גאָר ניט געענטפערט.

א מינוט האָט ער אויף איהר געקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען, וועלכע האָבען געברענט מיט א פיעבערשען פייער. דאַן האָט ער ווידער א קוק געטהאָן אין גלאָז.

— דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, וואָס דער שיקזאַל האָט זיך צו מיר געוויזען.

זיין שטימע האָט געקלונגען מאָנאָטאָן, נאָכלעסיג. אָבער ער האָט איהר צוגעשמידט צו זיך. אין איהם איז געוועזן עטוואָס היפּנאָטיזירענדעס. זי האָט געמוזט איהם הערען.

— איך האָב אויך ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז נויטווענדינקייט. איצט וויים איך. זעהט איהר, איך בין דורכגעגאַנגען דאָס לעבען גלייכגילטיג צו אַלץ, ניט פיהלענדיג קיין בייזעס. שטאַרק האָב איך געהערשט מיט מיין שכל. עס איז ניט געוועזן קיין געפיהל, וואָס איך זאָל ניט קענען גובר זיין. און מיט א מאָל קומט איהר, איהר, וועלכע איך האָב שוין א מאָל געזעהען מיט מיין נשמה, איהר, אין וועלכער עס איז בעהאַלטען דער גאַנצער סוד פון מיין קונסט... איך בין געוועזן אזוי שטאַרק, אזוי קאַלט, און איצט קומט איהר, און מיין גאַנצער לעבען בעשטעהט פון דיזער איינציגער פּאַסירונג. איהר האָט פערנומען מיינע אַלע געדאַנקען. וועגען קיין אַנדער זאַך קען איך ניט דענקען. איהר ווערט דער אינהאַלט פון מיין מארך.

— ניין, פאַלק, רעדט ניט פון דעם. מיך פּלאָגט אזוי דער געוויסען, דאָס איך מוז זיין די אורזאכע פון אייערע ליידען

— ניין, איזא, איהר האָט א טעות. איך בין גליקליך. איהר האָט פון מיר געמאַכט א נייעם מענשען. איהר האָט מיר געגעבען א רייכטהום, וואָס איז ניט איבערצושעהלען — איך וויל פון אייך גאָרניט, איך וויים דאָך, אז איהר ליעבט מיקיטאַ...

איזא האָט געפיהלט, ווי זי ווערט אַלץ אונרוהיגער. זי האָט גאָר פערגעסען אָן מיקיטאַ. ניין! זי טאָר אזוי לאַנג ניט זיצען דאָ און טאָר איהם מעהר ניט הערען. זי האָט זיך אויפגעהויבען.

— איצט וועל איך געהן.

— בלייבט, בלייבט נאָך אַ מינוט.

עטוואָס האָט געצוואונגען איהר צו בלייבען, אָבער זי האָט זיך דערמאָנט אָן מיקיטאַ. איהר אונרוהינקייט איז אַלץ געוואַקסען. זי האָט זיך אָנגעהויבען איילען.

— ניין, ניין, איצט מוז איך געהן. איך קען ניט זיצען לענגער. איך קען ניט, קען ניט... איך בין אַזוי מיעד.

פאַלק האָט מיט מיה אונטערדריקט אַ נערוועזען געלעכטער.

פאַר'ן טויער פון הויז זיינען זיי שטעהען געבליבען.

פאַלק האָט זיך גענומען אויפשליסען די טיר. שווער איז איהם אָנגעקומען, ביז ער האָט אויסגעפונען דעם לעכעל פון שלאָס. ענדליך.

זי איז אריין אין קאָרידאָר. ער נאָך איהר. און זיי זיי־נען ווידער שטעהן געבליבען.

וואָס האָט ער נאָך געוואָלט?

— אַ גוטע נאַכט, פאַלק.

ער האָט שטאַרק געדריקט איהר האנד. זיין שטימע האָט געציטערט.

— מיר דאַכט זיך, אַז מיר וואָלטען זיך בעדאַרפט צוזעגענען וואַרימער, הערצליכער.

די טיר איז געוועזן האַלב־אָפען. דער שיין פון לאָמפּ איז געפאַלען אויף איהר פּנים.

זי האָט אויף איהם אַ בליק געטהאָן אַזוי מאָדנע, מיט אַזאַ פערוואַנדערונג. ער האָט זיך צומישט.

— אַ גוטע נאַכט.

ער האָט דערהערט דעם קלאַנג פון שליסעל אין שלאָס. ער האָט זיך צוגעהערט. מיט לייכטע, שנעלע טריט איז זי אַרויפגע־גאַנגען אויף די טרעפּ.

דאַן האָט ער געמאַכט עטליכע טריט. און פּלוצלונג, אונער־

ווארטעט פאר זיך זעלבסט, האָט ער א געשריי געטהאָן מיט אלע כחות. וואָס זאָל עס מיינען?

צו האָט ער אין דיזען זינלאָזען געשריי געוואָלט ארויסברייגען פון זיך זיין ענערגיע? ענטציקענד! וואָס פאר אן עזעל ער איז! אונאַנגענעהם. ווי נאַריש דאָס זיינען געווען די ווערטער זיינע וועגען א הערצליכען געזעגענען זיך. אַך, ווי לעכערליך ער האָט געמוזט אויסזעהן אין איהרע אויגען.

ער, דער גרויסער, אלעם פערניכטענדער אָבשפעטער, און פלוצלונג איז ער פערליעבט, ווי א קליין אינגעל.

גאָט, ווי דאָס איז ניט אנגענעהם. און צו דעם אלעם נאָך די ערינערונג, וועלכע האָט איהם פלוצלונג אָנגעהויבען אזוי פייניגען.

איהם איז דאן געווען אין גאנצען דרייצעהן יאהר, ווען ער האָט פרובירט צום ערשטען מאָל זיך פערליעבען. ער האָט זיך דאן געפיהלט אונענדליך גרויס. דיזע טיעפזיניגע, געניאלע געשפרעכען, וועלכע ער האָט געפיהרט מיט דער דאַמע פון זיין הארצען... די פּאָעזיע פון שיללער און לענאו... און די געלע הענדזשקעס, וואָס ער האָט זיך געקויפט צו דיזער געלעגענהייט.

איינמאָל אין אָווענד האָט דער קלאס-לעהרער איהם געכאפּט ביי אזא געשפרעך.

און וואָס מאָרגען איז געווען, דאָס איז גאָר געווען אויסגעצייכענט.

עס האָט א קלונג געטהאָן דער גלעקעל צו דעם צעהן-מינוטען אָברוה.

אלע האָבען זיך א ווארף געטהאָן צום שול-הויף.

— פאלק, בלייב דאָ.

ער האָט שוין געוואוסט, וואס איהם ערווארטעט.

— קום אהער!

ער איז געגאנגען צו דער קאפעדרע פונקט ווי צו דער תליה.

— ברענג א בענקעל!

ער האָט געבראכט.

— לייג זיך!

ער האָט זיך געלייגט.

א גראָבער קאָמישעווער שטעקען האָט א פייפ געטהאָן אין דער לופט, האָט געציטערט, זיך אויסגעבויגען, אראבגעלאָזען זיך און האָט געסווישטשעט אלץ ראשיגער, אלץ שמערצליכער...

גאָט, ווי דאָס האָט וועה געטהאָן! וואָס לאכט איהר, טהייערע? דאָס איז א מורא׳דיגע טראגעדיע. זעלטען אין לעבען האָב איך געליטען אזוי שטארק, ווי דאן... ווען איהר לאכט פון דעם, ווייזט איהר נור דערמיט ארויס אייער נארישקייט. פערשטעהט איהר דען ניט, אז דאָס איז דער לעבען? דאָס לעכערליכע צוזאמען מיט דאָס טראגישע. גאָלד אין בלאָטע. די גרעסטע הייליגטהום צווישען געמיינהייט — יא, אָט זעהט איהר, דאָס פערשטעהט איהר ניט.

העגעל, דיזער אלטער פרייסישער פילאָזאָף, איז געוועזן דער קליגסטער מענש. אין אלגעמיין, ווייסט איהר עטוואס פון העגעל? איז אָט זעהט איהר, זיין גאנצע פילאָסאָפיע איז ענטהאלטען אין דער פראגע, ווארום די נאטור נעהמט אָן פאר די אויספיהרונג פון איהרע העכסטע צוועקען אזעלכע ניט־עסטעטישע מיטלען, ווי, צום ביישפיעל, די געשלעכטס־אָרגאנען, וועלכע דינען אי פאר די בעפרוכטונג און אין פאר די ארויסווארפונג פון דאָס וואָס דער מענש האָט פערברויכט. אָהן צווייפעל, דאָס איז זעהר אינטערעסאנט, אינטערעסאנט ביז צום לעכערליכען, ביז צום עקעל, אָבער אזוי זיינען שוין אימער די הייליגסטע זאכען.

פאלק איז געוואָרען אמת ווילד.

מען דארף דאָך סוף כל סוף ריכטיג איבערלייגען זיך, בעקלערען עס גרינדליך: ליעבע, אָך, די ליעבע! אָנפאנגס א מאָדנע צוטומעלטקייט, צושראָקענע בליקען, דאן ברענענדע אויגען, ווייטער א ציטער אין די הענד, פונקט ווי דו וואָלסט טעלעגראפירט אויף די ווייטקייט פון עטליכע הונדערט מייל. דאן, די ערהויבונג און די אראָבלאָזונג פון דער שטימע, אָט כריפעט זי, אָט קוויטשעט זי. דאן א גאנצע רייהע פון אונבעוואוסטע בעוועגונגען, א זינלאָזער באַפּען פון זאכען, און פאָכענען מיט זיי, א שוואכקייט אויף די

פיס, א הוסטען... איז דאָס אַלעס ניט לעכערליך? איז דאָס ניט לעכערליך אין העכסטען גראַד?

און אַנטקעגען זיצט זי איצט און מונטערט מיך אויף מיט איהר שמייכעל, וועלכער ווייזט, אַז זי ווייסט דעם חלוק פון גוט און שלעכט...

נו, דיזע אַלע אַקטיאַרישע טריקס זיינען אונז גוט בעקאַנט. האָב איך דען היינט שלעכט געשפּיעלט?

טאַקי דערפאַר, ווייל איך בין אַן אָריגינאַל, ניט עהנליך צו אַלע אַנדערע, פעראייניגט זיך אין מיר אַלעס: ווינשע, שטרעבונג, וואַהרהאַפטיגקייט, וויסען און אונוויסענהייט, ליגען און אמת, טויזענדע הימלען פילען מיך אָן. אָבער פון דעסטוועגען בין איך דאָך לעכערליך.

און געראַדע דאָ קען מען מיט קיין זאַך ניט העלפען, אָבער טאַקי מיט גאָרניט. אין דעם בעשטעהט דער אייזערנער געזעץ, דער בעשטענדיגסטער פון אַלע, דאָס דער מענש, אום צו דערגרייכען דעם לעכערליכען צוועק, מוז זיך מאַכען טויזענד מאָל לעכערליך אין די אויגען פון דער געליעבטער פרוי...

מיט אַמאָל האָט ער איבערגעריסען דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען.

— אַלזאָ, ער האָט דעם געפיהל פון שאַנדע... יאָ, יאָ, פּונקט ווי ביי דעם ערשטען און בעסטען שול־יונג. אויך ער פיהלט זיך לעכערליך, ווען ער פאַלט אַרונטער פון פערד אין דער אַנוועזענהייט פון זיין געליעבטער, וועלכע ער פערגעטערט.

אָבער איזאַ איז דאָך געווען פאַר איהם אַ פרעמדע, דורך און דורך אַ פרעמדע. ער האָט גאָר ניט געוואוסט וועגען איהר. ניט אויף דאָס מינדעסטע — איז ער אַריינגעדרונגען אין דעם סוד פון דעם פערוואָלקענטען שמייכעל פון דיזען אונענדליך ליעבען און נאָהענטען וועזען.

און אין דיזע גאַנץ פרעמדע פרוי, וועגען וועלכע ער האָט דאָס מינדעסטע ניט געוואוסט, האָט ער זיך פערליעבט!

פּלוצלונג, מיט אַמאָל, אין איין סעקונדע.

עי, אהערצו קומט, איהר טויזענדע קליגסטע פּסיכאָלאָגען!

אהער קומט איהר, וועלכע ווייסען אלעס, איהר, די אנאטאמיקער פון דער זעעלע, איהר אנאליטיקער, קומט אהער און ערקלערט מיר...

דער פאקט איז אזעלכער: אין דעם משך פון איין סעקונדע האב איך זיך פערליעבט אין א פרוי, פעווליעבט זיך צום ערשטען מאל אין לעבען.

איז עס, ווייל אין מיר האט ערוואכט א געפיהל פון לוסט? איהר האט א טעות. דיזער געפיהל האט ביי מיר קיינמאל ניט געשלאפען.

איז עס, ווייל איך האב זיך עס אליין איינגערעדט? ניט אמת, איך האב זיך גאר ניט איינגערעדט. מיין מארך האט אין דעם גאר קיין אנטהייל ניט גענומען. איך האב גאר קיין צייט ניט געהאט זיך צו פערטראכטען. און דאן שעהמט זיך. איהר, די אויפבויער פון דער פילאזאפיע פון ליעבע, פון דיזער פאנטאסטי־שער פיזיאלאגיע, האט געמעגט וויסען, אז די לוסט טראכט מען ניט אויס. די לוסט — דאס איז א בייזע נארישע חיה, א נארישע און א לעבערליכע.

ענדליך איז דאס אלץ איינס פאר מיר. דער וועמען אין יונ־ וועט ווערען ערשט 25 יאהר, דער פרעגט ניט וועגען אורזאכען. די פראגע „פאר־וואס" עקזיסטירט ניט מעהר פאר איהם. ער נעהמט אלעס אן, אלס א פאקט, וועלכער איז שוין פערווירקליכט. יא, אזוי איז עס!

ער האט זיך ארומגעקוקט. ער איז געוועזען אויף א פלאץ, וועל־כען ער האט ניט געקאנט.

שעהן, ניטא וואס צו רעדען.

ער האט זיך צוגעזעצט אויף א בענקעל. זיין קאפ איז געוועזען עטוואס שווער. מסתמא האט ער געטרונקען, און ער האט זיך ניט געקאנט בערוהיגען.

עטוואס האט געקאכט אין איהם א גאנצען אבענד. א זעהר ניט אנגענעהמער געדאנק, וועלכען ער האט די גאנצע צייט פער־טויבט אין זיך, נור וועלכער האט זיך אלץ ענערגישער ארויסגע־בראכען און ענדליך האט ער זיך ארויסגעריסען מיט זיין גאנצען כח.

מיקיטא!

פאלק האט זיך אויפגעהויבען, איז געגאנגען א ביסעל הין און צוריק און האט זיך ווידער געזעצט.

זעהסטו, מיקיטא, מען דארף ניט זיין בייז אויף מיר. איך בין ווירקליך אין קיין זאך ניט שולדיג. פאר וואס האסטו מיך געשלעפט צו איהר? איך האב דאך געוואלט טרינקען און ריידען מיט דיר. איך האב ניט געוואלט געהן צו איהר. מען טאר ניט פיהרען די פריינד צו כלות.

דאס איז דער גרונד־געזעץ פון הלכות ליעבע.

מען טאר בשום אופן ניט, ווען אפילו דיזע כלות זאלען זיין אזוי ענטציקענד שעהן, ווי דיין איזא.

ניין, מיקיטא, זיי ניט אזוי שרעקליך טרויעריג. דאס מאכט מיך פיהלען א העלישען שמערץ. ווייל איך האב דאך דיר אזוי ליעב!

איך בין ווירקליך אונשולדיג. נו, בעטראכט נור. איך געה אריין אין צימער. א בעצויבערנדע רויטע חוואליע פון ליכט. און דיזער ליכט נעהמט ארום מיט זיין הייסען שיין א פרוי, א פרוי, וועלכע איך האב געקאנט זאגאר בעסער, ווי דו, כאטש איך האב איהר קיינמאל ניט געזעהען.

אדער איז עס אפשר געווען די שולד פון'ם רויטען ליכט. דו ביסט א קינסטלער מיט יעדען נערוו דיינעם און דארום דארפסטו וויסען, ווי עס ווירקט אזא רויטער ליכט אויף דיין נשמה.

און דא קומט ווידער א מין פסיכאלאג, וועלכער ערקלערט: דער רויטער קאליר בעשטעהט פון וועללען, וועלכע מאכען פינפהונדערט ביליאן שאקלונגען אין א סעקונדע. דיזע שאקלונגען רופען ארויס א טרייסלען פון די נערווען, און אלס רעזולטאט ציטער איך.

פערשטעהסטו איצט, ווארום איך האב זיך פערליעבט? ווייל איך ציטער!

אלזא, עס איז קלאר, ווי די זון: איך ציטער, פאלגליך ליעב איך.

פאלק האט זיך אויפגעהויבען און איז אהן א צוועק אוועק.

אויף די גאסען איז געווען פוסט. נור פון צייט צו צייט האט זיך געהערט א הייזעריגע, זיך בעטענדע פרויענשטימע.

— קום, קעצעלע.

ניין, צו דען האט ער ניט געשפירט די מינדעסטע לוסט. וואס זאל ער טהאן ביי דיזער גאסען־פרוי? ער איז דאך ניט קיין בערלינער בעלעטריסט און ער נויטיגט זיך ניט אין די געהיימניסע פון די ספאדניצע־שטימונגען, אום אנצושרייבען א ראמאן. ניין! ער האט געהאסט אלע פרויען און בעזאנדערס איהר, וועלכע איז אזוי חיטרע אריינצודרינגען אין זיין נשמה, און וועלכע האט אויפגעוועקט אין איהם דיזע פערפלוכטע אונרוהיגקייט.

ניין, מיקיטא, דו דארפסט ניט זיין אין כעס אויף מיך. ניין, ניין... דו קענסט זיך ניט פארשטעלען, ווי איך לייד. עטוואס דריקט מיר צוזאמען די האלז; א גאנצען טאג. איך האב גאר ניט געגעסען. האב נור געטרונקען, געטרונקען...

ווייסטו, וואס מיר האט זיך געחלום'ט? דאס איך פאל פון א הויכען בארג. איך בין געזעסען אויף א שטיק אייז, וועלכעס האט זיך געטראגען מיט א זינלאזער שנעלקייט, האב איך זיך דען געקאנט וועהרען, אדער מאכען א פערזוך צו רעטען זיך? א גרויסער שטיק אייז האט מיך אוועקגעטראגען, גליטשענדיג זיך אליין משונע, אהן אן אבהאלט.

קען איך דען אנדערש פארנאנדערלייגען די אטאמען פון מיינע נערוועןֹ? קען איך דען פערהאלטען די בעוועגונג פון מיין מארך? א? קען איך עס טהאן? און דו קענסט?

דאס שטיק אייז טראגט מיך, שטויסט שליידערט, און איך פליה, פליה, ביז עס וועט מיך ניט ארויסשליידערען אין ים.

אזוי איז דער אייזערנער געזעץ.

פאלק האט דאס שיער אויסגעשריען.

נו, יא. איך בין עטוואס שכור. און אין אזעלכע פעלע איז זעהר שווער זיך צו בעהערשען.

ניין, מיקיטא, ניין. דו ביסט מיר אונענדליך טהייער. ניין, איך בין אין קיין זאך ניט שולדיג.

אָבער האָסטו דען איהר ניט גערייצט, ליעבסטער פּאָלק, ניט אויפגעוועקט איהר נייגעריגקייט מיט טויזענדע מיטלען?

איבערראַשענד איז דיזער פּלוצלונגער געפיהל פון שולד. יאַ, איך נעהם מיין געוויסען, וואָס איז אָנגעלאָדען מיט זינד און לייג ארוים זיין גאַנצען אינהאַלט פאַר דעם אַלמעכטיגען, וועלכער האָט מיך בעשאַפען ניט אַלס זינלאָזען פּיערפּיסיגען, נור אַלס אַ צוויי־פּיסיגען וועזען, וועלכער איז בעשענקט מיט אַ זעעלע און פערשטאַנד, וועלכער קען מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען גוט און שלעכט און מיט דער הילף פון דעם קווינט־עססענץ פון דעם אַלעם, מיט דעם פרייען ווילען, קען ער רעגירען איבער זיינע האַנד־לונגען.

יאַ, ליעבער מיקיטאַ, איך האָב געזינדיגט נעגען דיר.

אויפ׳ן וועג האָט ער דערזעהען אַן אָפענע קאַפּעינע.

אַך, ווי ער איז מיעד!

ער איז אריין און האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל אויף אַ דיוואַן. ארום זיך האָט ער געהערט געשרייען, זידלעריי, קללות. ער האָט זיך ארומגעקוקט, צו זאַמעלט דאָ ניט קיין מאַטעריאַל אַ בערלינער בעלעטריסט, אַ סאָרט קאַלענע, תע־חע...

עקעלדיג! וויפיעל קאָסט אַ פונט פלייש אויף פינף מינוט?

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן די עלענבויגענס און האָט אָנגע־הויבען קוקען אויף דעם גרויסען ווייסען פלעק פון דעם עלעקטרי־שען לאָמפּ.

אין די אויגען האָט איהם אַזוי ווי געשווינדעלט. ער האָט גע־זעהען, ווי אַרום די ווייסע רונדע לאָמפּען ציטערט עפּעס אַ רויטער אָבגלאַנץ.

און ער האָט געזעהן דעם ליכטיגען טומאַן, וואָס דרעהט זיך אַלץ שנעלער און היצינער.

און ער האָט איהר געפיהלט אין זיין אומאַרמונג, איהר פּנים לעבען זיינס, ער האָט געפיהלט איהרע בעוועגונגען, וואָס צו־ניסען זיך איבער זיינע נערווען אין אַן אונאויסדרוקבאַרען פער־גניגען, ער האָט געזעהען די ליכט, וואָס שוועבט ארום, ווי אַ רוי־טער זונען־רינג.

דאָס איז געווען אַ גרויסע פּראָבלעמע.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט.

די פּראָבלעמע פון זיין ליעבע! איזא איז געבאָרען געוואָרען פון איהם אָדער ער פון איהר. זי איז געקומען אַלס די בעסטע דערפילונג פון איהם.

איהרע בעוועגונגען זיינען געווען ביז צו אַזאַ גראַד די בעווע־גונגען פון זיין זעעלע, דאָס זיי האָבען איהם געבראַכט אין עקסטאַז. דער קלאַנג פון איהר שטימע האָט ארויסגערופען עטוואָס אין זיין זעעלע, עטוואָס, אין וואָס עס איז געלעגען דער סוד פון זיין עק־זיסטענץ.

נאַרישער מאַרק, פון וואַנען ווייסטו דאָס מיט אַזאַ זיכערהייט?

ער האָט זיך איראָניש צולאַכט.

אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך פערטראַכט. ער האָט דערזעהען זיך און איהר אין אַ מאָדנער לאַגע.

זיי זיינען געזעסען איינער געגען אַנדערן. און קאַלט האָבען זיי געקוקט איינער דעם אַנדערען אין די אויגען, ווייל זיי זיינען געווען פרעמד און גלייכגילטיג.

יאַ, אין זיינע אויגען זיינען אַריינגעדרונגען שטראַהלען פון ליכט, עהנליך צו די רענטגען־שטראַהלען. ער האָט געזעהען זיך און איהר דורך און דורך; ער האָט געזעהען, ווי עטוואָס איז ארויס־געשוואומען פון דער טיפעניש, ווי זייערעביידע בעהאַלטענע „איך׳ס“ האָבען זיך דערנעהנטערט און האָבען געקוקט איינער אויפ׳ן צווייטען, פאַרשעמדיג און דאָרשטיג.

אָבער ניין! זיי זיינען דאָך געזעסען ביים טיש, זיינען געווען גלייכגילטיג איינער צום אַנדערען, און האָבען גערעדט וועגען נאַ־רישע בעדייטונגסלאָזע זאַכען. אָבער יענע, די אַנדערע „איך׳ס“ זיינען געווען אונענדליך נאָהענט, האָבען זיך ארומגענומען און זיך צונויפגעשמאָלצען.

אָט דיזער אַנדערער איך, ליעבער מיקיטאַ, דאָס איז דער, וועמען איך קען נים, דער, וועלכער בעווייזט זיך פּלוצלונג גאָר אָהן אַן אורזאַכע, אָט דיזער איך האָט איהר גערופען מיט טויזענדע יאָהר פריהער, איידער איך האָב איהר געקאָנט.

זעהסטו, מיקיטא, דאָס העכסטע וואָס מיין נאַרישער מאַרך קען, איז צו דערוויסען זיך, אַז עטוואָס קומט פאָר, דאָס הייסט צו קאָנסטאַטירען אַ פאַקט, וואָס האָט שוין פּאַסירט.

יא, טהייערער מיקיטא, דאָס איז אַ פאַקט, וואָס האָט שוין פּאַסירט. איך ליעב איהר.

אַך, איך האָב זיך גענומען די מיה צו זיין אינטערעסאַנט? איך האָב איהר צוגעצויגען, האָב איהר געמאַכט אויפמערקזאַם אויף זיך? אָבער, מיין גאָט, מיקיטא, זיי דאָך גערעכט. איך האָב דאָך דאָס געמוזט טהאָן! ווי קענסטו עס ניט פערשטעהן?

— פאַר וואָס איז מיקיטא ניט געקומען?

אַך, מיין טהייערע, איהר קענט שלעכט מיקיטא. מיקיטא איז בעשענקט מיט אינסטינקטען, מיט הענד, וועלכע שטרעקען זיך אויס אויף טויזענדע מיילען; מיט הענד, וועלכע קענען כאַפּען דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט כאַפּען. מיקיטא זעהט, ווי דער קלאַנג וואַנדעלט זיך אום אין אַ פאַרב. ער האָט געמאָלען טענער, וועלכע וואָלטען אייך ווילד געמאַכט, ווען איהר וואָלט זיי געהערט, אָבער דער פּראָסטער אויג טראָגט איבער אַלעס. מיקיטא זעהט, ווי די גראָז וואַקסט, ווי דער הימעל שרייט. דאָס אַלעס זעהט מיקיטא. מיקיטא איז אַ זשעניע.

און איך בין וואָס? וואָס האָב איך געטהאָן? נאַרישקייטען, פאַלק! אָדער ביסטו אויף דער אמת שכור?

אָבער ניין; איך בין אַ פּסיכאָלאָג, איך האָב אויף אַ מינוט זיך בעשעפטיגט דער אויסטרייבערונג פון מיקיטא'ס נשמה.

אָ, מיקיטא מאַכט זיך, דאָס ער זעהט גאָרניט, ער לאָזט דעם גיפט אַריינדרינגען אין די טיפסטע בעהעלטענישען פון זיין נשמה, ביז אַלעס וועט ניט זיין צוגעסען און פערניכטעט.

נו, טו איז וואָס? אַ ניט-נויטיגע שטערונג וואַרפט מען אַריין אין ים. דער שיף וועט פריי ווייטער שווימען. מיקיטא איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער.

דער גערויש און געלעכטער אַרום פאַלק האָט זיך געהערט אַלץ שטאַרקער.

ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט ווילד אַ געשריי געטהאָן;

— שטילער!

דאן האָט ער זיך ווידער געזעצט. דיזע פערפלוכטע פליגען, וועלכע שטערען זיינע געדאנקען.

פלוצלונג איז ער געוואָרען שטארק אויפגערעגט.

ער מוז זעהען מיקיטא. ער מוז דורכאויס אַ קוק טהאָן, וואָס ער טהוט איצט. יא, ער וועט אַוועקגעהן צו איהם.

— ווער איז דאָרט? איך בין פערנומען. — דאָס בין איך, עריק פאַלק. ער עפענט, קוקט אויף מיר קרום, און עס פערשטעהט זיך, אַז די אויגען זיינען ביי איהם שרעקליך ווילד.

— וואָס ווילסטו?!

— וואָס איך וויל? איך וויל דיר ערקלערען, דאָס ניט איך ליעב, נור מיין צווייטער איך, וועלכען איך קען ניט, וועלכער האָט מיך ארומגעכאַפּט פלוצלונג, אונערוואַרטעט. איך וויל דיר ערקלע־רען, ווי דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען. איך בין געזעסען מיט איהר ביין טיש, אַ גלייכגילטיגער, אַ קאַלטער, אָבער דאַן, ווען איך האָב גערעדט וועגען נארישע זאכען, האָט גראַדע מיין צווייטער איך געאַרבייט זעלבסטשטענדיג, האָט געצויגען און געצוואונגען איהר אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבען. ניין, ניט זי! זי לאַכט פון מיר, ווייל מיין נארישער, בעוואוסטער איך האָט גע־וואָלט אַ מעהר הערצליכען געזעגענען זיך. זעהסטו, זי איז מיר אַ פרעמדע, אין גאנצען אַ פרעמדע, אָבער דיזע אַנדערע א י כ ע ן אין אונזביידע קענען גוט איינער דעם אַנדערען, ליעבען איינער דעם אַנדערען אָהן אַ ברעג, היים און אונצוטהיילבאַר.

איך דאַנק דיר, אַלמעכטיגער בעשעפער, וואָס דו האָסט מיך בעשאַפען, אַלס אַ צוויי־פיסיגען וועזען, וואָס איז בעשענקט מיט שכל און זעעלע, וועלכע קענען אונטערשיידען גוט און שלעכט און ניט פערלאַנגען איזא, וויבאַלד מיקיטא האָט געהאַט דעם גליק צו קענען זיך פריהער מיט איהר.

און אַט דאָרט — דאָרט זיצט דיזע יונגע חיה, אַנטקעגען דיזען יונגען סוחר'ל... אַט ער האָט ניט קיין שכל. ער אונטערשיידעט ניט פון גוט ביז שלעכט.

פערשטעהסטו, נארישער יונג, וואָס ביסטו אין פערגלייך מיט מיר? אזוי עפּעס, אָהן שכל און ווילען.

פאָלק האָט זיך שטארק צולאַכט.

אָבער פאַר אזא ניט אנשטענדיגע אויפפיהרונג — דער אויס־דרוק איז איהם שטארק געפעלען געוואָרען — האָט ער געמוזט פער־לאָזען דעם פּלאַץ.

און עס איז שוין צייט געווען.

און דיזער פּלאַץ, דורכגעזאַפּט מיט דעם גערוך פון פלייש און שוויס, האָט ניט געקאָנט מעהר אויסהאַלטען א מענש פון דעם מין, וואָס טראָגט דעם נאָמען „בעל־שכל".

עס האָט אָנגעהויבען טאָגען.

איבער די שווארצע דעכער האָט ער געזעהן א טיפע הימלישע בלויקייט, וועלכע האָט זיך צושפּרייט אין אן אונאויסדרוקבאַר שטי־לער און הייליגער פּראַכט.

די פּראַכט פון הימעל איבער בערלין — האָט ער זיך צולאַכט איראָניש — אָבער אזוי איז שוין די נארישע נאַטור, וועלכע ווייזט ארויס איהר מאַכט איבער'ן אָקעאַן און איבער א בלאָטיגע לוזשע.

10.

— פאַר וואָס ביסטו נעכטען ניט געקומען צו אילטיסען? — האָט איזא געפרעגט מיט א ניט־זיכערע שטימע.

— צו וואָס? איך האָב דאָך געוואוסט, אז דיר וועט זיין פרעהליך אויך אָהן מיר.

— דאָס איז שענדליך. דו ווייסט דאָך, אז איך בין גליקליך, ווען איך בין צוזאַמען מיט דיר.

— ווירקליך?

מיקיטאַ האָט אויף איהר א בליק געטהאָן מיט א מינע פון מיסטרוי.

— און ווי דענקסטו?

זי איז געווען שטארק דערצאָרנט. נור מיט א מאָל האָט זי

בעמערקט, ווי עס ציטערט זיין בלייכער מידער פנים. דאָס איז איהר געווען בעקאַנט.

— שעהם דיך! וואָס פאר א שלעכטער דו ביסט! — און זי האָט גענומען זיין האנד און זיך גענומען גלעטען איהר.

מיקיטא האָט גאַנץ פּאַמעלעך צוריקגענומען זיין האנד, און האָט אָנגעהויבען שפּרייזען הין און צוריק איבער'ן צימער.

— וואָס איז מיט דיר?

— מיט מיר? גאָרניט, גאָרניט.

זי האָט א בליק געטהאָן אויף איהם. זיין נערוועזע אונרוהיג־קייט האָט זיך אַלץ שטאַרקער געזעהן אויף זיין פנים. עטוואָס האָט געזאָדען אין איהם, און יעדע מינוט האָט געסטראָשעט מיט אַן עקספּלאָזיאָן.

— נו, קום צו מיר.

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר איהר.

— וואָס ווילסטו?

— זעץ זיך לעבען מיר. אָט דאָ, ביי מיין זייט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט גענומען זיין האנד.

— וואָס איז מיט דיר, מיקיטא, א?

— גאָרניט!

— איך האָב דיר פעראורזאַכט עפּעס א שמערץ?

— ניין.

— אָט זעהסטו, מיקיטא, דו ביסט ניט אָפענהערציג. דו ווילסט מיר ניט זאָגען, אָבער איך קען דיך גוט. דו ביסט אייפערזיכטיג אויף פאַלקען.

מיקיטא האָט געוואָלט אונטערברעכען איהר.

— ניין, ניין, איך קען דיך צו גוט, דו ביסט אייפערזיכטיג, און דאָס איז זעהר נאַריש. פאַלק איז א זעהר אינטערעסאַנטער מענש. נאָך דיר איז ער אפשר דער אינטערעסאַנטעסטער מענש, וועלכען איך קען, אָבער ליעב קריגען איהם וואָלט איך קיינמאָל ניט געקאָנט. אָט דו ביסט נעכטען ניט געקומען, און איך האָב שוין פערשטאַנען, אז דו זיצסט אין דער היים און ווערסט אזש משוגע פון אייפערזוכט. דעם גאַנצען אָבענד האָב איך זיך אַלץ געפרעגט,

וואָס אייגענטליך פאַר אַן אורזאַכע האָסטו דערצו? האָב איך דיר דען געגעבען אירגענד אַן אורזאַכע, אַז דו זאָלסט דאַרפען זיין איי־פערזיכטיג?

מיקיטאַ האָט זיך געפיהלט פערשעהמט.

— דו טאָרסט ניט זיין אייפערזיכטיג. דאָס קרענקט מיך. און דאַן איז עס אַזוי נאַריש. סוף כל סוף וועל איך ניט טאָרען אויס־רעדען אַ וואָרט מיט מענשען אויס מורא, אַז דו זאָלסט ניט ווערען בייז. איך האָב איינפאַך קיין כח ניט דאָס אַריבערצוטראָגען. דו האָסט דערצו קיין גרונד ניט. דו פערניכטעסט דערמיט אונזער גאַנצע ליעבע.

מיקיטאַ האָט זיך געפיהלט שטאַרק נידערשלאָגען און האָט גע־דריקט איהר האַנד.

— דו בעליידיגסט מיך מיט דיזען שטענדיגען מיסטרויען. דו דאַרפסט דאָך פערשטעהן, אַז איך בין אויך אַ מענש. דו טאָרסט מיך ניט מוטשען אַזוי גאָר אָהן אַן אויפהער. דו האָסט דאָך אַזוי שטאָלצירט מיט מיין זעלבסטשטענדיגקייט, און איצט ווילסטו איהר פערניכטען, און מאַכען מיך פאַר אַ שקלאַפין. אַם ענדע וועסטו וועלען, איך זאָל גאָר אין גאַנצען אָבזונדערען זיך פון דער גאַנצער וועלט.

מיקיטאַ איז געוועזען אין פערצווייפלונג.

— ניין, ניין, איזאַ, איך בין ניט אייפערזיכטיג. אָבער דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ בעדייטונג עס האָט פאַר מיר דיין ליעבע. איך קען ניט לעבען אָהן דיר. מיט אַלע וואָרצ־לען בין איך צוגעוואַקסען צו דיר.

ער האָט געמאַכט אַ ברייטען, מאָדנעם פאַך מיט'ן האַנד.

— דו פערשטעהסט עס ניט. דו האָסט ניט אַזאַ משוגענעם טעמפעראַמענט, אַזאַ, אַזאַ, נו מיט איין וואָרט, דו ביסט ניט אין שטאַנד צו פיהלען, ווי דאָס ברענט און פייניגט, ווי דאָס שניידט זיך אין די אויגען ווי אַ בליץ און מאַכט זיי בלינד צו אַלץ, וואָס אַרום.

זי האָט די גאַנצע צייט געגלעט זיין האַנד.

— ניין, דו ווייסט ניט, וואָס דו ביסט פאַר מיר. איך בין

ניט אייפערזיכטיג. איך פיהל נור א זינלאָזען שרעק ביי דעם איינ־ציגען געדאנקען, אז איך קען דיך פערלירען. איך קען זיך ניט רעכט מאכען, פאר וואָס האָסטו מיך ליעב ; איך...

— הער, הער, — האָט ער פּלוצלונג געזאָגט, אויפשטעלענדיג זיך — טהו נור א קוק אויף דעם קליינינקען, שפּאַסהאַפטען מי־קיטא, דו ביסט דאָך העכער פאר מיר אין וואוקס...

— לאָז צורוה. איך ליעב דיך. דו ביסט א גרויסער קינסט־לער, דער גרעסטער פון אלע...

— אָט זעהסטו, דו ליעבסט אין מיר נור דעם קינסטלער, דעם מענשען אָבער קענסטו גאָרניט. אלס מענש, בין איך גאָרניט פאר דיר...

— אָבער דער מענש און דער קינסטלער זיינען אין דיר איינס. וואָס וואָלסטו געוועןן אָהן דיין קונסט ?

— יא, יא, דו ביסט גערעכט. ניין, איזא, איך בין אן אמת׳ער משוגענער. זיי ניט בייז אויף מיך דערפאר. איצט וועל איך זיין פערנינפטיג. אָבער וואָס בין איך שולדיג ? דו דארפסט פער־שטעהן איך... לעב מיט דיר... ווען איך וואָלט דיך פערלוירען, וואָלט ביי מיר גאָרניט געבליבען, גאָרניט...

טרערען, ווי באָב, האָבען זיך געקייקעלט איבער זיינע באַקען. זי האָט איהם צוגעדריקט צו זיך.

— מיין ליעבער, נארישער מיקיטא. איך האָב דאָך דיך ליעב...

— אמת ? דו ליעבסט מיך ? אמת ? דו... דו...

מיט ציטערענדע הענד האָט ער געגלעט איהר פנים, געלאַשט־שעט און ליידענשאַפטליך צוגעדריקט צום ברוסט.

— דו וועסט מיך קיינמאָל ניט פערלאָזען ?

— קיינמאָל.

— האָסט מיך ליעב ?

— יא, יא.

— זאָג עס נאָך א מאָל, טויזענד מאָל, איינציגע מיינע... דו... פערשטעהסט ניט, ווי איך האָב נעכטען געליטען. איך האָב גע־מיינט, איך געה פון זינען אראָב. געוואָלט לויפען צו דיר און ניט געקאָנט. איך האָב ניט געקאָנט ניט זיצען, ניט שטעהן. דו, איזא,

וועסט מיך קיינמאָל ניט פערלאָזען? ניין, ניין! איך וועל דאָן אונטערגעהן. דאָן, דאָן...

דער שוואַכער אויסגעדאַרטער קערפּער פון קינסטלער האָט גע־ציטערט אַלץ שטאַרקער.

— אָט זעהסטו, איך וועל מאָלען. דו ווייסט נאָך ניט, אויף וואָס איך בין פעהיג... אָט וועסטו זעהען. איך וועל מאָלען נור דיך, שטענדיג דיך... איך וועל צווינגען די גאַנצע וועלט צו בוקען זיך פאַר דיר... איך קען אַלעס... אַלעס מאָלען, געדאַנקען, קלאַנ־גען, ווערטער... און דיך, יאַ, דיך. דו וועסט שטאַלצירען מיט מיר, יאַ, שטאַלצירען.

ער האָט זיך געשטעלט פאַר איהר אויף די קניע, זיינע ווער־טער זיינען געוועזען צומישט, און האָט אַרומגענומען איהרע קניע.

— דו ביסט מיינע... דו...

זי איז געוואָרען אונרוהיג. דאָס איז איהר געווען זעהר ניט אַנגענעהם. ווען זי זאָל קענען איהם נור בערוהיגען.

— יאַ, יאַ, דו ביסט מיין גרויסער מיקיטאַ. איך בין דיינע, דיינע... נור דו דאַרפסט ניט זיין אַזאַ שלעכטער...

— ניין, ניין, איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליעב. איך ווייס, אַז דו ביסט מיינע... זיי מיר מוחל, דאָס וועט שוין קיינמאָל מעהר ניט פאָרקומען. נעהם עס?

— יאַ, יאַ.

ער האָט איהר צוגעדריקט צו זיך מיט אַזאַ געוואַלט, דאָס זי האָט קוים געקאָנט אָטהעמען.

אַ דונקעלע אונרוהיגקייט האָט איהר בעהערשט אַלץ מעהר און מעהר. זי האָט געפיהלט, ווי עס קומט אָן עמוואָס, אַ ציטער איז אַריבערגעלאָפען איבער איהר קערפּער. אַם ליעבסטען וואָלט זי איצט געוואָלט אַוועקגעהן...

זי האָט זיך אַרויסגעריסען.

ער האָט עס ניט בעמערקט. אַ הילדע, אַ לאַנג אונטערדריקטע ליידענשאַפט האָט זיך געריסען מיט אַ כח, וואָס מען האָט ניט גע־קאָנט אָבהאַלטען.

— איך בין אַזוי גליקליך, אַזוי אָהן אַ גרענעץ גליקליך. דו

האָסט מיר געגעבען אַלעס, אַלעס — האָט ער געמורמעלט. א טהי־רישע, בלינדע, משוגענע לוסט האָט איהם בעהערשט.

— אָהן דיר בין איך גאָרניט, נעכטען האָב איך עס געפיהלט. איך געה אונטער אָהן דיר.

ער האָט, ווי עס האָט זיך אויסגעדוכט, אריינגעדריקט איהר אין זיך מיט אַלץ מעהר און מעהר כח.

— דו, דו — האָט ער געאָטהעמט מיט א ברענענדער היץ.

זי האָט געפיהלט, ווי זיין אָטהעם האָט איהר געבערענט די האַלז. זיין גאַנצע נשמה האָט זיך געדרעהט, ווי א טרוקענער בלאַט. איהר אונרוהיגקייט איז אַלץ געוואַקסען, האָט ביי איהר געטריבט די כחות און צומישט דעם פערשטאַנד... אָ, גאָט, וואָס זאָל זי טהאָן? זי האָט געזעהען פאר זיך פאַלקען. עטוואָס אין איהר האָט רעבעלירט און זיך געוועהרט מיט א ווילדען, פערצווייפעלטען צאָרן.

— זיי מיינע! — האָט ער זיך געבעטען — בעווייז, אז דו ליעבסט מיך.

זי האָט געזעהען מיקיטא'ס אויגען, די אויגען פון א משוגענעם, וועלכע זעהען גאָרניט.

— אָה, גאָט, גאָט!... זי האָט זיך נאָך אַמאָל א ריס געטהאָן, האָט געוואָלט איהם אָבשטויסען און לויפען, און קיינמאָל איהם מעהר ניט זעהען, ניט אונטערגעבען זיך דיזען עקעל, אָבער אין דיזען אויגענבליק האָט זי אין גאַנצען פערלאָרען איהרע כחות. איהר האָט אַרומגעכאַפּט עפּעס א קראַנקהאַפטע בענקעניש. זי האָט זיך שוין ניט געקאָנט וועהרען... זי האָט געמוזט...

— איך ליעב דיך, איך שטאַרב פון בענקעניש נאָך דיר — האָט ער געפּלאַפּעלט פונקט ווי א קינד.

און דער עקעל איז אַלץ געוואָרען שטאַרקער אין איהר, האָט זיך אויפגעהויבען צום האַלז, האָט איהר געשטיקט און געלאָזט אָהן כחות. א קאַלטער ציטער פון עקעל איז דורכגעלאָפען איבער איהר קערפּער, אָבער זי האָט שוין גאָר ניט געקאָנט העלפען. זי האָט ניט געהאַט קיין כח. זי האָט נור געהערט פאַלק'ס שטימע, זי האָט געזעהען זיינע אויגען... ניין, זי האָט שוין ניט געהאַט קיין קרעפ־טען... זי האָט צוגעמאַכט די אויגען און מיט א שרעקליכער, פּיי־

ניגענדער פערצווייפלונג האָט זי זיך אונטערוואָרפען דיזען העסלי־כען אויסברוך פון ליידענשאַפט. —

ו׳ האָסט מיר געגעבען גליק.

דיזער גליק האָט מאָדנע לעכערליך אויסגעקרימט מיקיטאַ׳ס נערוועזען מאָגערען פּנים.

אָבער זי האָט געפיהלט בלויז אַן עקעל. און דיזער משוגענער געפיהל פון עקעל האָט זיך איינגעגעסען אין יעדען נערוו איהרען מיט אַלץ מעהר און מעהר צאָרן, מיט אַ האַס, וועלכען זי האָט ביז איצט קיינמאָל ניט געפיהלט. אויף איהרע ליפּען האָט געשפּיעלט — אונבעוואוסט פאַר איהר אַליין — אַן אנגענעהמער שמייכעל, אַ שמייכעל, וואָס האָט בעטייט, אַז זי וויים שוין איצט דעם טעם פון גוט און שלעכט.

און זי האָט ווידער אָנגעהויבען גלעטען זיין האַנד.

זי האָט זיך געבאָרעט מיט זיך. עס איז געוואָרען פינסטער איהר אין די אויגען פון שאַנדע און צאָרן. מיט מיה האָט זי צור־ריקגעהאַלטען דאָס וואָרט, וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט איהם אַ שליידער טהאָן אין פּנים, דערפאַר, וואָס ער האָט איהר אַזוי גראָב פערגוואַלטיגט. און דער געדאַנק וועגען פאַלק האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אַריינגעגעסען אין איהר זעעלע. אַ שרעקליכער וועהטאָג האָט צוריסען איהר קאָפּ.

— אָ, איזאַ, איצט בין איך גליקליך, אָהן אַ גרענעץ גליקליך.

זי האָט זיך בעהערשט און אַ שמייכעל געטהאָן. אָבער די גאַנצע צייט האָט זי געפיהלט אַן עקעל... איהר איז געווען אַלעס העסליך: זיינע ווערטער, זיין האַנד, זיין הייסער אָטהעם...

אָבער מיקיטאַ האָט נור געטראַכט וועגען זיין גליק. דיזע פרוי האָט איצט געהערט צו איהם. זיין קאָפּ האָט געברענט פון פרייד און פון דעם בעוואוסטזיין פון קראַפט.

זי האָט ניט געוואָלט מעהר קלערען, אָבער די געדאַנקען וועגען פאַלק האָט זי שוין ניט געקאָנט אַוועקטרייבען. דיזער געדאַנק האָט איהר געמאַכט ליידען, האָט איהר געשטאָכען, האָט אָנגעפילט איהר

הארץ מיט שאנדע און האס. זי האָט שווער געאָטהעמט. נור ער זאָל איצט ניט קומען.

— פאלק וועט קומען צו דיר היינט ?

מיקיטאַ האָט פערוואונדערט אַ בליק געטהאָן אויף איהר.

— ווער ? פאלק ?

זי איז געקומען צו זיך.

— איך וואָלט זעהר געוואָלט ער זאָל זעהען דיינע בילדער. ער האָט זיי נאָך ניט געזעהען, אָבער ער איז דאָך דער איינציגער וואָס קען זיי אָבשעצען.

מיקיטאַ האָט לייכט אויפגעאָטהעמט.

— הער, איזאַ, איך וועל שיקען נאָך איהם, זאָל ער גלייך קומען.

זי איז אויפגעשפּרונגען.

— ניין, ניין, ניט היינט.

— פאר וואָס ?

— היינט וויל איך זיין נור מיט דיר.

ער האָט צערטליך אַ קוש געטהאָן איהר האנד, און האָט אַ קוש געטהאָן אויף איהר מיט דאנקבארקייט.

עפּעס אַ הינטישע אונטערטהעניגקייט האָט זיך געזעהען אין דעם אַלעם. זי האָט זיך דערמאָגט אָן איהר פאָטער׳ס גרויסען הונד, וועלכער האָט איהר פונקט אַזוי ליעב געהאַט, און פון וועל־כען זי האָט זיך פאר קיין אופן ניט געקאָנט אָבטשעפּען.

דערווייל איז געוואָרען דונקעל.

וואָס פאר אַ רעכט האָט ער געהאַט צו פערגוואַלטיגען איהר אַזוי גראָב... אַזוי... ניין... ניין... מען דארף ניט טראַכטען, מען דארף ניט... אָבער דאָך האָט זי געפיהלט זיך פארשמוצט. ער האָט איהר בעשמוצט !

מיט אַ מאָל האָט זי דערפיהלט זיין האנד אויף איהר פּלייצע.

זי האָט זיך דערשראָקען. זיין בעריהרונג איז איהר געווען עקעלדיג.

— צינד אָן דעם לאָמפּ.

מיקיטאַ האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעצונדען דעם לאָמפּ.

און דאַן האָט ער זיך איינגעקוקט אין איהר מיט א דורכדרינגענדען בליק.

זי איז שוין ניט געווען אין שטאַנד צו בעהערשען זיך. אַלעס מיט א מאָל האָט זיך א שאָט געטהאָן אויף איהר: פאַלק, מיקיטאַ, דער עקעל... דיזער שרעקליכער עקעל... און איהם האָט ערוואַכט א פּלוצלונגע מורא, א מורא, וועלכע האָט אויף אַן אויגענבליק פּאַראַליזירט זיין מאַרך. זי האָט געזעהן, ווי זיין פּנים הויבט אָן צו ציטערען, און זיינע אויגען ווערען אַזוי אוננאַטירליך ברייט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט ער געפרעגט מיט א הייזעריגער שטימע.

— גאָר ניט, גאָר ניט, — האָט זי געמאַטערט זיך א שמייכעל טהאָן, אָבער ניט געקענט.

— וואָס... וואָס איז מיט דיר? — האָט ער איבערגעפרעגט, אָנהויבענדיג שוין פאַרשטעהן.

אין דיעזער מינוט האָט אימיצער שטאַרק אָנגעקלונגען.

מיקיטאַ האָט אויפגעציטערט: ער האָט ניט געקאָנט פערשטעהן, פון וואַנען עס קומט דיעזער קלונג.

— הערסט, אימיצער קלינגט. עפען ניט, עפען ניט, — האָט זי זיך געבעטען אין שרעק.

אָבער ער איז שוין אַרויסגעלאָפען פון צימער. די כחות האָבען איהר פערלאָזען. דאָס איז ער, ער, פאַלק. זי האָט עס געוואוסט. ער! גאָט!...

— אָ, אויסגעצייכענט, און מיר האָבען נור־וואָס געוואָלט שיקען נאָך דיר... מיקיטאַ איז קוים געווען אימשטאַנד זיך צו בעהערשען. נו, איז, אָט איז ענדליך פאַלק אויך דאָ. ער האָט זיך אָנגעטהאָן א געוואַלדיגען כח צו בעהערשען זיך.

— איך בין צופרידען, מעגסט מיר גלויבען, איך בין שרעקליך צופריעדען. ווייסטו, עריק, דאָס איז אויסגעצייכענט. לאָמיר זיך מאַכען א טהייערען אָבענד... וואָס ווילסטו? ווייַן, ביער, בראָנפען... א? אַלעס וועסטו האָבען... ווילסט זעהן מיינע בילדער? גאָט, וואָס פאַר א נאַרישע בילדער! לוינט זיך גאָר צו זעהן זיי? געה אין לעבען — יאָ, געה אויפ׳ן גאַס, אָט דאָרט זיינען בילדער!

צו וואָס דיזער נארישער מאָלען, דיזע קלעגליכע פאטשקעריי... אָ, גאָט, צו וואָס דאָס אַלעס? האָסטו מיר דען נעכטען ניט געזאָגט, דאָס מען קען מיט דעם אפילו ניט פאנגען א נארישע נקבה?... יא, יא, געה אין גאַס, ניין, געה אריין אין א נאכט־קאפע, אָט דאָרט זיי־נען בילדער, איבערראַשענד, זאָג איך דיר. ווייסטו, די בילדער, וואָס איך האָב נעכטען געזעהן, קען קיין מענש ניט אויסמאָלען. ווייסט, וואָס איך האָב געזעהן? איך בין געווען אין רעסטאָראַן, ניט אין א קאפע, און בין דאָרט אָבגעזעסען פיעלע שטונדען. אנט־קעגען איז געזעסען עפּעס א מאַן מיט צוויי דאַמען. איינע איז גע־ווען זיין ליובאָווניצע, און מיט דער צווייטער האָט ער זיך צוזאַ־מענגערעדט דורך טעלעגראַף־צייכענס אונטער׳ן טיש. געגעסען האָט ער, דאכט זיך, וואורשטלעך. מיט א מאָל, אָט דאָס איז געוועזן א מינוט, כאַ, כאַ, כאַ א וואונדערבארע מינוט... מיקיטאַ האָט הייזעריג געלאכט און מען האָט קוים געקאָנט פערשטעהן, וואָס ער רעדט.

— א מינוט, וואָס פּאסירט זעלטען, הער. דיזע אָפיציעלע ליובאָווניצע — מיקיטאַ׳ס ערצעהלונג איז יעדע מינוט אונטער־בראָכען געוואָרען פון א נערוועזען, ניט אנגענעהמען געלעכטער — כאַפּט פּלוצלונג דעם טעלער מיט די וואורשטלעך און שליידערט איהם אין פּנים פון׳ם שאַרלאַטאַנטשיק. דאָס איז געווען ספּעקטאַ־קעל, וואָס איז ווערטה געווען הונדערטע בילדער מיינע. דער סאָוס, ווייסט, אזא דונקעלע שטערקיים האָט געקאַפּעט פון זיין פּנים, די וואורשטלעך זיינען צופלויגען... און דער אויסזעהן פון דיזען חברה־מאַן! אָט דאָס איז געווען א בילד.

פאַלק האָט ניט געקאָנט פערשטעהן, וואָס טהוט זיך מיט מי־קיטאַ. ער האָט א בליק געטהאָן אויף איזאַ, אָבער זי איז געלעגען אויפ׳ן דיוואַן, פעסט קוקענדיג אויפ׳ן באַלקען.

וואהרשיינליך האָט זיך דאָ אָבגעשפּיעלט א שטורעמדיג איי־פערזוכטס־סצענע.

— און ווייסטו, וואָס דיזער חברה־מאַן האָט געטהאָן? —
מיקיטאַ האָט נערוועז געדרעהט די קנעפּלעך אין פאַלק׳ס רעקעל —
גאָר ניט, אָבער טאַקי גאָרניט! גאַנץ רוהיג האָט ער זיך אָבגעווישט

דעם פּנים... יאָ, ער האָט עס געטהאָן, און די דאַמע, מיט וועלכער ער האָט פריהער פּראַקטיצירט דאָס טעלעגראַפּירען, האָט זיך גע־קייקעלט פון געלעכטער... איהרע ליעבעס־בליקען זיינען פערשוואונ־דען, פּונקט ווי דער ווינד וואָלט זיי צובלאָזען. און ווייסטו פאַר־וואָס? ווייסטו פאַרוואָס? — האָט מיקיטאַ געשריען.

— ווייל ער איז געווען לעבערליך, לעבערליך, און ווען אַ מאַן ווייזט זיך אַרויס פאַר דער פרוי לעבערליך, דאַן איז אַלץ פאַר־לאָרען...

פאַלק'ען איז דאָס אַלעס גאָר ניט געפעלען. ער האָט זיך דער־מאָהנט אָן דעם נעכטיגען אָבשיעד־נעהמען.

— פאַרשטעהסטו, וואָס דאָס מיינט, אַרויסצואווייזען זיך לע־בערליך אין די אויגען פון אַ פרוי?... אָבער... אָבער — מיקיטאַ האָט זיך פערהאַקט... — ניט שטענדיג, איבעריגנס, ניט שטענדיג. עס זיינען דאָ פרויען, וועלכע ליעבען, ליעבען!... ער האָט זיך בערוהיגט — זעהסטו, דיעזע פרויען פערגעסען אָן זיך און אָן אַלץ. זיי זעהען ניט, אַז דער מאַן איז לעבערליך, זיי טראַכטען ניט וועגען דעם, זיי בעמערקען ניט... ער האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אויפ־רעגען.

— אָ, איזאַ, בין איך דען אונגערעכט? דו ביסט דאָך אַ פרוי!

איזאַ האָט געגעבען זיך די מיה צו ריידען איבער עטוואָס אַנ־דערעס. דאָס, וואָס מיקיטאַ האָט דערצעהלט, איז איהר געווען זעהר ניט אָנגענעהם. וואָס פאַר אַ העסליכער. — זי האָט זיך צולאַכט.

— יאָ, דו ביסט אפשר גערעכט. דיזע געשיכטע מיט די וואורשטעלעך און די יויך איז זעהר אַ טשיקאַווע. נו, און וואָס איז ווייטער געווען?

מיקיטאַ האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ פאַרשענדען בליק.

— יאָ, אמת, וואָס ווייטער איז געווען. אַלזאָ יענער הערר איז געווען גאַנץ רוהיג, כאָטש די אַלע אַנדערע, וואָס זיינען געזעסען אַרום די אַנדערע טישלאַך זיינען צופּלאַצט געוואָרען לאַכענדיג. זיין ענטציקענדער הויכער קאַלנער איז אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שמוציגע שמאַטע, און די האַרטע מאַנישקע האָט מען געקאָנט אַרומ־

וויקלען ארום א שוועבעלע. און די שולדיגע אין דעם אלעם, די פרוי, אין וועמעס אויגען מען טאר ניט ארויסווייזען זיך לעבערליך, איז בלייך געווארען, און ווי איך האב בעמערקט, האט זי געציטערט. דער אויסזעהן ביי איהר איז געווען, ווי ביי א הונד. יא, גאיא האט אזוי געזעהן די מענשען, — גאיא, דיזער גרויסער פסיכאלאג, ער האט געזעהן נור די חיה אין מענשען, און אלע מענשען זיינען דאך חיות: הינד אדער עזלען. אבער די מיידעל איז געווען מיט א טעמפעראמענט, זי האט איהם ווירקליך געליעבט, יא, געליעבט...

— וואס, דיך אינטערעסירט עס ניט? ניין? עס אינטערעסירט דיך ניט דער געפיהל פון אייפערזוכט, וועלכער ברענגט צו פערברעכענס? איינע שליידערט דעם טעלער, אן אנדערע גיסט אב מיט וויטריאל. אבער דער געפיהל איז שטענדיג דער זעלבער. א שטארקער, א מעכטיגער — דאס איז דאס לעבען אליין און די ליעבע. ביי איינער ווייזט זי זיך ארויס אזוי, ביי אן אנדערער אנדערש. ביי מיין מוטער איז געווען א דינסט, וועלכע האט טאג און נאכט געלעזען ראמאנען. דיר קומט ניט אויס, דאס אין דיזער פערזאן האט די וועלט פערלארען א גרויסען טאלאנט?

פאלק איז געווארען אונרוהיג. וואס קומט דא פאר מיט מיקיטא?

— אט זעהסטו, טהייערינקער, עס איז גוצלאז צו זעהן מיינע בילדער... יא, ריכטיג, דער חברה־מאן איז רוהיג און פייערליך ארוים מיט זיינע דאמען פון רעסטאראן. אבער פלוצלינג, אויפ'ן גאס... מען האט עס בעדארפט זעהן... אין די מיידעל געפלויגען אין רינשטאק, קריגענדיג א שרעקליכען פאטש... אבער אויפהויבענדיג זיך, איז זי צוגעקראכען צו איהם אויף די קניע און האט אנגעהויבען בעטען אום פערצייהונג. ער האט איהר אבגעשטויסען, אבער זי איז אלץ געלאפען נאך איהם, וויינענדיג און בעטענדיג.

מיקיטא איז געווארען אלץ אויפגערעגטער.

וויסטו, וואס איך האב דאן געטהאן! איך בין צוגעגאנגען צו איהם, זיך פארנייגט פאר איהם, און האב איהם געזאגט: „ערלויבט מיר אויסצודריקען אייך מיין ענטציקונג“, אבער זעהסטו...

מיקיטאַ'ס אויפרעגונג האָט אָנגענומען אַ בעאונרוהיגענדע פאָרמע.

— אום גאָטעס ווילען, וואָס איז מיט דיר? ביסט דו קראַנק!

— האָט פאַלק אויסגעשריען.

מיקיטאַ האָט איהם ראַש אונטערבראָכען:

— איך? קראַנק? ביסט פון זינען... אָבער יענער חברה־מאַן האָט דאָן געהאַנדעלט אויסגעצייכענט. ניט אמת? די פרוי מוז מען מאַכען אונטערטהעניג מיט'ן קולאַק, מיט אַ שייט האָלץ, ליעבע דאַרף מען ערקעמפּפען...

ער האָט זיך פערהאַקט און איז פּלוצלונג שטיל געוואָרען.

עס איז אָנגעקומען אַן אונאַנגענעהמע שטילקייט. פאַלק איז געוואָרען אונרוהיג. זיינע אויגען זיינען געלאָפען פון מיקיטאַ צו איזאַ. אָבער נאָך אַלעמען האָט איהם די סצענע געמאַכט פערגעניגען.

איזאַ האָט זיך פּלוצלונג אויפגעזעצט און האָט געזאָגט:

— דו וואָלסט דאָ געקאָנט גאַנץ גוט ברייננגען ניטשעס ווערטער: „ווען דו געהסט צו אַ פרוי, פערגעס ניט מיטצונעהמען דעם שטעקען“. אַזוי קלינגען דיינע ווערטער, ווי דו וואָלסט זיי גענומען פון ניטשע, און געוואָלט אונז מאַכען גלויבען, אַז זיי זיינען דיינע.

אין איהר שטימע איז געווען עטוואָס אונגעוועהנליך אָבשטויסענדעס.

פאַלק האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר איבערראַשט. זאָל עס זיין אַ צושיידונג מיט מיקיטאַ? אַזאַ האַס...

מיקיטאַ איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל און האָט זיך פּלוצלונג צולאַכט.

— יאַ, דער טייפעל זאָל עס נעהמען, ניטשע האָט עס אויסגעצייכענט אויסגעדריקט. אָבער וואָס איז מיט אייך? איהר קוקט אויס אַזוי פייערליך... אָדער איך בין שוין אין גאַנצען נאַריש געוואָרען...

און גלייך איז ער געוואָרען וואונדערבאַר פריינדליך.

— זיי ניט בייז, וואָס איך בין אַזוי אויפגערעגט. איך הויב טאַקע אָן דענקען, אַז איך האָב די ווייסע היץ־קרענק. איך האָב די גאַנצע נאַכט גע'שכור'ט מיט יענעם חברה־מאַן. און דאָס איז פאַר

מיר ניט זעהר קיין גוטע זאך. מיין פעטער איז געשטארבען פון א ווייסער היץ־קרענק פון דעם בעסטען סארט, וואס קען נור ענט־שטעהן אין דעם מענשליכען מארך. זיין פלוידעריי איז געווען אזוי גלייך, סטראַינגע, ווי א פאלמע, אונטער וועלכע, לויט ווי אונזערע העלדען פון גייסט, קיין מענש קען ניט געהן אונבעשטראפט... יא, קיין איינציגער מענש קען ניט ווייזען אזא קונץ.

קיינמאל האט פאלק ניט געזעהן מיקיטא אין אזא צושטאנד.

— אבער וואס איז מיט דיר? ווארום שפילסטו מיט מיר דיזע קאמעדיע?

— וואס איז מיט מיר? איך בין גליקליך, גליקליך, ווי נאך קיינמאל ניט געווען.

— אבער דאס דארף מען ניט אזוי אויסשרייען.

— מען מוז שרייען, ווייל עטוואס ציטערט ארום די ליפען, עפעס אזא איראנישער שאטען, אזוי ווי דו גלויבסט אליין אין דיין גליק... נו, איזא, זיינען מיר דען ניט גליקליך?

אבער איזא האט עס שוין מעהר ניט געקאנט אריבערטראגען. איצט האט ער דורכגעשלעפט דורך דער בלאַמע אלע זייערע פער־העלטניסע...

ניין, דאס איז שוין צופיעל...

זי האט זיך אויפגעהויבען, אנגעטהאן, און ניט אויסריידענדיג קיין ווארט, איז זי ארויס פון צימער.

מיקיטא האט געקוקט אויף איהר מיט א זינלאזען בליק.

ער איז געווען ווי דערשלאגען. פלוצלונג האט ער זיך אויס־געדרעהט צו פאלק.

— קענסט אויך געהן. געה! געה! איך בין צו אויפגע־רעגט, און מוז בלייבען אליין. געה, געה! — האט ער געשריען.

פאלק האט מיט פעראכטונג א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס. אונטען האט ער געפונען איזא'ן. זי האט געווארט אויף איהם.

ווען מיקיטא איז געבליבען אליין, האט ער פערשלאסען די טיר, איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, און פלוצלונג האט ער מיט זיין גאנצען כח א קלאפ געטהאן זיין קאפ אן וואנד.

דער וועהטאָג האָט איהם אויסגעניכטערט.

ניין, ער איז ווירקליך משוגע. ער האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויפ'ן דיוואַן. דער קאָפּ האָט איהם שרעקליך וועה געטהאָן.

עס איז איהם פּלוצלונג פינסטער געוואָרען אין די אויגען און אַלעס האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען ארום איהם.

וואָס פאַר א שאַנדע. ער האָט פארגעוואַלטיגט א שוצלאָזע פרוי, האָט איהר געהאַט געגען איהר ווילען. זי האָט זיך איהם אָבגעגעבען, ווייל זי האָט געמוזט, אויס פליכט, ווייל...

און מיט זיין גאַנצען כח האָט ער אויסגעשריען.

— אַן עקעל!

ער איז געוואָרען אַלץ אונרוהיגער. ער האָט געפיהלט, ווי עס ציטערט אין איהם יעדער אָדער. אין זיין זעלע האָט געקאָכט. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער צופאַלט, צושיט זיך.

עפּעס ניט גוטעס קומט מיט מיר פאָר — האָט ער אָהן אַן אויפהער ווידערהאָלט.

פּלוצלונג האָט ער מיט ביידע הענד זיך געכאַפּט פאַר'ן האַרצען.

פארגעוואַלטיגט א הילפלאָזע פרוי, א פרוי, וועלכע האָט געפיהלט צו איהם אַן עקעל! ווארום האָט זי זיך איהם אָבגעגעבען? ווייל איך האָב איהר געבעטען? גאָט, זי האָט זיך איהם אָבגעגעבען אויס פריינדליכקייט, גאָט ווייס צוליעב וואָס.

און פּלוצלונג האָט אין זיין מאָרך אויפגעפלאַמט א ווילדער געדאַנק. און איצט גיט זי זיך אָב פאַלקען, ווייל ער וועט איהר אָנהויבען בעטען, זי וועט זיך איהם אָבגעבען, ווייל זי וועט ניט וועלען זעהן איהם ליידען, ווייל, ווייל...

ער האָט געוואָיעט מיט א משוגענעם געלעכטער, האָט זיך געוואָרפען אויפ'ן דיוואַן, און האָט קאָנוואולסיוו געוויינט.

און ווידער האָט אין זיין מאָרך ערוואַכט א שרעקליכע אונרוהיגקייט. ער איז אויפגעשפּרונגען. ער מוז איהר אויפזוכען, אז פאַלק זאָל איהר ניט צונעהמען ביי איהם.

אין אַן אויגענבליק האָט ער אָנגעטהאָן די היטעל, איז אראָבגעלאָפען די טרעפּ און איז געלאָפען איבער'ן גאַס ביז צו איהר

סאמע הויז, און דאָן איבער די טרעפּ אין דער הויף: א ציטערענ־דער, א בלאסער, מיט שוים אויף די ליפּען.

— די פריילין איז צו הויזע?

— ניין.

ער איז געשטאַנען פאר׳ן הויז. אלעס האָט זיך געבראָכען אין איהם.

ער איז געשטאַנען נאָך א ווײלע, און ער האָט אלץ ניט געקענט קומען צו זיך. מיט א מאָל האָט ער איבערגעלייענט אויף דער אנ־דערער זייט גאַס: קאַפע־רעסטאָראַן.

— אהא! א קאַפּע! ער וועט אהין אריין, וועט זיך זעצען דאָרט, אזוי, אזוי, שטיל, רוהיג, וועט זיך איינזעצען אויפ׳ן דיוואַן, וועט אויסטרינקען קאַפּע, וועט איבערלעזען א ציי‌טונג...

.11

איזא און פאלק זיינען געזעסען אין דעם זעלבען רעסטאָראַן, וואו זיי זיינען דעם ערשטען מאָל געווען, בלויז מיט דעם אונטער־שיעד, וואָס איצט זיינען זיי געווען גאַנץ אליין אין א בעזונדער צימער.

נאָך קיינמאָל האָט איזא זיך ניט געפיהלט אזוי גוט, ווי איצט, בלייבענדיג אליין, אויג אויף אויג מיט א מאַנספּאַרשוין.

זי איז געלעגען אויף א דיוואַן, האָט געראויכערט, און נאכ־לעסיג, עפּעס ווי מעכאַניש, ארויסגעלאָזען ריינגען רויך אין דער לופט. אָן מיקיטאַ׳ן האָט זי אינגאַנצען פערגעסען, און ווען זי האָט זיך אפילו יאָ דערמאָנט אָן איהם, איז ער געשטאַנען פאר איהרע אויגען ווי א מין ציטערענד, בייז בעשעפעניש, ווי א מין זאָנדערבארער, משונה׳דיגער קאַרליק.

ווי שלעכט ער האָט געקאָנט זיין!

זי האָט זיך דערמאָנט אָן יענע אָנצוהערענים, אָן זיין נארי־שען אָנעקדאָט מיט די וואורשטלעך.

פאלק האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף איהר. ער האָט בעמערקט, ווי איהר געזיכט ווערט בענאָסען פון צייט צו צייט מיט

א הייסער רויטקייט, און ווי זי ציטערט נערוועז; איהם האָט עס געוואונדערט.

און נאָך יעדען מאָל פון אזא רויט ווערען, האָט ער געזעהען, ווי זי הויבט זיך אויף מיט א מאָל און גיסט אריין אין זיך א גלאָז וויין.

ווי שטאַרק ער האָט זי געליעבט, ווי ער האָט געדורשט צו־דריקען צו זיך איהר שלאַנקען קערפּער, גלעטען איהרע ווייכע, ליב־טיגע האָר, און בעהאַלטען איהר קאָפּ ביי זיך אויפ'ן ברוסט. פאַר וואָס האָט ער ניט געהאַט די העזה צו טהאָן דאָס?

פאַר וואָס?

ער האָט געוואוסט, געפיהלט אז זי ליעבט איהם; היינט פאַר־וואָס האָט ער עס ניט געטהאָן?

אויס מיטלייד צו מיקיטא? צו האָט ער אָבער דען ניט גע־ליטען פונקט אזוי פיעל ווי ער, אויב ניט מעהר...

ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענער אונאַנגענעהמער סצענע, פון וועלכער ער איז געווען אן עדות, און, מערקווירדיג, כמעט ווי פרייד האָט ער דערביי געשפּירט.

וואָס פאַר א שד איז האָס געזעסען אין איהם, וואָס האָט זיך געקאָנט פרעהען מיט אזא זאַך?

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אזוי ער האָט א מאָל אָנגע'שכור'ט איינער'ס א חתן, און וואָס פאַר א טייפעלשען פערגניגען ער האָט געשפּיערט, זעהענדיג דער מיידעל'ס פערצווייפלונג, וואָס איהר חתן האָט זיך אזוי משונה'דיג אָנגע'שכור'ט. ער איז געווען זיכער, אז די מיידעל האָט פון דעמאָלט אָן אמת פיינד געקראָגען איהר חתן. טו וואָס פאַר א שד איז האָס געלעגען בעהאַלטען אין איהם?

א נערוועזער, קראַנקהאַפטער שמייכעל האָט אויסגעקרימט זיינע ליפּען.

זי האָט א קוק געגעבען אויף איהם.

ווי שעהן ער איז. שעה'ען לאַנג וואָלט זי געקוקט אויף איהם, געקוקט אין זיינע גרויסע פינקלענדע אויגען, וועלכע זיינען אָנגע־שטרענגט אויף איהר, מיט אזא פיבערישען גלאַנץ... היינט אז ער

נעהמט געהן איבער'ן צימער... דיזע עלאסטישע בעוועגונגען, ווי פון א שעהנעם שלאנקען טיגער.

און ווידער האט זי געפיהלט ווי א בושה־רויטקייט צופלאקערט זיך אויף איהר געזיכט, און ווי ביי איהר אין הארצען דערוועקט זיך א פינסטערע שנאה...

מיקיטא איז פשוט א מוזשיק!

זי האט ווידער דורשטיג געטרונקען. זיי האבען קיין איין ווארט ניט גערעדט צווישען זיך.

ער האט דאך שוין אזוי פיעל גערעדט; ער האט איצט גע־וואלט פערטיעפען זיך אין זיין אייגענע נשמה, און געניסען פון אלע, וואס איז ארום איהם, מיט יעדען נערוו זיינעם ארייעזאפען דאס. זי האט זיך איינגעהערט מיט ענטציקונג אין די שטילע, איינטאניגע קלאנגען פון זיין שטימע... אין דיזער שטימע איז געווען עטוואס, וועלכעס האט פאראליזירט איהר ווילען, וואס האט זי היפנאטיזירט. זי האט זיך דערמאנט, ווי זי איז איינמאל גע־זעסען אין טהעאטער און געהערט די אפערא „טריסטאן און איזאל־דא". דאס זעלבע האט זי דאן געשפירט. זי האט ניט געוואוסט, וואו זי געפינט זיך... אך, דיזער זיסער דרעמעל־צושטאנד, יענע איינשלעפערענדע און דאך זיס־לײדענשאפטליכע מוזיק... זי הערט, ווי יענע מוזיק גיסט זיך אריין ווי א טרויער אין איהר נשמה... אך...

זי האט זיך ווידער א ווארף געטהאן אויפ'ן דיוואן און האט פערמאכט די אויגען.

איהר איז געווען אזוי גוט... מיט איהם — צוזאמען מיט איהם... פאלק האט זיך אויפגעהויבען, האט זיך עטליכע מאל דורכגעשפאצירט איבער'ן צימער, דערנאך אוועקגעזעצט זיך נע־בען איהר.

ער האט גענומען איהר האנד, און ארייגעקוקט איהר אין די אויגען. די אטמאספערע איז געווען אזא, עפעס אקוראט ווי ארום זיי וואלט זיך צוגאסען א צויבערליכער פאספאר־שיין. ער האט געזעהען דיזען פלאטערענדען, הייסען, ציהענדען, רופענדען שיין... נאך דאן, דעם ערשטען אבענד, האט ער דיזען שיין געזעהען. א

שטילער שמייכעל פון זיסען טרויער האָט זיך אראָפּגעלאָזען אויף זייערע זעעלען.

— איצט וועל איך פאָרטזעצען.

— איהר זאָלט נור ניט פערגעסען.

— אָן וואָס?

— אָן דעם אָבמאַך...

— איך האָב שוין פערגעסען.

— איהר טאָרט עס ניט.

— ניין, ניין! — ער האָט געקושט איהר האַנד.

ווי זי האָט דאָס איהם געשלעפּט און געצווינגען צו זיך מיט איהרע אויגען. שוין־זשע האָט זי דאָס געטהאָן בעוואוסטזיניג?

— פון וואַנען זיינט איהר געקומען אהער?

— איז דען ניט פיעל וויכטיגער: וואוהין איך געה?

זי האָט א שמייכעל געטהאָן.

— יא, יא. איך שעהם זיך, איהר זיינט גערעכט... און די האַנד אייערע איז אזוי שעהן, אזוי פראַכטפאָל; אזא האַנד האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהען...

זי האָט א קוק געגעבען אויף איהם.

ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט, אז ער קען זיך ניט מעהר בע־הערשען. ער האָט זיך אראָבגעלאָזט אויף די קניע לעבען איהר און האָט גענומען ליידענשאַפטליך קושען איהר האַנד. זיינע לי־פען זיינען ווי צוגעזאָטען געוואָרען צו איהר האַנד. זי האָט שטיל צוגענומען איהר ווייכע, שמאָלע, לאַנגע האַנד.

— טהוט דאָס ניט! דאָס טהוט דאָך אזוי וועה...

זי האָט גערעדט שטיל, מיט א פערשטיקטען קול.

פאַלק האָט זיך ווידער געזעצט. ער האָט געווישט דעם שטע־רען, געטרונקען, געציטערט פון אויפרעגונג, און געשוויגען.

ער האָט דערנאָך ווידער אָנגעפאַנגען רעדען; רוהיג, שטיל, מיט א טרויעריגער שמייכעל האָט ער גערעדט.

— צוויי, דריי טעג זיינען אוועק צייט איך קען אייך... יא, איך פערשטעה עס ניט; אייגענטליך פערשטעהן איז דאָ ניטאָ וואָס; דאָס איז א פאַקט, וועלכען מען קען ניט לייקענען, א פאַקט,

וועלכער האָט שוין געשעהען... איך בעט אייך, ערלויבט מיר אלץ ארויסזאָגען, דאָס וועט מיך בערוהיגען... איך מוז רעדען וועגען דעם... איהר וועט, אפשר, דאָס ניט פערשטעהן, דאָך ליעב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען.

ער האָט דורשטיג געטרונקען, אליין ניט בעמערקענדיג דאָס.

— יא, איהר וועט דאָס ניט פערשטעהן, נור עס איז שרעקליך אין מיינע יאָהרען צו פערליעבען זיך. די גאנצע נשמה דרעהט דאָס אויס, דעם גאנצען מארך צומישט עס. איהר זיינט געוואָרען מיין אונגליק, מיין...

זיין אויפרעגונג איז אלץ געוואקסען.

— איך ווייס, יא, איך ווייס, אז איך וואָלט אייך ניט בעדארפט דערצעהלען דאָס אלעס... — ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פערטרייבען דעם געדאנק וועגען מיקיטא, — און איך ווייס ניט צו וואָס איך זאָג עס. דאָס איז עפּעס א שרעקליכע געהיימניס... היינט בין איך שוין גאָר ניט דער זעלבער, וואָס מיט דריי טעג צוריק, — איך פערשטעה ניט, וואָס האָט מיט מיר געטראָפען... נור... רעדען וועגען דעם קען איך: אלזאָ, איך וויל פון אייך קיין זאך ניט, ווייל איך טראָג אייך אין זיך... מיין גאנצען לעבען האָב איך אייך געטראָגען אין זיך אלס א גרויסען, שווערען טרויער און... איך האָב דאָס אייך שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אָבער... — האָט ער זיך ארויסגעכאפּט — איך ווער אזוי שרעקליך געמאַטערט, געפּלאָגט, אויף מיר פאלט אָן א ווילדע אונרוה... ניין, ניין, איך בין ניט משוגע, איך ווייס, איך ווייס גוט, וואָס איך רעד, און וואָס איך טהו. איך ווייס אויך, אז איך האָב גענוג ווילענסקראַפט אָבצוהאלטען זיך... יא, איך וועל אוועקגעהן, אוועקטראָגענדיג אייך אין זיך אלס אן אייביגען טרויער, און אויביג וועל איך זיך מוטשען מיט דיזען טרויער, — זאָל מיין זעעלע צובראָכען ווערען און אונטערגעהן...

ער האָט זיך ווידער אראָבגעלאָזען נעבען איהר אויף די קניע. אין די אויגען איז איהם פינסטער געוואָרען. ער האָט געפיהלט, ווי צוויי הערצער שטויסען זיך אָן איינס אָן דאָס אנדערע.

— אָבער זאָג, זאָג, אז דו ליעבסט מיך... ער האָט זי ארומ־

גענומען, און האָט געפיהלט ווי איהר קערפּער גיט זיך אונטער, דערנעהערט זיך, און פאַלט צו צו איהם. ער האָט זי ארומגעכאַפּט, עפּעס ווי ער וואָלט איהר געוואָלט אריינדריקען אין זיך מיט זיין ליידענשאַפטליכען אויסברוך.

— מיינע, מיינע...

זי האָט זיך מיט מיה בעפרייט פון זיינע ארעמס. זי האָט אליין ניט געוואוסט צו וואָס זי וועהרט זיך. זי האָט מיט א מאָל דערפיהלט א שטאַרקען האַס צו מיקיטאַ, וועלכער האָט זי בעשמוצט, געטראָטען אויף איהר.

פאַלק האָט אויף איהר א קוק געטהאָן. איהרע אויגען זיינען געוואָרען ברייט און אָנגעפילט מיט טרערען. זי האָט זיך אָבגעקעהרט און מיט א פערצווייפעלטער, נערוועזער אנשטרענגונג האָט זי געדריקט דאָס הענטעל פון דיוואַן.

ער איז צו זיך געקומען.

— יאַ, איהר האָט רעכט — האָט ער אָנגעפאַנגען רעדען מיט א מיעדען קול — יאַ, דאָס איז געווען ניט שעהן פון מיין זייט. איך בעט אום פערצייאונג. איהר זייט צו אויסגעמאַטערט אום צו ליעבען.

זי האָט אויף איהם א קוק געגעבען מיט א שטילען טרויעריגען פאָרוואורף.

— און א חוץ אלעמען — האָט ער ווידער גערעדט מיט אויפרעגונג — דאָס איז דאָך אזא אונבעשרייבליך גרויסער פערגניגען בלויז צו זיצען נעבען דיר, אָהן וועלכע ניט איז ווינשע, אָהן שטאַרקע פערלאַנגען... יאַ, לאָמיר זיין פריינד... ווילט איהר?

פאַלק האָט זיך געפלייסט צו זיין פרעהליך. אָבער געפיהלט האָט ער זיך מיעד און צובראָכען. ער האָט ניט געקענט בעהאַלטען זיינע יסורים. און צו וואָס בעהאַלטען זיי? צו וואָס? אין איהם האָט זיך מיט א מאָל אָנגעצונדען א פערדרוס, א ווילדע איינגעעקשנ׳קייט, קוים וואָס ער האָט זיך אָבגעהאַלטען פון קלאַפּען מיט אַלע זיינע כחות מיט׳ן קולאַק אין טיש. ער האָט דאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געטהאָן אזא זאַך.

ער איז ווידער אויפגעשטאַנען, איז אַרומגעגאַנגען אַרום טיש און האָט זיך געזעצט פון צווייטען זייט נעבען איזאַ.

— ניין, עס וואָלט געווען לעכערליך, ווען איך וואָלט מיט אייך געשפּיעלט אַ קאָמעדיע. איך וויל דאָס ניט טהאָן. אָבער זאָגען דאָס אייך מוז איך... כ'מוז... איהר וואָלט געקאָנט... ניין, דו! דו! ערלויב מיר אַזוי צו רופען דיך. איך האָב דאָך קיינעם ניט אויף דער וועלט. פאַר מיר ועט דאָך שוין דאָס אַליין אויך זיין אַ גרויס גליק, וואָס איך וועל דיך קאָנען רעכענען פאַר מיינער דורך דיזען קליינינקען וואָרט „דו". איך וואָלט זיך געשעצט גליק־ליך, ווען איך וואָלט געקאָנט אויסשרייען מיט מיין פולער ברוסט דיזען „דו"... „דו"...

איהם האָט מיט אַ מאָל ווידער אויפגעטרייסעלט אַ ליידענ־שאַפטליכער שטורם. ער האָט שוין קיין זאַך ניט געזעהען פאַר זיך. זיין קאָפּ האָט ער אויף איהרע קניע בעהאַלטען. און זי האָט אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ מיט איהרע הענד און האָט איהם גענומען קושען... צוערשט אַביסעל מיט שרעק, דערנאָך שוין ליידענשאַפט־ליך, מיט קורצע אונטערברעכונגען און דערנאָך ווידער אַלץ שטאַר־קער און מעהר ליידענשאַפטליך. ער האָט אין גאַנצען געציטערט, און דיזער ליידענשאַפטס־ציטער האָט זיך אין הייסע שטראָמען צוגאָסען איבער זיין קערפּער.

און ער האָט געהערט ברענענדיגע, אָבגעהאַקטע ווערטער, אַרויסגערעדטע מיט אַ פערשטיקט קול, וועלכע האָבען זיך געגאָסען אין זיין נשמה אַריין עפּעס אַזוי ווי ערגעץ פון ווייט, ווייט, פון הינטער בערג און ימים...

איך בין געגאַנגען נאָך איהם, איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל איהם קאָנען ליעב קריגען, ער האָט דאָך מיך אַזוי געליעבט...

— ווען דו זאָלסט וויסען, ווי דאָס פּלאָגט מיך... דיך, דיך ליעב איך שוין לאַנג — זעהר לאַנג... פון יענער צייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען דיר... איך האָב איהם איבער־גערעדט ער זאָל פאָהרען אַהער... ווען איך האָב דיך דעם ערשטען מאָל דערזעהען, האָב איך געציטערט, איך האָב מיין בעוואוסטזיין

פערלאָרען... איך וויל ניט געהן פון האנד צו האנד, פון איינעם צום אנדערען... לאָז מיך, לאָז.

ער האָט אָבער שוין קיין זאך ניט געהערט. ער האָט זי ארומגענומען, האָט זיך איינגעזויגען אין איהרע ליפען, איהר קאָפּ גענומען, און פערריקטע ליידענשאפט צוגעדריקט זי צו זיין געזיכט.

ענדליך האָט זי זיך פאָרט ארויסגעריסען און האָט זיך הויך צואויינט.

— לאָז מיך. מוטשע ניט. איך — איך קאָן ניט!

ער האָט זיך אויפגעהויבען. א טיפער טרויער האָט אָנגעפילט זיין נשמה.

דערנאָך האָט ער אָנגעכאפּט איהרע הענד, און לאנג האָבען זיי געקוקט איינער אויפ'ן אנדערען, האלטענדיג זיך פאר די הענד.

— אלזאָ, מיר דארפען זיך, הייסט עס, שיידען?

— יא.

— אויף אייביג?

זי האָט געשוויגען. טרערען האָבען זיך געקייקעלט איבער איה־רע באקען.

— אויף אימער? — פאלק האָט שטארק געציטערט. ער האָט איצט געוואָרט צו הערען זיין טויט־אורטהייל.

— אויף אימער...

12.

פאלק איז געשטאנען אויפ'ן גאס, טיעף פערטראכט. ער איז לאנג אזוי געשטאנען ביז ער האָט עס ענדליך אליין בעמערקט.

יא, דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער געפיהלט דיזען שרעקליכען, טייפעלשען טרויער.

ער איז געווען אין גאנצען אָהן כחות.

— אויף אייביג! — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין. פיעל מאָל האָט ער איבערגעזאָגט דיזען „אויף אייביג". ער האָט אָבער בשום אופן ניט געקאָנט בעגרייפען די בעדייטונג פון דיזען אונ־פערשטענדליכען „אויף אייביג"!!

ער איז ווידער געבליבען שטעהן.
שוין־זשע זאל ער געהן אהיים?
וואס טהוט מען אין דער היים?
ער האט בעמערקט ליכט אין די פענסטער פון קאפעינע אויפ׳ן צווייטען זייט גאס.

ער איז אהין אוועק, ניט אבגעבענדיג זיך קיין רעכנונג.

ווען ער האט, זוכענדיג א פרייען טישעל, געווארפען א בליק איבער׳ן חדר, האט ער אין שרעק צוריק אבגעטראטען.

ער האט דערזעהן מיקיטא׳ן זיצענדיג אין א ווינקעל. זיין אויסזעהן איז געווען שרעקליך. זאל עס מעגליך זיין, אז דאס איז געווען בלוט? — יא, בלוט... פאלק איז צוגעגאנגען צו איהם.

— אום גאטעס ווילען! וואס האסטו געטהאן?

אויף זיינע שלייפען האט זיך געזעהן בלוט, און זיינע האר זיינען אויך געווען פערקלעפט מיט פערקיהלטע בלוט.

מיקיטא האט א קוק געגעבען אויף איהם מיט א מין גלעזער־נעם בליק. פאר איהם איז געשטאנען א גרויסע פלאש שטארקען בראנפען.

— אה, דו ביסט עס? וואס מאכסטו?

— וואס האסטו געטהאן מיט זיך?

—נו, טייערסטער פאלק, וואס הערט זיך עפעס מכח דיינע ליעבעס־עסקים?... כ׳רעד, הייסט עס, פון דעם סאמע עיקר אין ליעבע? דיין אויסזעהן איז אזעלכער, עפעס אקוראט ווי דו וואלסט געקומען אהער גלייך פון גענוס, פון בעט... עס האט זיך גרינג איינגעגעבען, ניט אמת? איזא איז א טענצערין, און א שרעקליכע טענצערין... חא, חא, חא!

מיקיטא האט געלאכט מיט אן אבשייליכען ציניזם.

פאלק האט געפיהלט אן עקעל. ער האט זיך אבער בעהערשט.

— וואס, אבער, האסטו מיט זיך געטהאן? — האט ער ווי־דער געפרעגט, צוקוקענדיג זיך צו מיקיטא.

— וואס כ׳האב געטהאן? חע, חע, חע... מיט׳ן קאפ אן וואנד זיך געהאקט. גאט מייגער... א גרויסע זאך, עטליכע טראפען

בלוט! דאָס ציהט אָבער צו מיר אַלעמענס אויפמערקזאמקייט, און איך קען לייכט אַלעס בעטראַכטען, און צייכענען עסקיזען.

ער האָט אָנגעוויזען אויפ'ן מאַרמאָרנעם דעק פון טישעל אין גאַנצען בעדעקט מיט בילדער.

— ניין, ניין, דאָס וועט מיר קיין האָר שאַדען... אָבער זאָג מיר נור, פאַלק, ווי וויים ביסטו אין דיין ליעבע?

פאַלק האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען מיט פעראַכטונג. ער האָט אָבער פּלוצלונג דערזעהן מיקיטאַ'ס גלעזערנע, בלאָנדזשענדע אויגען, וועלכע ער האָט ביז אהער קיינמאָל ניט געזעהן ביי איהם, און איהם האָט בעפאַלען אַ שטאַרקע אונרוהיגקייט.

— דו ביסט אַן אידיאָט! — האָט ער אויסגעשריען. מיקי־טאַ'ס אוננאַטירליכע אויפרעגונג איז מיט אַ מאָל פערשוואונדען, זיין געזיכט האָט אָנגענומען אַ טעמפּען אויסדרוק, די אויגען זיי־נען געבליבען שטעהן און ער האָט אויטאָמאַטיש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איך וויים... כ'וויים...

פאַלק איז געווען ערשטוינט. ער האָט זיך געזעצט נעבען מיקיטאַ'ן.

— הער אויס, מיקיטאַ, ביסט אַן אידיאָט — וואָס אַ שטיי־נער, ווילסטו פון איזאַ, פון מיר? טו זאָג שוין בעסער גלייך.

מיקיטאַ האָט פּלוצלונג אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט שנאה.

— אפשר ווילסטו נאָך מיך אָפּנאַרען? צו האָסט דען ניט פערבראַכט מיט איהר דיזען גאַנצען אָבענד?

פאַלק איז געוואָרען אין כעס.

— דו ביסט אַליין שולדיג אין דעם, וואָס איך בין געווען מיט איהר... פריהער טרייבסטו מענשען פון הויז, און דערנאָך פאָ־דערסטו, אַז זיי זאָלען זיך געהן רוהיג אהיים. דעם גאַנצען אָבענד האָסטו זי געמאַטערט, דערעסען איהר מיט נאַרישע, נישטווירדיגע שטעכווערטלעך, און נאָך דעם אַלעס פאָדערסטו, אַז זי זאָל זיך רוהיג אומקעהרען אהיים און זיך לעגען שלאָפען?

דיזע מאָראַלישע דרשה איז ארויסגעקומען גאַנץ געראָטהען,

פאלק האט זיך אין הארצען געשעהמט מיט דיזע קליינליכע פייג־הייט און ליגענס!

— טו וואו־זשע ביסטו געווען מיט איהר, וואו?

—וואו איך בין געווען?... איך האב זי בעדארפט בערוהיגען, ווייל ביי איהר בעליעבטען חתן טרעפען זיך ספאזמען פון משוגעת, און כדי דאס ערקלעהרען דער בעליידיגטער פרוי, האב איך האך בעדארפט מיט איהר ערגעצוואו אריינגעהן... עס איז גאר ניט אזוי אנגענעהם צו האבען ארום זיך א רעדעל מענשען אויפ'ן גאס.

מיקיטא האט אונשולדיג א קוק געטהאן אויף איהם.

—נו, געה, דו נארישער מענש, קענסט פרעגען אט דא באלד,ביים בעל־הבית, ער וועט דיר זאגען וואו מיר זיינען געווען... און מיך וועסטו אזוי גוט זיין צורוה לאזען: איך האב גאר א קנאפען חשק צו שפילען די ראלע פון א רודף־שלום אין אייערע ערב־חתונה מחלוקות. מעהר נעהם איך אויף זיך ניט די אויפגאבע צו שטעהן פאר דיין כלה און זינגען לויב־געזאנגען, און מאלען די מעלות פון איהר צוקינפטיגען געמאהל, און פערענטפערען איהם.

— האסטו דאס געטהאן?

— איך האב ניט די מינדעסטע אורזאכע צו לייקענען פון דיר עטוואס.

— דאס איז מיאוס! מיאוס! — האט פאלק אין הארצען געשריען... דאך, פאר וואס איז דאס מיאוס? צו דען איז מיאוס דאס, וואס איך בערוהיג איהם?... חע, חע... זאלען זיי זיך זיין גליקליך, איך וועל דאך איהר קיינמאל מעהר ניט זעהן.

מיקיטא'ן איז פינסטער געווארען אין די אויגען. ער האט אנגעכאפט פאלק'ס האנד און האט זי מיט אזא קראפט געדריקט, אז פאלק האט שיעור ניט אויסגעשריען פאר וועהטאג.

— דו... פאלק... — האט מיקיטא געשטאמעלט — איך... דאנק — זיין שטימע האט זיך איבערגעריסען.

נאך קיינמאל האט פאלק ניט געשפירט אזא אונאנגענעהמען געפיהל; איהם וואלט א סך ליעבער געווען צו קריגען א פאטש אין פנים, דאך... ער האט דאך איהם פארט גליקליך געמאכט. אין דערזעלבער צייט האט ער געפיהלט א טיפען האס. מיקיטא האט

איהם אויסגעזעהען אזא נישטיקער... צום טייפעל! ווי קאָן מען דאָס ארומגעהן מיט אזא צובלוטיגטער צורה! האָט איז דאָך אזוי העסליך!

— וויש שוין אָפּ אמאָל דאָס בלוט!

מיקיטאַ איז צומישט געוואָרען. ער האָט זיך פערשעהמט און האָט הילפלאָז געקוקט אויף פאַלק'ן. דערנאָך איז ער אוועק אין באָדע־צימער און האָב אָבגעוואַשען די בלוט.

פאַלק'ן האָט געמאַטערט זיין געוויסען. דאָס איז עקעלהאפט. איצט האָט ער זיך געפיהלט עפּעס ווי א מין וואָהלטהעטער פון דיזען דערשלאָגענעם, אָבגענאַרטען מיקיטאַ... יאַ, אלס א מין בעשיי־צער, וועלכער קעהרט אום דאָס גליק צום אָבגענאַרטען קאַרליק — אַך, ווי נידערטרעכטיג.

און ווי דום דאָס איז! פאַרוואָס עפּעס דאַרף ער אָפּפערען מיט זיין גליק צוליעב מיקיטאַ? סיידען דערפאַר, ווייל אין איהם טליהעט נאָך ערגעץ א זכר פון דער בעגראָבענער פערגאַנגענהייט, א זכר פון נאַרישען געוויסען, פון טראַדיציאָנעלע מאָראַל איבער אייגענטהום, דער בעגריעף פון בכורה אין צייט... עס האָט פּונקט אזוי גוט געקאָנט פּאַסירען, אז ער זאָל קומען פריהער פון מיקיטאַ, און מיקיטאַ וואָלט דאַן פּונקט אזוי גוט געקאָנט טהאָן דאָס, וואָס ער האָט איצט געוואָלט טהאָן... נו, יאַ, איצט איז שוין אַלץ פאַראי־בער, פערפאַלען... איצט — איצט...

מיקיטאַ איז צוריק אריין אין זאַל.

— נו, איצט ביסטו ווידער עהנליך צו א מענשען.

פאַלק האָט געפיהלט א נויטוועענדיגקייט צו זיין גוט צו מיקי־טאַ — ווי פריהער, ווי א ברודער...

און ער האָט דאָס געפּרופּט טהאָן.

מיקיטאַ'ן איז אָבער געווען א בזיון; שאַנדע האָט איהם דעם מאַרך פערגאָסען, קוים וואָס ער האָט געקאָנט קוקען אויף פאַלק'ען. עס האָט איהם געוואָרפען אין היץ און אין קעלט. ער האָט געפיהלט אַן עקעל צו זיך זעלבסט.

— הערראויס, פאַלק, לאָמיר געהן.

זיי זיינען שטיל געגאַנגען איינס נעבען אנדערען. און מי־

קיטא האט אלץ געקאכט, און ענדליך האט ער אויסגעבראכען:

— דו, עריק, פערשטעהסט עס ניט; קענסט עס ניט פער־שטעהן... וואס ווייסטו וועגען איהר? נו, זאג, זאג וואס ווייסטו? גאר ניט, אבסאלוט גארניט... איך האב דריי־פיער חדשים גע־וואהנט מיט איהר צוזאמען, און ווייס קיין זאך ניט וועגען איהר. אין אן אבגרונד ווארף איך זיך, — ניין, ניט אליין טהו איך עס, א שטורם האט מיך פערכאפט, און מיט א ווילדער קראפט ווער איך אריינגעשלעפט און פערשלונגען, און איצט פיהל איך, ווי איך פליה אין אבגרונד אריין.

— הער אויס, הער אויס, עריק! — האט ער איהם קאנוואול־סיוו אנגעכאפט פאר'ן האנד... — דו ווייסט ניט ווי דאס פלאגט, ווי שרעקליך דער וועהטאג איז... דיזע ניט־זיכערהייט — דיזע... פערשטעהסט... צייטענווייז פאלט דאס מיך אן אויפ'ן גאס, ווען איך געה ערגעץ, עס נעהמט מיך דורך ווי א קאנוואולסיע... איך פערליר מיין בעוואוסטזיין; איך — איך...

אך, ווען ער וואלט וויסען, ווי איך לייד — האט פאלק גע־קלערט... — צו זאגען מיר אזעלכע זאכען!... חא, חא, חא!...

איהם איז דאס אלעס מיט א מאל פארגעקומען זעהר נאריש. ווירקליך, ווי לעכערליך, וואסביידע, ווי צוויי בעק וואס ווערען קראנק אויף דעם דרעהניש־חולאת, אזוי האבען זיי זיך געדרעהט ארום איינער און דער זעלבער פרוי... ער האט זיך אנגעשטרענגט צו דערשטיקען דעם האס, וועלכער איז אלץ געוואקסען צו דיזען מענשען, וואס טהיילט מיט איהם איינע און דיזעלבע ליידענשאפט, איינע און דיזעלבע יסורים...

— דו קענסט ניט דיין כלה...

דיין כלה, ווי שרעקליך דאס האט וועה געטהאן. ער וועט דאך אבער שוין מעהר ק י י נ מ א ה ל ניט בעגעגענען זיך מיט איהר. ער האט דאס פלוצלונג פערשטאנען, אין איין טויזענדטעל פון א סעקונדע האט ער עס איצט אין גאנצען פערשטאנען. ק י י נ מ א ל נ י ט... א קאלטער ציטערען האט איהם בעפאלען.

— יא, יא... איך קאן זי ניט, קיין זאך ווייס איך ניט וועגען איהר... — מיקיטא'ס קול האט געציטערט — גאר אייגענטליך...

פאַלק האָט דערהערט א פערשטיקטען שלוכצען. קיין מיט־לייד, אָבער, האָט ער איצט ניט געשפירט. ער איז מיט א מאָל גע־וואָרען גרויזאם.

— הער אוים, מיקיטא, איך פיהל, אז דו ביסט אייפערזיכטיג צו מיר — דו האָסט אָבער דערצו ניט דעם מינדעסטען גרונד. יא, יא, איך ווייס, דיין פערשטאַנד באַרעט זיך געגען דיזען געפיהל. דאָך יענער שווארצער פונק, וועלכער רייסט זיך דורך פון ערגעץ, פון אן אונבעקאַנטער טיפעניש, איהם קען דער שכל ניט בע־קעמפפען.. און דעריבער, פערשטעהסטו, וועט דיין כלה מיך מעהר קיינמאָל אין די אויגען ניט זעהן... ניין, ניין, לאָז מיר אַלץ ארוים־זאָגען —דאָס איז קיין שום זעלבסט־אָפּפער פון מיין זייט. איך האָב זעהר ליעב דיין כלה, דאָך ביסטו זיך טועה, אויב דו רעכענסט, אז דאָס איז עפּעס א מין טיפער געפיהל — און דאָס זעלבע איז אויך פון איהר זייט...

פאַלק איז רויט געוואָרען.

— ניין, ניין, איך קאָן דיך; איך ווייס דיין פריינדשאפט צו מיר — דאָך דאָס בעסטע וועט זיין, אז מיר זאָלען זיך דערווייל גאָר אין גאנצען ניט בעגעגענען... נו, זיי געזונד...

מיקיטא איז ניט געווען אין שטאַנד ארויסצורעדען קיין איין וואָרט.

— יא, יא, בלייב געזונד.

מיקיטא האָט געוואָלט עטוואָס זאָגען, נור פאַלק איז שוין ארויפגעשפרונגען אויף א דראָזשקע.

— וואוהין?

פאַלק האָט אָהן שום בעוואוסטזיין, ווי אן אויטאָמאַט, אָנגע־רופען די גאס, וואו יאנינא האָט געוואָהנט.

מיט א מאָל איז ער צו זיך געקומען.

ווי אזוי? וואוהין? וואוהין האָט ער געהייסען פאָהרען? ווי אזוי איז גאָר אזא געדאנק מיט א מאָל געבאָרען געוואָרען אין זיין מארך? ער האָט דאָך גאָר ניט געטראכט וועגען יאנינא, — ניין, קיינמאָל ניט א טראכט געגעבען וועגען איהר.

וואָס דאַרף ער פון איהר?

לאנג האָט ער אָבער וועגען דעם ניט געקלערט. איהם איז דאָך אייגענטליך גאַנץ גלייך וואוהין צו פאָהרען. פונקט ווי איהם אַרט ניט, אויב ער גיט אָב רעעכנונג אין דעם, אָדער ניט...

דאָס יעניגע וואָס האָט איהם ווירקליך מעהר פון אַלץ גע־קוועלט און געמאַטערט, דיזעס איז געבליבען בעהאַלטען און אונ־פערשטענדליך פאַר איהם. פאַר וואָס האָט ער זיך פערליעבט אין דיזער פרוי? פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט ער אַזוי שרעקליך גע־ליטען? און דאָס אַלץ דורך דיזער פרוי!

חאַ, חאַ, חאַ... איבער דער גאַנצער וועלט געהן אַרום, שטאָל־צער ווי פון שטאָהל אויסגעגאָסען, שטאַרקע מענער, און פעראַכטען די פרוי.

פאַלק האָט זיך געטרייסעלט פון לאַכען — זיי פעראַכטען די פרוי, דיזע חכמים, דיזע שטאַרקע מענער! — און זיי ליידען ניט דורך פרויען, זיי, די שטאָלצע, די אונבעזיעגבאַרע! נו, יאַ, אפילו דער אַלטער, לעכערליכער אילטוס פעראַכטעט די פרוי...

פאַלק האָט נערוועז געלאַכט, אַליין ניט וויסענדיג פון וואָס...

— נאָך קיינמאָל האָב איך ניט געליטען דורך אַ פרוי!

פאַלק'ען האָט זיך געדוכט, אַז ער זעהט פאַר זיך איצט אילטוס'ן.

דיין אָרגאַניזם איז צו גראָב, אַ פויערשער אָרגאַניזם איז דייַ־נער, טהייערסטער אילטוס; דיין זינליכקייט הייגגט נאָך ניט אָפּ פון דיין מאַרך. דו ביסט ווי דער וואַסער־שלאַנג, וואָס טהיילט אָפּ פון זיך פלוצלונג עטליכע פיסלעך, וועלכע זיינען בעגאַבט מיט געשלעכטליכקייט, און שיקט זיי אַרויס צו זוכען די ז י, נו און ווייטער אינטערעסירען זיי איהם ניט מעהר. גאָט מיינער! ביסט אַ גליקליכער מענש, טהייערסטער אילטוס, איך בין אָבער ניט מקנא דיין גליק. קיינמאָל האָב איך ניט מקנא געווען דעם אָקס, וואָס ער קאָן קייען גראָז; אפילו דאַן, ווען איך האָב געליטען שרעקליכען הונגער, האָב איך איהם אויך ניט מקנא געווען.

איך לייד צוליעב מיין אייגענער שולד, טהייערסטער אילטוס, איך לייד, ווייל מיין שכל שטרעבט אַרויסצואווייזען זיין גאַנצע טיעפעניש, צאָהללאָזע ריינגען וויל ער שאַפען, וועלכע זאָלען מיך

פעראייניגען מיט דער גאנצער וועלט, מיט דער גאנצער נאטור... איך לייד דערפאר, וואס איך קען ניט ווערען די נאטור אליין, דער־פאר וואס איך קען ניט בעהעפטען, צונויפגיסען מיט זיך דאס, וועל־כעס איז מיין העלפט — די פרוי, און דערפאר וואס... אבער דאס איז דאך נאך אלעמען נישט וויכטיג וואס איך קען און וואס איך קען נישט, דאס אלעס איז דאך ניט מעהר ווי א פערבלענדונג פון מיין צו קלוגען מארך. — איינס איז בלויז א פאקט, יא, א פאקט!... איך לייד, ווי איך האב נאך קיינמאל ביז איצט ניט געליטען.

פאלק האט זיך אויסגעגלייכט אין דראזשקע.

איצט דארף ער איהר מעהר קיינמאל ניט זעהן...

פאר וואס?

ווייל מיקיטא איז געוועזן דער ערשטער און מעגליך אויך דער עלטערער, און דעם עלטערען געהערט דאך די בכורה, — ווייל מי־קיטא וואלט חלילה געליטען פון דעם.

פאלק האט זיך איראניש צולאכט.

יא, ער מוז אפפערען מיט זיך, ווייל אז ניט, וועט נאך אימי־צער ליידען דורך דעם. האט דען יעזוס ניט געלאזט זיך קרייצי־גען, כדי צו עפענען די הימלען פאר אנדערע? נו, און איצט איז אויך ער, יא, ער, עריק פאלט נעהמט אויף זיינע פלייצעס א צוויי־טענ'ס ליידען, ער איז א וואהלטהעטער, א גרויסער ערלייזער.

און איצט בויגט זיך מיקיטא אין דרייען אונטער דער משא פון מיינע טובות, קוים וואס ער קען זיך אויף זיינע פיס האלטען, אזוי בויגט איהם דיעזע משא.

עקעלהאפט! פאלק האט א שפיי געטהאן, וואס ער האט נאך קיינמאל ניט געטהאן.

יא, ער וועט אוועקפאהרען, כדי ניט מאכען מיקיטא'ן אונ־גליקליך. נור צוליעב דעם. עס פערשטעהט זיך, אז אוועקפאהרען וועל איך דאך גאר אייגענטליך דערפאר, ווייל זי בעט מיך איך זאל אזוי טהאן, דאך פאר וואס ניט געבען איינעם די מעגליכקייט צו רעכענען מיך פאר זיין בעל־טובה? פאר וואס טאקע ניט?

איך וואלט דאך געקענט זאגען. מיקיטא, דו ביסט אן עזעל, און צייטענווייז ביסטו כלל ניט עסטעטיש. געוויס, עסטעטיקע איז

עטוואס זעהר נארישעס, דאך דארף מען זיין אויף אזוי פיעל קול־טורעל אז פון קלעמעניש זאל מען זיך ניט צוקלאפען די קאפ אן וואנד.

יא, דעם מענשענ'ס מחשבות זיינען אפטמאל מערקווירדיג גראב.

נאר וואס האב איך געוואלט זאגען... אט זעהסטו, מיקיטא, אזא זאך דארף מען זעהן כאטש וויפיעל ניט איז צו בעהאלטען אין זיך... גאט מיינער, איך האב דאך גאר ניט דאגעגען אז דו זאלסט ליידען; פאר וואס דען ניט ? איך לייד אויך. וואלסט אבער בעדארפט אננעהמען אן אנדער שטעלונג... לאמיר זאגען: דו האסט בעמערקט, אז דיין כלה איז אונטריי צו דיר, און זי פערקעהרט מיט דיינעם א חבר. דו, אין אזא פאל, וואלסט באלד בעדארפט וויזען אונענדליכע פריינדשאפט, — וועלכע זאל צו דערזעלבער צייט זיין אויסגעמישט מיט א געוויסען טהייל אבשטויסענדע קאלטקייט. — דו מאכט זיך בלומרשט פאר גאנץ גלייכגילטיג. בלויז איבער דיין געזיכט לויפט דורך פון צייט צו צייט א שאטען פון טיעפען ליידען. דיזעס מוז אבער יעדענפאלס טרעפען זעהר זעלטען, בלויז דאן, ווען דאס איז ווירקליך אם פלאץ און אין צייט, — דאס ווענדעט זיך שוין בלויז אן אינסטינקט און טאקט.

קורץ גערעדט: מען ברויך צו זיין גלייכגילטיג, קאלט און אבשטויסענד. ווייסטו וואס איך וואלט געפיהלט אין אזא פאל ? טיעף אין הארצען וואלט איך זיך געשעהמט, איך וואלט זיך אליין בעטראכט אלס א קלעגליכען בעל־עברה'ניק און וואלט אויסגעזעהן לעכערליך אין מיינע אייגענע אויגען. זעהר מעגליך, אז דאס אלעס וואלט געווירקט צו מאכען מיך קאלט, אויסצוניכטערען מיך.

און איצט ? — איצט קומט אויס, אז איך בין דיין וואהל־טהעטער, פאר וועמען דו שעהמסט זיך, ווייל עס איז ווירקליך א שאנדע ארויסצושטעלען די אייגענע געפיהלען, די אייגענע איי־פערזוכט צום אלגעמיינעם שאנד־קלאץ, ווייל דיין געזיכט איז דאך געווען אויסגעשמירט אין בלוט...

יא, איך בין דיין בעל־טובה, צו וועמען דו שטאמעלסט ארויס דיין דאנק.

יא, דיין בעל טובה.

פארוואס ?

דערפאר, ווייל דו שטעהסט נידריגער פון מיר, דערפאר וואס דיין מארך איז א קנעכטישער, דערפאר וואס איך, איך בין א סאמע געוועהנליכער לומפ.

און זי ליעבט מיך.

בין איך דען דערמיט א לומפ ?

חע, חע, מיקיטא, דיין לאגיק איז אויסערגעוועהנליך נאריש, שטוינענד נאריש.

שוין־זשע זעהט ער ניט, אז איזא ליעבט איהם ניט מעהר ? איז ער דען בלינד ?

וואס וויל ער פון א פרוי, וועלכע געהערט מיט איהר גאנצער זעעלע אן אנדערען ?

אך, ווי עס טרייסעלט איצט, ווען דער איזוואזטשיק איז אראפ פון דעם אספאלט־שליאך !

דאך וואָרום ווייל זי חתונה האבען פאר מיקיטא ? וואָרום ?

און דא איז ביי איהם דורכגעלאפען א געדאנק, פון וועלכען ער איז אונטערגעשפרונגען ווי א גומענע פילקע, זיצענדיג אויפ׳ן איזוואזטשיק.

אפשר איז זי גאר זיין ליובאווניצע ?

ווי דריבנינקע, שארף־שפּיציגע נאדלען, האט זיך דיעזער גע־דאנק אריינגעזויגען איהם אין הארצען. ער האט זיך געקרימט פון וועהטאג...

— טו פאהר שוין גיכער, קוטשער, גיכער, צום טייפעל ! וואס געהט עס מיך אן ? ! — האט ער געשריען. וואס ארט עס מיך, מיך ? ! איך וועל דאך זי שוין מעהר קיינמאל ניט זעהן ; און דאס איז אפילו בעסער אזוי, א סך בעסער. דיזער קלייניקער ליי־דען וועט איבערגעהן, און דערנאך וועל איך אין גאנצען פערגעסען...

וואוהין פיהרט עס איהם דיעזער עזעל ?

אהא !

פאלק איז אראפ פון דראזשקע. איצט מוז ער נאך שטעהן און ווארטען ביז דער סטרוזש וועט דעם טויער אויפשליסען.

צו וואס, אייגענטליך, איז ער געגאנגען צו יאנינא ?

איהם האט זיך קלאר פארגעשטעלט אלץ וואס איהם ערוואַרט, ווען ער וועט ארויפגעהן... זי וועט, עס פערשטעהט זיך, אנהויבען וויינען פארוואס ער איז אזוי מיעד און טרויעריג... און דערנאך... ניין ! ער וויל ניט, ער וויל ניט...

איהם האט זיך פלוצלונג פארגעשטעלט איזא, מיט איהר שלאנקע, איידעלע פיגור, ער האט געפיהלט איהרע קושען, איהר שמאלע, ווייכע האנד.

ניין, אויב אזוי, דארף מען געהן א היים ! יא, אהיים...

ער וועט אנצינדען דעם לאמפ...

ער האט נערוועז א שאר געטהאן אין די קעשענעס.

נו, געליובט איז גאט, ס'איז דא שוועבעלעך...

דערנאך וועט ער זיך לייגען אין בעט... ניין ! ניין ! ער וועט אפשר איינשלאפען אויפ'ן דיוואן.

יא, א ביסעלע מארפיום. — דערנאך אבער, אין דער פריה, יענער קאפ־שמערץ... און קיינמאל מעהר וועט ער זי ניט זעהן...

ווען ער איז געקומען אהיים, האט ער געטראפען א בריעף פון זיין מוטער.

דאס איז געווען א גאנץ לאנגער בריעף, מיט אלע איינצעלהייטען האט זי דערצעהלט, אז זי האט פערקויפט דעם מאיאנטעק, אז נאכ'ן פאטער'ס טויט איז די בעל־הבית'ישקייט ניט גוט געגאנגען, דער אופראוויליאיושטשי האט גע'גנב'עט, און איצט פאהרט זי ארויס וואהנען אין שטאדט.

חוץ דעם איז נאך אין בריעף געשטאנען עפעס א לאנגע מעשה וועגען א געוויסען הערר קאוער, וועלכער האט איהר פיעל געהאלפען, און וועמען זי איז זעהר דאנקבאר ; און דערצו האט נאך געפאלגט א לאנגע מגילה, אין וועלכער די אלטיטשקע האט שטארק געליובט קאוער'ס יונגע טאכטער. אלס א שעהנעם, גוטען מלאך האט זי איהר געמאלען.

דער נאמען מ א ר י ט האט אזוי מאדנע געקלונגען אין פאלק'ס אויערען ; דיעזען נאמען האט ער געהערט בלויז אין נארוועגיען... און ענדליך איז געקומען דער עיקר, — פאלק האט מיט פערלייכטע־

רונג אָבגעזיפּצט. מיט גרויס הרחבה האָט די מוטער ערקלעהרט פאַר וואָס דיזעס איז דער סאַמע עיקר : ער מוז אונבעדינגט קומען צו־פאָהרען צו איהר און ברענגען אין אָרדנונג זייערע געלד־אינטערע־סען. ער מוז זיין דערביי, ווייל אַזוי פערלאַנגען די אַפּעקונעס פון דער אימעניע...

נו, גוט, אַלץ געהט צו אויסגעצייכענט. איך פאָהר, הייסט עס. ער האָט אָנגעשריבען דער מוטער, אַז ער וועט גאָר אין גיכען קומען צו איהר, און האָט דעם בריעף אַליין אויפ'ן פּאָסט אוועקגע־טראָגען.

13.

פאַלק'ען איז אויסגעקומען צו וואַרטען אַ האַלבע שעה אויף זיין צוג.

ער האָט זיך געפיהלט קראַנק און צובראָכען. פון שטאַרקע שטעכעניש אין הארצען האָט ער זיך געבויגען אין דרייען. די קאָפּ איז איהם געווען שווער, אַלע גלידער אָבגעשוואַכט פון מאָרפיום, מיט וועלכען ער האָט זיך בענוצט אַלס מיטעל צום שלאָף.

געזעסען, און געקוקט אַרום זיך.

צוויי אייזענבאַהן־דיענער זיינען געזעסען ביים בופעט און גע־שפּיעלט אין קאָרטען מיט'ן קעלנער.

פאַלק האָט געוואָלט בעטען אַ גלאָז ביער. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך צו שטערען דעם קעלנער.

ער האָט געקוקט אויף דער גרויסער גלעזערנער טיהר און עט־ליכע מאָל איבערגעלעזען :

„אַ זאַאַל פיר רייזענדע".

יאַ, איהם איז געבליבען בלויז צו וואַרטען געדולדיג.

ער האָט ווידער געקוקט אויפ'ן בופעט. איהם האָט געוואונ־דערט וואָרום ער האָט פון אָנפאַנג ניט בעמערקט ביים בופעט דעם פיערטען מאַנספּערשוין ; ער האָט שוואַרצע וואָנסען מיט אַ פאַרב־לאָזען פּנים. ער איז געשטאַנען אַ ווייל'ע און צוגעקוקט דאָס קאָר־טען־שפּיעל, דערנאָך זיך געשטעלט פאַר'ן שפּיעגעל און מיט אַ צופריעדענער מינע בעטראַכט זיין פיזיאָנאָמיע.

— יאַ, — האָט פאַלק געקלעהרט — דו ביזט אַ גאַנץ שעהנער, זעהר אַ שעהנער...

אויב ער האָט אַ ליובאָווניצע ? זיכער... פרויען האָבען דאָך ליעב אַזעלכען. ווען מיקיטאַ וואָלט געווען אַזאַ... נו, יאַ... עס טהוט איהם ווירקליך לייד, ער מוז אָבער בעאונרוהיגען דעם קעל־נער... ער האָט אָנגעקלונגען.

— ענטשולדיגט, איך בין זעהר דורשטיג.

דער קעלנער האָט דיזע ווערטער פערשטאַנען אַלס אַ פאָרוואורף און האָט זיך גענומען פערענטפערען.

אַך, ניין, איהם איז ווירקליך אונאַנגענעהם צו שטערען איהם. פאַלק האָט גערעדט צום קעלנער זעהר העפליך.

איצט איז שוין צייט צו געהן אין וואַגאָן. און גראָד איצט האָט ער זיך אַזוי גוט געפיהלט דאָ אין זאַל.

אין קופּע איז ער געווען דער איינציגער פּאַסאַזשיר.

ווי גוט דאָס איז ! איהם איז דאָך אונמעגליך איצט צו זיצען מיט וועמען. קיין איין געדאַנק איז ער ניט אין שטאַנד צו דער־קלערען ביז'ן סוף.

ער האָט געקוקט אויפ'ן זייגער. נאָך פינף מינוט. צוגע־שפּאַרט זיך מיט'ן שטערן צום שויב.

די לאַמטערנעס אויפ'ן פּלאַטפאָרם האָבען געצויגען זיין אויפ־מערקזאַמקייט. די פלעמלעך אין זיי זיינען געווען אַזעלכע דריי־עקיגע, און פון יעדען ווינקעל האָט זיך געצויגען אַ מין פאַרשפּיצטער ציינגעל. פּונקט אַזוי האָבען אודאי אויסגעזעהן די פייערדיגע צונגען וואָס האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פון יעזוס'עס ערשטע תלמידים, וועלכע מען האָט געברענט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע חלומות.

ער האָט דאָך דאָס אַלעס קלאָר געזעהן ; אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט מיט זיך קיין נאָטיץ־ביכעל ! אַ שאָד, ווירקליך אַ שאָד ! ער וואָלט דאָך איינגענטליך אַלע מאָהל בעדאַרפט מאַכען נאָטיצען, אום צו ערלייכטערען זיין זעעלע. דער צוג האָט זיך געריהרט פון אָרט. וואָס ? ווי אַזוי ? ער פאָהרט, הייסט עס, אוועק פון איהר ? פון איהר ?

ניין, דאָס איז דאָך אונמעגליך.

א קאַלטער שוויים האָט בעדעקט זיין שטערן און א געפיהל פון שרעק איז אין איהם געוואַקסען אַלץ גרעסער...

פון איהר ? !

עטוואָס האָט איהם געשטויסען ארויסצושפּרינגען פון וואַגאָן און לויפען צו איהר, פאַלען צו איהרע פיס, ארומנעהמען איהרע קניע, זאָגען איהר, אז ער קען ניט לעבען אָהן איהר, אז זי מוז איהם געהערען, אז... אז... עס האָט איהם פערשלאָגען דעם אָטהעם. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד פאַר'ן קאָפּ און האָט הויך געוויינט.

ער האָט געהערט ווי דער צוג לויפט אַזוי האַסטיג, ווי קיין שום זאַך קען איהם איצט ניט אָבשטעלען.

אַך ! פאַר וואָס זאָל איצט ניט טרעפען קיין צוזאַמענשטויס פון באַהנען. זאָלען זיך די לאָקאָמאָטיוועו אריינשניידען איינער אין צווייטען, און די צושמעטערטע וואַגאָנעס, ארויפגעוואָרפען איי־נער אויפ'ן אַנדערען, זאָלען גרייכען ביז'ן הימעל.

ווי שטיקענד די לופט איז אין דיעזען העסליכען שטייגעל, — אקוראַט ווי אין קאַפּעינע.

ער האָט ראַש געעפענט דאָס פענסטער. א נאַסע, אונאַנגע־נעהמע קעלט האָט זיך אריינגעריסען אין וואַגאָן.

ער האָט זיך ווידער בערוהיגט און האָט פערמאַכט דאָס פענס־טער.

איין זאַך איז איהם געשטאַנען קלאָר פאַר די אויגען : ער דאַרף ניט אוועקפאָהרען, ער קען ניט : זיין קאָפּ וועט אויף שטיק־לעך צופליהען פון דעם, — ריכטיג, ווי האָט ער עס געזאָגט דאַן צו איזאַ ? זיין נשמה וועט צוריסען ווערען... אויף קליינע שטיק־לעך וועט זי צוריסען ווערען, פּונקט ווי יענע געטליכקייט, וועגען וועלכער גראַבע שרייבט : — איך בין צובראָכען אויף שטיקלעך און יעדעס שטיקעל פון מיר איז א גאָט, אַן ערלעזער, וועלכער האָט געאָפּפערט מיט זיך פאַר אַנדערע.

— איך וויל ניט אָפּפערען מיט זיך ; כ'וויל זיין גליקליך ! — האָט ער געשריען.

ער איז פלוצלונג צו זיך געקומען.

וואס טהוט זיך עם מיט איהם? צו וואס דיעזע אלע אונ־פערשטענדליכע משוגעת'ן? זאל זיין א סברה, אז קאנט איז טאקע גערעכט? איז ליעבע ווירקליך ניט מעהר ווי א שלאפקייט, א פיבער, וועלכעס לייטערט אויס דעם מענשען פון זיינע פסולת... א מין דומהייט... און... גאט מיינער! ווי שנעל דער צוג פליהט!

דער צוג האט זיך אונערטרעגליך געטרייסעלט. פאלק האט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן דיוואן. יא, ער פיהלט ווי עטוואס זינקט אונטער זיינע פיס. ווי איבער א לייוועגט געהט ער. ער געהט אונ־ערשראקען. ער וויל מיט דעם ווייזען אלע איינגלעך פון דארף, אז ער, א זוהן פון א גוט־בעזיצער, איז ניט אזוי שרעקעדיג, ווי זיי זיינען: ער געהט איבער'ן טייך, וואס איז ערשט די נאכט פער־פרוירען געווארען. דאס אייז ברעכט זיך אונטער איהם; ער בויגט זיך, און מיט א מאהל...

פאלק איז אויפגעשפרונגען, דערנאך ווידער זיך געלייגט.

און ווידער האט זיך איהם געדוכט, אז ער פאלט אין אן אב־גרונד, ער האט אינסטינקטיוו אויסגעשטרעקט די הענד ווי אנצור־כאפען זיך פאר עטוואס.

ניין! ער קען ניט אוועקפאהרען פון איהר. זי מוז זיין זיינע. ער וועט איהר צווינגען... צווינגען... זי ליעבט דאך איהם: נור, ווי אלע פרויען, שרעקט זי זיך... זי גארט נאך איהם, ער ווייסט עס זיכער. נור זי האט מורא.

אך, גאט מיינער, וואלט כאטש דער צוג זיך אבגעשטעלט.

ער האט ארומגעשפרייזט איבער דיזען העסליכען שטייגעל, א שרעקליכע אונרוהיגקייט האט פארבלענדעט זיין געדאנקען־גאנג. טויזענדער אבגעריסענע שטיקלעך געדאנקען און געפיהלען זיינען ארויסגעקראכען, גאט ווייס פון וואנען, און האבען איהם געררייצט און פערפלאנט.

— וואס, א שטייגער, וויל פון איהר מיקיטא? זי געהערט דאך מיר... מיר... שוין־זשע וויל מיקיטא פערגוואלטיגען איהר נשמה?

ער האט פלוצלונג בעמערקט ווי דער צוג געהט לאנגזאמער;

ער האָט זיך שטאַרק דערפרעהט. ענדליך! ענדליך! נור אָט האָ־בען זיי זיך פערביינעטראָגען א סטאַנציע און זיך ניט אָבגעשטעלט, און ווייטער איז דער צוג אוועק מיט דעם פריהעריגען גאַנג.

איהם האָט זיך געוואָלט וויינען. וועט דאָס אָבער העלפען? איהם בלייבט בלויז צו וואַרטען גערולדיג...

איהם האָט געדריקט א דונקעלע פערצווייפלונג.

ער איז דאָך ניט קיין קינד, מען מוז וואַרטען. מען מוז זיך בעהערשען. ער האָט זיך געזעצט ביים פענסטער און אָנגעשטרענגט זיך צו קוקען אויף עטוואָס. די נאַכט איז אָבער געווען אזוי פינס־טער, די פינסטערניש אזוי טיעף, א סך טיעפער, ווי דער טאָג קען זיך עס פאָרשטעלען.

און די אָבגרונדען אין זיין נשמה זיינען געווען אזוי טיעף... ער האָט פערמאַכט די אויגען. איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט די לאַנקע אין זיין פאָטער׳ס וואַלד. דאָרט האָבען זיך צוויי הירשען געשלאָגען. ער האָט געזעהען ווי די חיות האָבען געשלאָגען איינס דאָס אַנדערע. אויף א ווײַלע האָבען זיי אָבגעטראָטען איינס פון דעם אַנדערען אום ארויפצוואוואַרפען זיך ווידער א מאָל נאָך מיט גרעסערען צאָרן, מיט מעהר קראַפט. מיט זייערע הערנער האָבען זיי זיך איינגעגראָבען איינס דעם אַנדערען אין פלייש אריין. און פלוצלונג הערט ער א קנאַקען פון הערנער; דאָס האָט איין הירש אויסגעפלאָנטערט זיך, ארויסגעריסען זיך, און באלד א שפרונג גע־טהאָן אויפ׳ן אַנדערען, דורכגעשטאָכען איהם מיט די הערנער אזוי טיעף, אז בלוט האָט אַ שפּראָץ געטהאָן אין שטראָמען. מיט וויל־דער אויפרעגונג האָט ער געריסען דאָס פלייש און די גערערים פון דעם צווייטען הירש.

שרעקליך, שרעקליך! — האָט פאַלק געשריען.

און נעבען די קעמפפענדע האָט זיך געפּאַשעט א ז י. זי האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויפ׳ן ווילדען געשלעג פון די צוויי ער׳ען און זייער ווילד־צורייצטער ליידענשאַפטליכקייט.

פאַלק האָט זיך אָנגעשטרענגט צו טראַכטען וועגען עטוואָס אַנ־דערש, אָבער פאַר זיינע אויגען האָבען געשפּרונגען פייערדיגע רינ־גען — זיי ווערען אלץ גרעסער, ברייטער, אין ריעזיגע קרייזען פער־

וואנדלען זיי זיך, און אין סאמע מיטען שטעהט דער זייגער א ציטערנדער, א פארבלוטיגטער, דאך א שטאלצער און א מעכטיגער. אויף זיינע הערנער הייגגען די געדערים פון זיין געגנער. פאלק האט געזעהען, ווי דער זיעגרייכער הירש האט זיך גענומען דרעהען געשווינדער און שטארקער — עפעס ווי א פייער־שטורם וואלט איהם אונטערגעכאפט און געטראגען — פאלק האט געזעהען, ווי דער הירש פאלט, אקוראט ווי א פלאנעטע, וואס האט זיך אבגעריסען פון איהר וועג. וואוהין?... וואוהין?...

איהם איז פינסטער געווארען אין די אויגען.

אט האט ער דערזעהן פאר זיך מיקיטא'ן. ער האט זיך א ווארף געגעבען אויף איהם, גענומען שלעפען איהם איבער'ן קארידאר, אוןביידע זיינען אריינגעשליידערט געווארען ערגעץ אין אן אבגרונד. עס האבען זיך איינגעבראכען די באריערען. ביידע אטהעמען שווער פון אויפרעגונג, ווי קנוילען צונויפגעדרעהטע און דורכגעפלאנטערטע צווישען זיך, פליהען זיי איבער די שטיינער פון א שווארצען אבגרונד...

פאלק האט געקוקט ארום זיך אהן א שום געדאנק אין זיין קאפ. ער האט דערהערט ווי עמיצער איז אריינגעגאנגען צו איהם אין קופע. אך, דער קאנדוקטאר איז עס. ער האט זיך שטארק דערפרעהט.

—הערט אוים! וואו וועט זיין די נאהענטסטע סטאנציע?

— אין צוויי מינוטען ארום שטעלט זיך דער צוג.

איצט האט ער אין גאנצען אויפגעוואכט. אן אונרוהיגקייט איז איהם בעפאלען. ער האט געקוקט אויפ'ן זייגער. דריי שעה איז ער שוין אין וועג. אין דריי שעה ארום וועט ער זיין צוריק... און דערנאך צו איזא... צו איהר...

דער באהן האט זיך אבגעשטעלט. פאלק איז ארויסגעגאנגען פון קופע.

— ווען געהט אפ דער צוג צוריק נאך בערלין?

— מארגען ניין אוהר אין דער פריה.

ביי איהם האבען די קניע אנגעהויבען ציטערען פון דעם ענטפער. ער האט ניט געוואוסט וואוהין זיך צו קעהרען.

— סטערנא גאסט־הויז, אייראפעאישע גאסט־הויז! — האט מען געשריען ארום איהם. ער האב אבגעגעבען אימיצען זיין טשע־מאדאן און האט זיך געלאזט פיהרען.

אויסבאפענדיג זיך פון שלאף אויפ׳ן צווייטען טאג ארום מי־טאג־צייט האט ער בעטראכט זיין צימער.

— הם, פאר א גאסט־הויז נומער איז דאס גאר ניט שלעכט. יעדער גליעד האט איהם וועה געטהאן, דאך האט ער זיך אזוי גע־שפירט, עפעס ווי ער וואלט וועלכע ניט איז שלאפקייט בייגעקומען.

יא, ער איז געוועזן שרעקליך נערוועז און דיזעס האט איהם גראדע אויפגעהאלטען ביין געזונד. די געעהרטע דאקטוירים וועלען נאך ווען עס איז דאס פערשטעהן...

ער האט זיך אויפגעהויבען פון בעט און האט אנגעקלונגען.

ער האט זיך אויסגעפרעגט ביים קעלנער וואו ער געפינט זיך און האט געבעטען א גלאז קאפע... וואונדערבאר. איז ער, הייסט עס, ווירקליך ניט אראפ פון זינען... ער האט געשפירט אין זיך א מין גרויסע, פייערליכע רוהיגקייט. ער בלייבט אלזא דא, ווייל דא פיהלט ער זיך זעהר גוט.

ער האט געהייסען ברענגען שרייב־פאפיער און האט אנגע־שריבען צו זיין מוטער א בריעף, אין וועלכען ער האט ערקלעהרט פאר וואס ער קען ניט קומען צו איהר און ווי אזוי זי זאל זיך בע־געהן מיט די אפעקונעס, און צו ענדע האט ער צוגעשריבען, אז דעם זומער וועט ער ווארשיינליך פערברענגען אין אויסלאנד...

ער האט ווידער איבערגעלעזען דעם בריעף צו זיין מוטער. איז פיליכט נויטיג נאך עטוואס צו ערקלעהרען איהר? זיין בליק האט זיך מעכאניש אבגעשטעלט אויף דעם נאמען מ א ר י ט.

ער האט דארום צוגעשריבען, אז ער בעט איבערגעבען א הערצ־ליכען גרוס דעם מלאך פון גוטסקייט און שעהנקייט, צו מאריט.

געענדיגט דעם בריעף, אויסגעטרונקען די קאפע, און ווידער געלעגט זיך שלאפען. און טאקע באלד איינגעשלאפען.

און אין שלאף האט ער געזעהן דעם מלאך פון גוטסקייט און שעהנקייט — מאריט האט ער געזעהן.

.14

אין רעסטאָראן „גרינער נאַכטיגאַל" איז אָנגעגאַנגען א טומ־לענדיגע הוליאנקע. אילטיס איז געזעסען מיט אַן ערנסט געזיכט, ווי עס פּאַסט פאַר א גרויסען מענשען, און האָט ערקלעהרט מיקיטאַ'ן, פאַרוואָס די פרוי שטעהט נידריגער פון דעם מאַן. בכיון האָט ער זיך אויסגעדרעהט מיט'ן רוקען צום יונגען ליטעראַט, וואס איז געזעסען נעבען איהם. אין אָנפאַנג אוועגד איז צווישען זיי פאָר־געקומען אַן אונאַנגענעהמע סצענע, ווייל דיעזער יונגערמאַן האָט געוואַגט צו בעמערקען, אז אילטיס'עס פיינדשאַפט צו פרויען איז מסתמא ניט אוים טהעאָרעטישע גרינדע, ניין, דאָ מוז זיין גאָר א גאַנץ אַנדער אורזאַכע. יעדעס מאָהל, ווען עס איז אריינגעקו־מען א דאַמע אין זייער געזעלשאַפט, אַזוי פלעגט אילטיס אָנהויבען דערצעהלען אַזעלכע זאַנדערבאַרע, משונה'דיגע זאַכען וועגען פרויען.

— אַט זעהסטו, — האָט אילטיס גע'דרש'עט — דו ביזט נאָך יונג, און פאַלק אויך אַזוי. איהר פערשטעהט עס נאָך ניט. נור וואַרט ביז איהר וועט זיך האָבען אָנגעזעטיגט, אָבלעבענדיג אַזעל־כע צעהן יאהר צוזאַמען מיט א פרוי, — די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט שטיל, ווייל דאָ איז אויך איזאַ געזעסען — דאַן וועט איהר זעהן.

דער גוטער, טהייערער פאַלק ברענגט אַלסביישפּיעלע פרויען פון י ו מ א, און אינדיאַנערקעס פון ט ש י ק א ס אָ ו ו, און עהנליכע וויסענשאַפטס־פּלוידערייען; דער פאַקט, אָבער, בלייבט א פאַקט, אַז די פרוי איז אַ נידעריגערע בעשעפעניש.

ז ו י ג ע ר האָט געוואָלט זיך אריינמישען, נאָר אילטיס האָט איהם איבערגעשלאָגען.

— ניין, ניין!... דער פאַקט בלייבט א פאַקט! — ער האָט אָנגענומען א שטאָלצע מינע, פאַסענד פאַר אַזאַ מאָמענט... איבע־ריגענס מוז מען געדענקען, אַז אין אַזאַ ענין זיינען בעווייזע פון קליינער בעדייטונג.

מיקיטאַ האָט ניט געהערט. שאַנד און וועהטאָג האָבען גע־

ריסען זיין זעעלע און האבען ווילד געטריבען זיין בלוט צום מארך.
צו וואס נאך לענגער עס ציהען?... אלץ איז פערפאלען... ער האט געטראכט, ווי אבשטויסענד זי בעציהט זיך צו איהם — ווי זי... אך, זי פיהלט דאך פשוט האס צו איהם!

ווי ער האט עס זי געבעטען, ווי ער איז אויף די קניע פאר איהר געשטאנען, און האט געבעטען אום פערצייאונג! און זי, הם... דיעזער קאלטער, פערפרוירענער שמייכעל... האבען דען איה־רע אויגען ניט קלאר געזאגט: צו וואס בעטסטו, צו וואס שטעל־סטו מיך אין אזא אונאנגענעהמער לאגע? וואס פאר געמיינ־שאפטליכעס איז נאך דא צווישען אונז?...
ער האט טיעף אבגעזיפצט.
— דיר איז, דוכט זיך, שווער אויפ׳ן הארצען... — האט אילטים געוואונקען.
— ערלויבט נור א ווייליטשקע, איך בין אבסאלוט ניט איינ־שטימיג מיט אייך. — זויגער האט זיך פערטראכט ווי אזוי בע־סער צו פארמולירען זיין ענטפער.
אילטים איז געווארען אין כעס.
— מען דארף אבער ניט גריבלען זיך אזוי שטארק, ווייל דאן וועלען מיר דאך דערגעהן אזש צו יענער נארישער, זאגענאנ־טער וויסענשאפט. איהר ווילט אפשר איך זאל אייך דערצעהלען פון מיין ערפאהרונג מיט די געלעהרטע?
פאר וואס אבער קומט ניט פאלק? — האט מיקיטא גע־קלעהרט, — דאס איז דאך גאנץ איבעריג... חא, חא, חא... טהוט ער עס אפשר צוליעב דעם, אז איך זאל האבען די מעגליכקייט אומקעהרען איהר צוריק צו זיך? זאל אייך וואויל בעקומען, ליע־בער עריק; שוין צו שפעט, צו שפעט פאר דעם. נאר צו וואס מאטער איך זי אזוי? וואס נאך וויל איך פון איהר?... אפשר ליעבע?... צו קאן מען אבער דיעזעס ארויסרופען מיט געוואלד? לעכערליך! לעכערליך! ווי קען מען גאר אהן אלעמען ליעבען א מענשען, וועלכער איז שטענדיג געווען לעכערליך?
ער האט א קוק געגעבען אויף איזא׳ן, וועלכע איז, ווי אימער, געזעסען אביסעל אן א זייט פון אלעמען.

אָבער איזא האָט ניט געקוקט אויף איהם, זי איז געווען אין א שטארק אויפגערעגטען צושטאנד, רויטע פלעקען האָבען געברענט אויף איהרע באקען, איהרע אויגען האָבען אונרוהיג געוואנדערט ארום...

די טהיר האָט זיך געעפענט און עס איז אריינגעגאנגען דער בלאָנדער טהעאָלאָג. איזא האָט געשווינד געוואָרפען א בליק צום טהיר, און, ווי עס שיינט, האָט זי זיך אין דער מינוט ניט געקאָנט בעהערשען. זי האָט א ציטער געטהאָן.

זי האָט אפילו א שמייכעל געטהאָן צום בלאָנדען פילאָסאָף, דאָך בעהאלטען איהר ענטטוישונג האָט זי ניט געקאָנט.

יא. ענטטוישונג! מיקיטא איז ניט בלינד... צום טייפעל! אָט דיעזע ציטערענדע נערוועזע בעוועגונג אויס ערוואַרטונג! אויף וועמען ווארט זי? אויף וועמען? נארישער מיקיטא, דו ווייסט ניט אויף וועמען זי ווארט? דו ווייסט ניט פאר וואס זי קען אפילו איין האלבע שעה ניט בלייבען אליין מיט דיר? ווייסט ניט פארוואס זי שלעפט דיך שוין דריי טעג נאָכאנאנד אהער מיט זיך?!

ער האָט זיך צולאכט מיט א ביטער געלעכטער. אויף פאלק'ן ווארט זי, הע, הע... אויף פאלק'ן!... עטליכע מאָל האָט ער אי־בערגערעדט דיעזען נאָמען, און עס האָט איהם פערשאפט גרויס פערגעניגען. פאלק איז דאָך געווען זיין חבר. און נאָך מעהר ווי א חבר, זיין ברודער. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער צוליעב איהם געבראכט דיזען גרויסען קרבן. יא, זיכער... דער חתן, וואָס ליידעט פון משוגעת־ספאזמען, וועט קריגען צוריק זיין כלה, און ער וועט מוזען בענוצען זיך מיט דער צייט אום צו פערזארגען זיין קאפיטאל אין א זיכערען פלאץ.

— הי! הילא! הו! — האָט מיקיטא ווילד אויסגעשריען — צו דיין געזונדהייט טרינק איך, אילמים!

אלע האָבען מיט חדוש זיך אומגעקוקט, ווייל זיי זיינען ניט געוואָהנט געווען צו הערען פון מיקיטא אזעלכע משוגה'דיגע קולות.

ער איז צו זיך געקומען.

— צום טייפעל מיט אלע אייערע פילאָזאָפיען... די פרוי,

דער מאַן... נאַרישקייטען... לאָמיר זיך פרעהען! פרעהען זיך! איזאַ האָט מיעד אַ קוק געגעבען אויף מיקיטאַ.

צו וואָס שרייט ער אַזוי? וואָס איז ווידער מיט איהם? אויף וועמען איז ער איצט אייפערזיכטיג?

אָך, ווי מיאוס איז איהר געוואָרען דיזער מענש. ווי אַזוי האָט זי גאָר וועט געקאָנט איהם ליעבען? ניין, מעהר קען זי דאָס ניט אַריבערטראָגען; זי מוז מאַכען אַ סוף צו דעם. נאָך היינט! ווען ער וועט זי אָפּפיהרען אַהיים... יאָ, נאָך היינט!

אָבער ווי אַזוי וועט זי איהם דאָס זאָגען?

איהר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

ווי אַזוי וועט זי עס איהם זאָגען? רוהיג און דייטליך. צי קען ער איהר דען ניט העלפען אין דיזער אונאַנגענעהמער לאַגע? איצט ווייס ער דאָך שוין אַז זי ליעבט פּאַלק'ן! צו ער פערשטעהט עס נאָך אַלץ ניט? זי האָט דאָך שוין אַזוי בולט אַרויסגעוויזען איהר גלייכגילטיגקייט צו איהם.

עס איז זיך ניט אָבצושעפּען פון איהם! זי האָט זיך אַלץ געשראָקען, ניט געוואַגט צו טראַכטען וועגען דעם. איצט אָבער האָט זי אַזוי קלאָר פערשטאַנען, אַז ער איז איהר דערווידער... זי האָט זיך געוואונדערט, וואָרום פיהלט זי קיין מיטלייד, קיין וועהטאָג ביי דיזען געדאַנק.

ווידער האָט זיך די טיהר געעפענט. איצט איז עס שוין פּאַלק; זיכער אַזוי. זי האָט אין גאַנצען געציטערט.

אַריינגעגאַנגען איז אָבער עפּעס אַן אונבעקאַנטער.

ווי שרעקליך עס איז צו וואַרטען דאָ, און זיצען מיט דיזע עקעלהאַפטע מענשען! זי האָט געפיהלט, אַז מיקיטאַ'ס אויגען זיינען אָנגעשטרענגט אויף איהר, נור זי האָט אויסגעמידען זיין בליק.

אָך, ווי ווייניג ער האָט זי איצט אינטערעסירט!...

וואָס איז געשעהען מיט פּאַלק'ן אין דיזע לאַנגע, שרעקליכע פינף טעג? זאָל זי אפשר געהן צו איהם? ווייס זי דאָך אפילו ניט וואו ער וואָהנט. פרעגען מיקיטאַ'ן? ניין, דאָס טאָר מען ניט. זי האָט זיך פערטראַכט.

ווי זאָל זי איהם זעהן? ווארום האָט זי איהם בעשוואָרען מיט אַלעם וואָס הייליג איז, אַז ער זאָל מעהר קיינמאָל ניט קומען צו איהר?... זי האָט דאָך אָבער דאַן גאָר ניט געוואוסט, אַז זי ליעבט איהם אַזוי, אַז מיקיטאַ איז איהר אַזוי פרעמד, אַז די גאַנצע, גאַנצע וועלט פערשאַפט איהר בלויז שמערצען.

זי איז געווען אין פערצווייפלונג. צו וואָס שרייט ער אַזוי? ניט ווילענדיג איז איהר בליק געפאַלען אויף די לעדיגע פלעשער, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר מיקיטאַ.

— ווייסטו וואָס ליעבע איז? — מיקיטאַ האָט אין גאַנצען פערלאָרען זיין זעלבסט־בעהערשונג. קענסטו די יסורים פון ליי־דענשאַפט? דו ווייסט? און צו האָסטו איבערהויפּט ווען גע־ליעבט אַ פרוי?

אילטיס האָט מיט פעראַכטונג אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד.

— יאַ... יאַ... — האָט מיקיטאַ קוים גערעדט. די פרוי האָט געבאָרען דעם מאַן, און דאָס איז גענוג פאַר איהר! די פרוי גע־בוירט, און דער מאַן ליעבט; די פרוי ליעבט קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט; זי בענוגענט זיך מיט דעם, וואָס זי געבוירט...

— וואָס? אַ פרוי ליעבט אויך?

— אָבער פרויען בעגעהען דאָך אַפילו זעלבסט־מאָרד דורך ליעבע — האָט זיך זוויגער אריינגעמישט; כמעט אַלע טאָג לייענט מען דאָך וועגען דעם אין די צייטונגען.

— וואָס? זעלבסטמאָרד? פרעגט נאָר אַקאָרשט איהם, פרעגט איהם נאָר, ער מוז וויסען אין די זאַכען. — מיקיטאַ האָט אָנגע־צייגט אויף אילטיס'ן; זעלבסטמאָרד בעגעהן פרויען, וועלכע זיי־נען שוואַנגער און וועמעס ליובאָווניקעס האָבען זיי פערלאָזען.

מיקיטאַ האָט שטאַרק אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן קולאַק אין טיש.

איזאַ האָט אויף איהם געקוקט מיט טיעפער פעראַכטונג.

ווידער אָנגעטרונקען זיך. ווי אַזוי האָט זי פריהער געקענט ליעבען דיעזען מענשען? ניין, זי האָט איהם קיין מאָל ניט געליעבט. דאָס איז געווען בלויז אַן אָפּנאַרונג.

עס איז געוואָרען שטיל. איזאַ'ס אַנוועזענהייט האָט אַלע־

מען געדריקט. מיקיטא האָט אָבער זיך אויפגעפיהרט צו פריי אין איהר אַנוועזענהייט.

ער איז מיט אַמאָל געבליבען שטיל. ער האָט דערזעהן, יאָ, צום ערשטען מאָל האָט ער דערזעהן דיעזען פעראַכטענדען בליק! קלאָהר האָט ער עס איצט געזעהן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

גאַנץ קלאָהר. דיעזער בליק האָט זיך איינגעזויגען אין איהם אַלץ טיעפער און טיעפער. ער האָט איצט דערפיהלט איהרע אויגען אינווענינג אין זיך... ווי זיי האָבען עס געקוקט אויף איהם?

זאָל ער זיי אפשר אויסמאָהלען?... אָט, צום ביישפּיעל, וואַרפט ער אַרויף אייניגע שאָטענס אויפ'ן לייוועגט, ער טרעט אָפּ אויף אַ דריי שפּאַן... ניין! קוים זיכטבאַר; — טאָמער פון דאַנען, פון אַ ווינקעל — אויך ניט; ער'ט פּרואווען פון אַ צווייטען ווינקעל... איצט דורכ'ן שפּיגעל... יאָ, אַנדערש קען מען דאָך דאָס ניט פערשטעהן... דאָס איז געווען פעראַכטונג. אַ גרויסע, קאַלטע פעראַכטונג — און עקעל.

איזאַ איז מעהר ניט געווען אין שטאַנד אַריבערצוטראָגען. זי האָט געשפּירט אַ פיבערשע אונרוהיגקייט, האָט געפיהלט ווי איהר הארץ וואַרפט זיך אַלץ שטאַרקער, קלאַפּט אַלץ העכער אין איהר ברוסט. זי מוז זעהן פאַלק'ן, וואָס עס זאָל ניט קאָסטען. ער מוז דאָך אַמאָל קומען אַהער. ער געהט דאָך אַהער יעדען טאָג; טו פאַרוואָס קומט ער איצט ניט, דוקא איצט?

דער געשפּרעך איז ווידער געוואָרען לעבעדיג.

אָך, לאָזט מיך צורוה מיט דער ליטעראַטור, — האָט אילטים גענענעצט — דיעזע אייביגע געשפּרעכען וועגען פּאָעטען, אַרויס־געבער, בעלויינונג — דאָס אַלעס האָט זיך מיר שוין אַזוי דערעסען! וואָס ווילט איהר פון פאַלק'ן? ער איז אַ גאַנץ וואוילער יונג.

איזאַ האָט געהערט.

זי האָט בעמערקט, ווי מיקיטא האָט זיך פּלוצלונג אויסגע־גלייכט.

— נו יאָ, — האָט זיך אַריינגעמישט זויגער — פאַלק האָט טאַלאַנט. איך גיב דאָס צו. נאָר דיעזער טאַלאַנט האַלט ערשט

אין ענטוויקלען זיך; ער דאַרף ערשט רייף ווערען. איצט האָלט ער נאָך אין ברוויזען; מען קען נאָך דערווייל ניט וויסען אין וואָס'ער זייט ער וועט זיך ענטוויקלען. פאַלק זוכט נאָך אַלץ, ער בלאָנדזשעט נאָך...

— וואָס? פאַלק בלאָנדזשעט?... מיקיטאַ האָט זיך צולאַכט מיט זיין פולען האַלז. — פיינע מענשען, ניטאָ וואָס צו ריידען... צו ווייסט איהר, אַז פאַלק איז דער איינציגער מענש, וועלכער קען ווירקליך עטוואָס אויפטהאָן. פאַלק האָט גאַנצע ענטדעקונגען געמאַכט. פאַלק וועט קאָנען דאָס טהאָן, וועלכעס איהר אַלע צוזאַמען וואָלט געוואָלט טהאָן, נאָר איהר קאָנט ניט — פאַלק... פאַלק...

אין דער מינוט איז בובענצוויג צוגעגאַנגען צו איזאַ'ן.

ער האָט געדעכענט, אַז די אַלע געשפּרעכען זיינען איהר לאַנגווייליג, ער האָט אַלזאָ געמיינט צו אונטערהאַלטען זי. זי האָט אַ קוק געגעבען אויף זיין גראָב, אָנגעגאָסען פּנים, אַ פּנים פון אַ לאַקיי אָדער אַ פאַבריק־מאַכער. וואָס וויל פון איהר דיעזער נפש?

יאַ, בובענצוויג האָט געדאַט די עהרע צו זעהן זי מיט אַ פּאָר טעג צוריק אויף אַן אָווענד אין פאַלק'ס געזעלשאַפט. פאַלק איז אַן אונגעוועהנליכער מענש, איינע פון יענע, וועלכע אינטערעסירען איהם מעהר ווי אַלץ... און זעהר איז ער, בובענצוויג, געקומען נאָר אום צו בעגעגענען זיך מיט איהם...

— הער אויס, איזאַ, — האָט מיקיטאַ געשריען צו איהר איבער'ן טיש, — דו ווייסט, אַז פאַלק איז אַוועקגעפאָהרען פון בערלין?

ער האָט זיך איינגעגראָבען אין איהר מיט אַן אונבעוועגליכען בליק.

איזאַ האָט אַ ציטער געטהאָן. זי האָט מיט אַמאָל דערפיהלט אַ שניידענדען וועהטאָג און אַן ענגשאַפט אין האַרצען... מיט ברייט־אָפענע אויגען האָט זי געקוקט אויף מיקיטאַ'ס ווילד־בייזען, בעזאָפענעם פּנים. דערנאָך האָט זי זיך מעכאַניש אומגעקעהרט צו בובענצוויג'ן.

זי האָט אויסגעצויגען די האַנד צום גלאָז. איז ער אָבער געווען אַ לעדיגער. בוכענצווייג איז מיט פערגעניגען געלאָפען צום קעלנער נאָך ווייַן פאַר איזאַ.

פאַר איהרע אויגען איז אַלעס איצט געווען פערצויגען מיט אַ נעבעל. זי האָט פּלוצלונג דערהערט אימעצענ'ס קול. אָ! דאָס רעדט בוכענצווייג. זי האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען, הילפלאָז אַ שמייכעל געטהאָן און אויסגעטרונקען דעם ווייַן.

— איך קען פאַלק'ען גאַנץ גוט. אַן אונגעוועהנליך גוטער מענש און גאָר אַ גרויסע קראַפט אין אונזער צייט, ווען מיר האָבען אַזוי וועניג טאַלאַנטען.

איזאַ האָט אַ קוק געגעבען אויף איהם. דיעזער מענש איז איהר געוואָרען שטאַרק עקעלדיג. זי האָט אַליין ניט געוואוסט, פאַר וואָס.

— ענטשולדיגט, הערר בוכענצווייג, מיר איז אפילו זעהר אנגענעהם אייער געזעלשאַפט, איך מוז אָבער איצט געהן אהיים.

זי איז צוגעגאַנגען צו מיקיטאַ.

— נו, איך געה איצט אהיים.

— יאַ, יאַ! ווירקליך אַזוי? דיר איז דאַ לאַנגווייליג?

זי האָט זיך אָנגעטהאָן, ניט הערענדיג וואָס ער רעדט.

ווען זיי זיינען שוין געזעסען אויף דער דראָזשקע, האָט מיקיטאַ פרעהליך אויסגעשריען צו אילטים'ן, וועלכער האָט העפליך געהאָלפען איזאַ'ן צו זעצען זיך.

— וואַרט, איך קום באַלד צוריק. מיר וועלען פרעהליך פערברענגען די נאַכט.

איזאַ האָט צונויפגעדריקט איהרע ברעמען.

ביידע האָבען געשוויגען.

זי האָט זיך געפיהלט אַזוי צובראָכען, אַזוי אויסגעמאַטערט; זי האָט ניט געקענט טראַכטען.

מינוטען־ווייז איז זי אריינגעפאַלען אין פערצווייפלונג, און באַלד ווידער אין אַ פערשלאָפענער מידקייט.

— הער אויס, איזאַ, מאָרגען הויבט זיך אָן אין מיונכען די אויסשטעלונג פון מיינע בילדער.

— יא?...

דער איזוואָזטשיק האָט זיך אָבגעשטעלט.

— א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט! — מיקיטא האָט אין גאַנצען געציטערט.

— א גוטע נאַכט.

— איצט געשווינד, מאַרש צוריק! — האָט ער א געשריי געטהאָן צום קוטשער.

און וועהרענד דער עקיפּאַזש האָט זיך שנעל געקייקעלט אי־בער'ן אספאַלט־וועג, איז מיקיטא געזעסען א צונויפגעדרעהטער אין דרייען אין א שרעקליכען ספּאַזם פון קאָנוואולסיווען שלוכצען. נאָר ווען ער איז צוגעפאָהרען צום „גרינעם נאַכטיגאַל" איז ער שוין געווען גאַנץ רוהיג.

אַלע האָבען איהם הויך בעגריסט.

„יא, איזא האָט הפּנים אַלעמען געדריקט מיט איהר אַנ־וועזענהייט," — האָט מיקיטא געטראַכט.

— הער אוים, — האָט זיך מיקיטא צוגעזעצט צו איל־טים'ן — אויב איך וועל זיך היינט צו שטאַרק אָנטרינקען, טו זעץ מיך אריין מאָרגען פריה אין באַהן. האַלב נאָך זיעבען. געדענק־זשע...

— גוט, גוט; שוין הונדערט מאָל בין איך געפאָהרען מיט דיעזען צוג.

15.

פאַלק איז געזעסען אין גאַסט־הויז טיעף פערטראַכט.

צו וואָס אייגענטליך איז ער געקומען אהער? אזוי מאַטערען זיך האָט ער דאָך אויך אין בערלין געקענט!

שוין, דוכט זיך, זעקס טעג, אַז ער איז דאָ. ער האָט גע־צעהלט. יא, היינט איז דער זעקסטער טאָג.

לענגער אָבער קען ער שוין ניט אויסהאַלטען. דאָס איז א פאַקט, וועלכען ער מוז אַנערקענען. ער וועט משוגע ווערען, אויב ער וועט דאָ לענגער פערבלייבען. ער פיהלט, ווי יעדען טאָג רייסט זיך אָפּ אין איהם עטוואָס, וועלכעס איז נאָך נעכטען גאַנץ שטאַרק געווען אין איהם. דער עקעל צום לעבען וואַקסט מיט יעדען טאָג.

און דיזער וועהטאָג, דיעזע ליידען... אונטערגעהן צוליעב א פרוי? ער, דער קינסטלער, ער... כא, כא, כא...

עס איז אָבער יעדענפאַלס בעסער אומצוקומען פון א פרוי, ווי פון וועלכער ניט איז זינלאָזער אפאָפלעקסיע, היץ־קרענק אָדער אַן אנדער חולאת.

אָ, דו נאַרישער אילטים! ווי פלאָך דו ביסט! אין דיעזען פאַל געה איך אונטער וועניגסטענס פאַר זיך זעלבסט, פאַר א זאַך, וואָס בילדעט די סאמע טיעפקייט פון מיין נשמה; ווייל זי, זי — דאָס בין איך זעלבסט; דאָס איז מיין יענער „איך", פון וועלכען איך האָב זיך ערשט יעצט דערוואוסט.

דו קאָנסט זיך אומקומען פון שכרות, אָדער פון א פערפאַל־גונגס־מאַניא, אויב דו האלסט עס פאַר בעסער. איך אָבער וויל שוין ליעבער אומקומען דורך זיך זעלבסט, איידער פון אזעלכע מגפות.

אָבער צו וואָס אומקומען? צום טייפעל! איך וויל גליקליך זיין, לעבען וויל איך...

ער האָט פלוצלונג פערלאָרען דעם גאַנג פון זיינע געדאַנקען. פאַר דער לעצטער צייט איז זיין מארך געוואָרען אזוי שוואַך.

ער איז אַלץ געזעסען און געזעסען, ביז ער האָט ענדליך בעמערקט, אַז ער איז עפּעס ווי בעטויבט. ער האָט זיך געצוואונגען צו טראַכטען.

הם, ער פלעגט דאָך קיינמאָל קיין זאַך ניט טהאָן אָהן דעם קאָנטראָל פון זיין מארך. און אפילו נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק, די ערשטע צוויי טעג וואָס ער איז געקומען אהער, האָט ער נאָך אויך רעגיערט איבער זיך.

גאָט מיינער! יענע לעכערליכע מעשה וועגען די לעבעדען! ווי נאַריש, ווי לאַנגווייליג... ווי קינדעריש...

און דאַן איז ער אריינגעשלעפּט געוואָרען אין קעסעל־גרוב, זיין מארך האָט זיך גענומען דרעהען אַלץ געשווינדער און ער אַליין איז געפלויגען און געזונקען אַלץ טיעפער אינ׳ם אָבגרונד פון גאָרען און דורשט.

יענע טענץ, יענע טענץ...

ער האָט פלוצלונג בעמערקט אַ שפּין־וועב אין ווינקעל. לאַנג און אויפמערקזאַם האָט ער געקוקט אויף דיעזע פּאָטינע ביז זיינע אויגען האָבען אליין זיך פערמאַכט. ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק אויסגעמאַטערט. אַלע ביינער האָבען איהם וועה געטהאָן.

צוויי, דריי, ניין! פיער שעה איז ער אומגעלאָפען כדי צו פערטויבען דורך מיעדקייט זיינע ליידען און איינשלאָפען אָהן מאָרפיום...

איצט וועט ער פּרוּאווען לאַנג קוקען אויף וועלכען ניט איז בליאַסקענדען געגענשטאַנד.

ער האָט לאַנג געקוקט אויף די מעשענע הענטעל פון טיהר. ער האָט דערפיהלט ווי איבער זיין געזיכט קייקלען זיך טרערען, שטילע טרויער־טרערען.

עס איז געווען אַ שעהנער פריהלינגס־טאָג. איהם האָט זיך געדוכט, ווי ער שטעהט און קוקט אויף דעם פּראַכטפאָלען טורעם אין קאָפּענהאַגען, דעם ערלייזער'ס קירכע. נעבען איהם איז געשטאַנען מיקיטאַ און געפּאַכט מיט אַ ווייס טיכעל:

— בלייב געזונד! בלייב געזונד! — האָט ער געהערט אַי־מיצענ'ס שטימע, נאָר ער האָט קיינעם ניט געזעהען. באַלד אָבער האָט ער דערזעהען נעבען זיך אַ יונגען בחור מיט פערוויינטע אויגען. אָרעמער אינגעל. אָרימער אינגעל! ער פאָהרט עס אודאי אין שטעטין אַרבייט זוכען. וויפיעל מייל, אַ שטייגער, קען דיעזער דאַמפער מאַכען אין אַ שטונדע?

— זעה נאָר! — האָט איהם מיקיטאַ אָנגעצייגט אויף אַן ענגלישע שיף.

דאָרט האָבען זיך צוויי מאַטראָזען געשלאָגען, ווי ווילדע, גע־שפּרונגען ווי הענער איינס אויפ'ן אַנדערען. אין איין מאָמענט האָבען זיי זיך צונויפגעפלענטערט ווי אַ קנויל, און געקייקעלט זיך איבער'ן דעק. פּאָלק האָט געזעהען, ווי זיי זיינען צוריק אָפּגע־שפּרונגען און ווידער געוואָרפען זיך איינס אויפ'ן אַנדערען נאָך מיט מעהר צורייצטקייט. בלויז קולאַקעס האָט מען געזעהען פליהען אין דער לופט...

פאַלק האָט זיך אויפגעכאַפּט, געעפענט די אויגען און באַלד ווידער פאַרמאַכט זיי.

— הער אויס, עריק, זעהסטו דיזע צויבער־נאַכט אויף'ן וואַסער, דיזען בליאַסק און דיזען שימערען? מיין גאָט, ווען מען זאָל קענען דאָס אַלעס אויסמאָהלען!

— אַך, דו גוטער אינגעל מיינער!

און זיי זיינען ביידע געזעסען און געטרונקען. די נאַכט איז געווען אַ געדיכט־פינסטערע. זיי זיינען געזעסען איינגעטוליעט איינס אין אַנדערען.

און פּלוצלונג — ווי אַ ווילדע משוגעת וואָלט בעהערשט ביידענס מוחות. זיי זיינען אַנגעפאַלען איינער אויף'ן צווייטען, און זיך גענומען ראַנגלען מיט פערצווייפלונג.

פאַלק האָט אויפגעהויבען מיקיטאַ'ן אין דער הויך, און האָט געוואָלט גאָר אַראָבשליידערען איהם פון דעק. מיקיטאַ אָבער איז געווען פלינק אין זיינע בעוועגונגען. ער האָט זיך אויסגעדרעהט פון פאַלק'ס הענד און האָט איהם אַנגעכאַפּט פאַר די פיס. פאַלק האָט ווילד געקלאַפּט מיקיטאַ'ן איבער'ן קאָפּ, דאָך האָט איהם דיזעס ניט אויף איין מינוט ניט אָבגעשטעלט. ער האָט געטראָגען פאַלק'ן, יאָ, געטראָגען, כדי אריינצוואוואַרפען איהם אין ים אריין... און אָט זיינען זיי שוין כמעט ביים עק פון שיף... באַלד... באַלד...

דאַן האָט פאַלק פּלוצלונג דערפיהלט עפּעס האַרטעס אונטער זיינע פיס. מיט דער גאַנצער משא פון זיין קערפּער האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויף מיקיטאַ'ן. ער האָט איהם צונויפגעדרעהט אין דרייען, האָט איהם אַנגעכאַפּט איבער'ן פּלייצע, אַ שטאַרקען שליידער — און מיקיטאַ איז געפלויגען אין ים אריין, דורכשניידענדיג מיט זיין קערפּער די גראָבע פינסטערניש פון דער נאַכט.

פאַלק האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער איז געשטאַנען אין מיטען צימער מיט צונויפגעדריקטע קולאַקעס.

ער איז צו זיך געקומען.

איהם איז בעפאלען א ווילדער האס, א שרעקליכער דורשט צו קעמפפען.

אין ים אריין! אין ים!

ער האט צונויפגעקרעמפעט די צייהן, געציטערט אין גאנצען און מיט אימפעט געלאפען הין און צוריק איבער'ן חדר. ווער וויל עס צונעהמען ביי איהם זיין גליק? צוליעב וועמען דארף ער עס אונטערגעהן?

איצט איז עס פאר איהם געווען גאנץ קלאהר. איינער פון זיי מוז אונטערגעהן, אדער ער, אדער מיקיטא. ער איז יעצט געשטאנען אויפ'ן צווישען־וועג: ער זעהט פאר זיך צוויי וועגען, — אדער ער וועט זיין גליקליך און וועט אומברענגען מיקיטא'ן, אדער, פערקעהרט — נור איין זאך איז קלאהר: לעבען אהן איהר קען ער ניט. זי האט שוין מעהר ניט געליעבט מיקיטא'ן, טו וואס־זשע וויל ער פון איהר? וואס, איינענטליך, איז איהם מיקיטא? זיי האבען זיך אין איינעם געלערנט אין גימנאזיע, אין איינעם געהונגערט, — נו און וויטער? וואס נאך?

ער האט זיך געזעצט און ניעדריג אראבגעלאזט דעם קאפ.

נאך קיינמאל ביז איצט האט ער ניט געפיהלט אזא שארפען וועהטאג, אזא בענקשאפט נאך איהר...

יא, אויפ'ן צווישען־וועג, — ער, אדער איך.

דער שטורם האט אונזביידען אריינגעשלעפט, — איינעם פון אונז טרייבט ער צום גליק...

נור איינעם...

און איך בין עס יענער איינער!

ווידער האט ער דערזעהען פאר זיך יענעם ציטערנדען זיעג־רייכען הערש, א פערבלוטיגטען. איהם איז מיט אמאל בעפאלען א שטארקע אונרוהיגקייט. ער האט ארונטערגעריסען פון זיך זיינע קליידער און באלד צוריק זיי אנגעטהאן. ער האט געזוכט געלד, אלע קעשענעס אויסגעקעהרט, אבער קיין גראשען ניט גע־פונען. זיין געדולד האט געפלאצט, ער איז ארומגעלאפען איבער'ן צימער ביז א קאלטער שוויים האט בעגאסען זיין שטערן.

ער מוז פאהרען צו איהר. ער מוז. ער קאן שוין מעהר ניט

אריבערטראָגען דיעזע ליידען. ארונטערגעשליידערט פון בעט די קאָלדרע, דעם מאַטראַץ און ענדליך געפונען זיין טאַש אונטער'ן קישען. עס זאָל נאָר ניט צו שפּעט זיין, נאָר צו שפּעט זאָל ניט זיין...

דער קעלנער איז גיך אריינגעלאָפען.

— ווען געהט אָפּ דער באַהן נאָך בערלין?

— וועניגער ווי אין אַ שעה אַרום.

— גיכער, גיכער, ברענגט אַ רעכענונג, איילט זיך, ווי גאָט איז אייך ליעב...

עס איז שוין געווען שפּעט ביי־נאַכט, ווען פאלק האָט ענד־ליך דערזעהען זיך צוריק אין בערלין.

ער האָט פּלוצלונג פערשטאַנען וואָס זיין ערשטער שריט מוז זיין: ער וועט געהן צו מיקיטאַ'ן. יאָ, ער וועט איהם גאָר פּשוט ערקלעהרען, אַז ער זאָל זיך ניט נאַרען, אַז איזאַ ליעב איהם ניט, און אויב זי האָט עס איהם נאָך ביז יעצט ניט געזאָגט, איז דאָס נאָר דערפאַר ווייל זי האָט אודאי געוואָלט פערשפּאָרען איהם לייד־דען ביז אַ געוויסער צייט, אוים מיטלייד צו איהם. יאָ, ער מוז עס איהם זאָגען גאַנץ אָפען. אָך, ווי אונאנגענעהם עס איז. אָבער פאַר וואָס אייגענטליך? מיקיטאַ איז דאָך איהם אַ גאַנץ פרעמדער. און דאָך, וואָס נעהענטער ער איז צוגעגאַנגען צו מי־קיטאַ'ס מאַסטערסקאַיאַ, אַלץ שווערער איז איהם געוואָרען אויפ'ן האַרצען...

ניין, ער איז ניט אימשטאַנד צו זאָגען עס מיקיטאַ'ן.

די גאַנצע צייט האָט ער געקלעהרט בלויז וועגען דעם, וואָס מיקיטאַ איז געווען פאַר איהם, ווי אַזוי ער האָט איהם ליעב געהאַט.

קוים, וואָס ער האָט געקאָנט ציהען דעם אָטהעם.

צוקומענדיג צו מיקיטאַ'ס הויז האָט ער זיך אָבגעשטעלט אַ צוטומעלטער.

יאָ, ער מוז, ער מוז עס טהאָן, ווען ניט וועט ער ווידער מוזען אוועקפאָהרען.

ער האָט זיך דערמאָהנט אָן די שרעקליכע ליידען פון יענע זעקס פערגאַנגענע טעג.

— שווערליך! שווערליך! — האט ער געמורמעלט.

ער איז ארויף אויבען.

— צו הויז, הערר מיקיטא?

— ניין! ער איז אוועקגעפאהרען אין מיונכען.

פאלק איז געשטאנען צומישט. זיין פערשטאנד האט ניט געקענט בענעהמען אזא פלוצלונגען גליק.

ס'ארא גליק!

און ווידער האט ער דיזעלבע ווערטער איבערגע'חזר'ט, דאך האט ער זיך געפיהלט נידערגעשלאגען.

און איצט צו איזא, איצט צו איהר. איצט האט ער שוין בלויז פון איהר געקלעהרט. ער האט זיך פארגעשטעלט ווי אזוי זי וועט איהם בעגעגענען. אן טויזענדער קליינינקייטען וועגען איהר האט ער זיך דערמאהנט.

און ווידער א נייער געדאנק. ער טאר ניט געהן איצט צו איזא. ער מוז ווארטען ביז מיקיטא וועט קומען צוריק. ער מוז איהם פריהער אלץ דערצעהלען, כדי מיקיטא זאל איהם ניט בעשולדיגען אין א פייגהייט; ער זאל ניט זאגען, אז הינטער זיינע פלייצעס האט פאלק פון איהם זיין כלה אבגערעדט.

יא, ער מוז ווארטען.

דאס איז אבער געווען אונמעגליך, פיזיש אונמעגליך. איצט איז אין איהם אלעס אנגעשטרענגט ביז צום העכסטען גראד. נאך איין טויזענדטעל פון א מילימעטער און אלץ וועט פלאצען אין איהם.

טו צו וואס איז ער גאר צוריקגעקומען? ער האט דאך געקעמפפט, ענערגיש, געראנגעלט זיך ביז ער האט געקאנט, איצט אבער...

ער האט זיך ענטשיעדען אויפגעטרייסעלט. ניין, גענוג ראנגלען זיך! ער טהוט דאס, וואס ער מוז טהאן, ווען אפילו צעהנדליגע טויזענדער אנדערע געפיהלען זאלען איהם פלאגען... אך, ער לייקענט דאך ניט, אז יעדער פון דיעזע געפיהלען שטעלט מיט זיך פאר געוויסערמאסען א נויטהווענדיגקייט, וועלכע איז די שטארקסטע, יענע, וועלכע עס איז אונמעגליך צו בעזיעגען, אונמעגליך אבצשטויסען.

און ווידער האָט ער גענומען קלערן און צוגלידערן יעדע ברעקעלע פון זיינע געדאנקען, דאָס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט; זיינע טויזענדע רעיונות זיינען זיך באַלד צופאַלען און פערשוואונדען.

טיעף אין הארצען האָט ער געשפירט אַ מין דונקעלע אונרוהיגקייט. דאָס איז געווען אַ מין שעהמעדיגער ליידען, אַ גרויסער טרויער און האָפנונגסלאָזיגקייט... ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט ניט קיין אויסוועג, ער מוז פאַלען, אונטערגעהן מוז ער.

פארבייגעהענדיג דעם שטאָדט־זייגער, האָט ער דערזעהען, אַז עס איז שוין שפעט, נאָך אין אַ האַלבע שעה וועט מען פערשפאַרען דעם טויער, און ער פערליערט דאַן די מעגליכקייט צו זעהן זי. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען ביי דעם געדאַנק.

איצט מוזט דו בעשליסען. דו מוזט! ער האָט געשפירט אַ שמערץ אין יעדען גליעד, אין יעדען מוסקול. ער איז געגאַנגען אַלץ שנעלער.

ניין, ניין! ער טאָר מעהר ניט טראַכטען, ער טאָר ניט; איצט מוז ער געהן צו איהר, וואס עס זאָל ניט זיין.

דאָך האָט ער נאָך אַלץ געקלערט, נאָך אַלץ געראַנגעלט זיך מיט זיך זעלבסט. ער האָט אָבער שוין געוואוסט, אַז ער וועט זיכער געהן, און ענדליך האָט ער דערשטיקט יעדען געדאַנק אין זיין מאַרך און האָט זיך אויפגעהויבען אויף די שטיגען.

ווען ער האָט שוין געוואָלט אָנקלינגען, איז איהם ווידער בעפאַלען אַ פאַראַליזירענדער געפיהל פון אונרוהיגקייט. עטליכע מאָל האָט ער זיך צוגעריהרט מיט'ן פינגער צום עלעקטרישען קנעפעל, ער האָט אָבער ניט געהאט קיין מוטה אָנצודריקען עס. ער האָט פלוצלונג דערפיהלט אַ מאָדנע שוועריגקייט אין זיין גאַנצען קערפער און צוגעשפאַרט זיך צום וואַנד. ער האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף עטליכע טרעפּ נידריגער, איבערגעצעהלט זיי, און דאַן האָט ער דערהערט, ווי דער פּטרוזש קלינגט מיט די שליסלען. דער טויער איז שוין איצט געווען פערשלאָסען. און אין דער מינוט האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן דער נויטווענדיגקייט, אָן יענע לעצטע, מעכטיגע נויטווענדיגקייט, וועלכע בעזיעגט אַלץ.

ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבען אין דער הויך און האָט אַנגעקלונגען.

די דיענסט האָט איהם געעפענט.

— איז מאַדאַם איזא צו הויז?

— מאַדאַם איזא נעהמט קיינעם ניט צו, זי האָט געהייסען קיינעם ניט אריינלאָזען.

— דאָך, זייט אַזוי גוט און גיט איהר איבער, אַז איך מוז ריידען מיט איהר.

ער האָט כמעט אויסגעשריען דיעזע ווערטער, כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַר וואס ער שרייט. אין דער מינוט האָט זיך די טהיר געעפענט. איזא איז געשטאַנען אין פאַרהויז.

פאַלק איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו איהר, ניט ריידענדיג קיין איין וואָרט; צוזאַמען זיינען זיי אריין אין צימער.

זיי האָבען זיך אָנגענומען פאַר די הענד און ביידע האָבען זיי געציטערט ווי אין פיבער. דערנאָך האָט איזא ארויפגעלעגט איהרע הענד אויף זיין האַלז און האָט זיך הויך צוואויינט.

16

די גאַנצע צייט, וואָס מיקיטא האָט זיך געפונען אין מינכען, איז ער ארומגעגאַנגען ווי אין חלום. ער האָט געטהאָן אַלץ, וואס זיינע פריינד האָבען איהם געראַטהען, געגאַנגען אומעטום וואוהין זיי האָבען איהם אָנגעצייגט צו געהן, דאָך האָט ער די גאַנצע צייט געפיהלט, אַז מיט איהם איז עטוואס ניט גלאַט.

און איצט איז איהם שוין קיין זאַך ניט געבליבען צו טהאָן. גערן, זעהר גערן וואָלט ער פערבליבען אין מינכען, נור וואָס קען ער דאָ טהאָן? און מהאָן עטוואס מוז ער, עס מאַכט ניט אויס וואס, אבי זיין פערנומען מיט עטוואס.

ער איז מיט לאַנגזאַמע טריט געגאַנגען צום וואקזאַל. יאַ, מען מוז זיך צוריקקעהרען אין בערלין. ער וואָלט אייגענטליך בעדאַרפט זיך זעגענען מיט זיינע קאַמעראַדען, דאָס איז איהם אָבער געווען זעהר אונאַנגענעהם. זיי וואָלטען נאָך אפשר גע־

גאַנגען מיט איהם צום וואָקזאַל, און דאָרט וואָלטען זיי זיך גע־וויצעלט, עצות איהם געגעבען... ניין! ער דאַרף איצט זיין אליין.

מערקווירדיג איז, ווי קאָנצענטרירט זיינע געדאַנקען זיינען איצט. פריהער פלעגען זיי דאָך אין איין מאָמענט צופליהען אַזוי, אַז ער האָט קוים געקאָנט זיך אָבגעבען רעכענונג וואָס ער וויל, און איצט איז אַלץ אַזוי קלאָהר, אַזוי דייטליך.

אויך זיין שטימע איז איצט געוואָרען פיעל שטילער. בלויז אָט דיעזער מאָדנער ציטערען איז נאָך פערבליבען, און גאַנצע שטונדען דויערט ער; און דיעזע פלוצלונגע מאָמענטען פון פער־לירען זיין בעוואוסטזיין, — אַך, ווי שרעקליך דאָס איז. ער האָט זיך געשראָקען, אַ באַלד וועט דאָס ווידער קומען.

ער האָט זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט פאַר אַ קראָם פון גע־וועהר. דערמאָנט זיך אָן טויזענדע מאָרד־בעשרייבונגען, וועגען וועלכע ער האָט געלעזען אין צייטונגען. אַ געדאַנק איז דורכגע־פלויגען אין זיין קאָפּ, אַז מיט איהם קען אויך עטוואָס עהנליכעס פּאַסירען. יאַ, אויך אויף איהם קאָן מען אָנפאַלען. מיין גאָט, עס איז דאָך גאָר ניט אַזוי אונמעגליך, אַז מיט איהם זאָל טרעפען דאָס זעלבע, וואָס טרעפט מיט טויזענדע אַנדערע. ער האָט זיך שטיל צולאַכט. אין פענסטער זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט די פער־שיעדענסטע וואַפען.

מענשען האָבען דאָך אַזעלכע אונגעוועהנליכע נייגונגען צו ערפינדען.

„זיין אָדער ניט זיין", איז איהם פלוצלונג דורכגעלאָפען אין מוח.

זיין, אָדער ניט זיין... איהם האָט דאָך בלויז געפעהלט אַ האַמלעט־מאַנטעל און אַ מענשליכער שאַרבען... צום טייפעל! מען דאַרף נאָר אויסשטודירען פאַר'ן שפּיגעל אַ פּאַסענדע פּאָזע. קלייניגקער מיקיטאַ... זעהסט אוים אויסגעצייכענט! דו וועסט דאָך אויסזעהן פּונקט ווי יענער קליינינקער זינגער סילוואַ אין דעם פלאַשטש פון דעם גיגאַנט זיגפריד.

ער איז אריין אין געוועהר־געשעפט. דאָס ערשטע, וואָס האָט

זיך איהם א ווארף געטהאן אין די אויגען, איז געווען א גרויסער וואנד־קאלענדאר.

— ערשטער אפריל, — האט ער איבערגעלעזען אן אויפ־שריפט מיט גרויסע אותיות; א היבש ביסעל סיורפרייזען און נא־רערייען וועלען היינט פארקומען.

ער האט געבעטען מען זאל איהם ווייזען א רעוואלווער, און האט זיך דערפיהלט אזוי מיעד, אז ער האט זיך געמוזט צוזעצען.

איז עס דען נויטיג, אז ער זאל דוקא היינט צוריקקעהרען נאך בערלין, קאן ער דען ניט ווארטען אביסעל, ביז ער וועט צו זיך קומען?

דערנאך איז ער מיט א מאל געווארען מונטער. אין ליעבע איז דער צושיידען זיך אויף א צייט פון זעהר גרויסער בעדייטונג. פאלק איז דאך אויך אוועקגעפאהרען. איהר איז אודאי געווען זעהר אור־מעטיג די גאנצע צייט. זי מוז דאך שטענדיג אימיצען האבען לע־בען זיך. נו, און אז ער וואלט זיך א שטייגער איצט צוריקגע־קעהרט... טו פארוואס וואלט מיט איהם ניט געקאנט פאסירען דאס, וואס פאסירט מיט טויזענדע אנדערע! צו האט ער דען ניט געלעזען אין טויזענדער ראמאנען ווי אזוי כמעט אויסגעלאשענע ליעבע פלאקערט ווידער אויף דורך שיידונג...

אך, די שרייבער זיינען דאך ניט גאר אין גאנצען משוגע... ווי שעהן און לעבעדיג זיי בעשרייבען דיעזעס!

ער האט בעצאהלט פאר דעם רעוואלווער און איז ארויס פון קראם.

איין האפנונג האט ארויסגערופען די אנדערע. ער האט גע־שפאנט דרייסטער, אויסגעגלייכט זיך. איהם האט זיך געדוכט, אז נייע קרעפטען ווערען געבארען אין איהם. איהם האט פלוצ־לונג בעהערשט א מין אנגעשטרענגטע אונרוהיגקייט. ווי האט ער גאר געקענט דענקען, אז ער וועט ניט קענען אויסהאלטען דיעזע לאנגע רייזע?

זיין מארך האט געברענט.

און איצט האט ער זיך דערמאנט אן איזא; ווי גליקליך זיי זיינען געווען, ווי זי האט שטאלצירט מיט איהם. ער איז דאך

פּאָרט געווען עפּעס אַ היבשער קינסטלערישער טאַלאַנט, וועלכען זי האָט אַזוי געאַכטעט.

דאָך ניט בלויז אַלס קינסטלער האָט זי איהם געשעצט, ניין, ניין! האָט זי דען ניט ליעב געהאַט זיך צודריקען צו זיין ברוסט, גלעטען איהם ליעבליך... זי, זי, אָך גאָט, ווי ליעב ער האָט איהר! יעדער נערוו פון זיין אָרגאַניזם איז געווען פערבונדען מיט איהר; נאָר געוויס, ער האָט זי מיעד געמאַכט מיט זיין שטענדיגען מאַ־טערען איהר, מיט זיין אייביגער אייפערזוכט, מיט זיין דערעסען... מיט...

יאַ, אָבער... זי איז דאָך געווען אַזוי גוט. זי האָט איהם אַלעס פערגעבען.

אַהין, צו איהר! זי וועט איהרע הענד צו איהם אויסשטרע־קען, אויפ'ן האַלז זיך איהם אַ וואַרף טהאָן. „דאַנקען גאָט וואָס דו ביסט געקומען! איך האָב דאָך אַזוי געבענקט נאָך דיר...", וועט זי אויסשרייען.

יאַ, פּונקט אַזוי וועט זי טהאָן! — האָט ער הויך אויסגע־שריען. ער איז געווען טיעף איבערציינט.

אָבער... ריכטיג! האָט זי אָבער כאָטש איינמאָהל געענט־פערט אויף זיינע בריעף...

ער האָט זיך אַ קלאַפּ געגעבען איבער'ן קאָפּ.

— אָך, דו נאַרישער מיקיטאַ! וואָס פערשטעהסטו פון פרויען?! וואָס פערשטעהסטו פון זייערע וועגען... גאַנץ פער־שטענדליך! ווי האָט ער גאָר געקענט זיך אַזוי ערגערען פון דעם? דאָס איז דאָך קלאָר... זי האָט דאָך געהאַט פולעס רעכט צו בעשטראַפען איהם אַזוי שטרענג...

און אַלץ מיט מעהר זיכערהייט האָט ער געפּרואווט איינרייד־דען זיך, אַז קיין בייזעס איז דאָ ניטאָ און אַז דאָס איז בלויז די כיטראָסט, די פרויען־חכמה... ניין, ווי פּלעגט עס פאַלק אָנרופען די מיטגעבאָרענע חכמה פון דעם געשלעכט־אויסוואָהל...

יאַ, פאַלק האָט פאַר אַלץ געקאָנט שאַפען אַ פּאַסענדען אויס־דרוק...

וואָס נעהענטער ער איז געקומען צו בערלין, אַלץ שטאַרקער

איז געוואקסען זיין אנגסט. נאך שטארקער האט אויפגעפלא־קערט אין איהם דער פריהערדיגער וועהטאג, און די לעצטע פאר שטונדען איז ער געווען בלויז א הילפלאזער קרבן פון שרעקליכע יסורים.

ווי א שטומע חיה האט ער געליטען. ווי טראגט מען איבער אזעלכע מאטערניסען! שוידערליך, שוידערליך!

און ער איז ארומגעלאפען איבער'ן וואגאן, געווארפען זיך אויפ'ן דיוואן, און באלד צוריק אויפגעשפרונגען. א שטארקער נערוועזער ציטערען האט איהם בעפאלען. איהם האט זיך גע־דוכט אז ער וועט משוגע ווערען פון שמערץ און אנגסט.

— — — — — — — — — — — — — —

איזא האט איהם בעגעגענט מיט א קאלטען צומישטען שמייכעל.

זי איז געווען בעשעפטיגט מיט צונויפלעגען איהרע זאכען.

און מיקיטא האט מיט איין מאהל פערשטאנען דעם גאנצען שרעקליכען אמת.

געדארפט האט ער גלייך פערלאזען איהר, אבער ער האט זיך דערפיהלט אזוי שוואך, אז ער האט זיך געמוזט צוזעצען.

איזא האט זיך אבגעקעהרט.

— איזא! — האט ער מיט א מאהל אויסגעשריען מיט א הייזעריגען קול, ניט קוקענדיג אויף איהר.

זיין קול האט זיך באלד אבגעהאקט. אויפ'ן טיש האט ער דערזעהן ליגען א פאר גרינע זיידענע זאקען. אן אונקלארער גע־דאנק פון געשלעכטליכען פערקעהר איז דורכגעלאפען אין זיין מח, ער האט געכאפט די זאקען און צוריסען זיי אויף שטיקלעך.

איזא האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט פעראכטונג. איצט האט זי ענדליך געפונען אין זיך גענוג ענטשלאסענהייט.

— וואס דארפסטו פון מיר? איך ליעב דיך ניט מעהר.

מיט דיעזע ווערטער האט זי בלויז געמיינט צו מאכען א פראבע, צו וועט זי קענען זאגען איהם אלץ.

— איך ליעב דיך ניט, דו ביסט מיר איצט אין גאנצען פרעמד.

זי האָט געוואָלט נאָך עטוואָס זאָגען וועגען פּאַלק'ן, זי האָט אָבער ניט געקענט.

ווייטער האָט זי בעמערקט אין איהם יענע היגטישע, קנעכ־טישע געהאָרכזאַמקייט.

ער איז איהר געוועזן דערווידער.

זי האָט נאָך עטוואָס געזאָגט, ער האָט שוין ניט געהערט. ער איז ארוים אויפ'ן גאַס.

אַ מאָל האָט ער ערגעץ געלעזען, אז אין אזעלכע מינוטען פער־שטעהט מען קיין זאַך ניט. מיט איהם האָט עס אָבער ניט פּאַ־סירט. ער האָט אַלץ קלאָהר פערשטאַנען; עס איז אייגענטליך גאָר ניט נויטיג געווען, אז זי זאָל עפּעס זאָגען.

פאַר וואָס זיינען עס די גאַסען אזוי פּוסט איצט? אהאַ! היינט איז דאָך זונטאָג, אַלע זיינען אוועק אין שטאָדט... זונטאָג, דער ערשטער אַפּריל, נאָך האַלבען טאָג — ער האָט אַ קוק געגעבען אויפ'ן זייגער, זעקס אין אָוונד...

זיין, אָדער ניט זיין!... — יאַ, ווען איך וועל זיך שטעלען פאַר'ן שפּיעגעל אין האָמלעט'ס מאַנטעל מיט'ן שאַרבען אין האַנד, דעמאָלט, אין מיין לעצטען מאָנאָלאָג, וועל איך מיך מוזען דער־מאָנען וויפיעל דער זייגער האַלט.

קיינמאָהל האָט ער זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז פאַר'ן טויט זאָל אַ מענש קענען טראַכטען אזוי קלאָהר, רוהיג און ריכטיג...

ער איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם, דערנאָך אין גאַנצען זיך אָבגעשטעלט.

ס'אַ נאַרישער יונג ס'איז יענער, וואָס שטעהט דאָרט אי־בער'ן גאַס.

מיקיטאַ האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין איהם.

דאָס געהט ער אודאי צו זיין מיידעל, און וויל זיך אויס־פּיינען פאַר איהר מיט זיינע קליינע פּיסעלעך, האָט ער צוליעב דעם געקויפט שוין צו ענגע שיך. און איצט שטעלט ער זיך אָפּ יעדע מינוט און קוקט כלומר'שט אין די פענסטער פון די קראָמען. אָט... האָט ער זיך ווידער אָבגעשטעלט...

אין מיקיטאַ'ן האָט זיך מיט אַ מאָהל צוברענט אַ ווילדער

כעס צו יענעם נארישען יונג. מיט א שטארק בייזער מינע איז ער צוגעלאָפען צו איהם:

— איהר ליידעט אודאי פון שרעקליכע היהנער־אויגען, יונג־גערמאן...

יענער האָט א קוק געגעבען אויף איהם פערוואונדערט, און איז רויט געווארען פון כעס.

מיקיטא איז געשטאנען צומישט.

— וואס פאר אן אונפערשעהמטע פרעכהייט! — האָט דער יונגער מאן אויסגעשריען.

מיקיטא האָט אָבגעטראָטען א דערשראקענער.

—ענטשולדיגט. זעהט איהר... — און איז אוועק מיט שנעלע טריט.

גאָט מיינער, ווי שלעכט דיעזע מענשען זיינען! מען שרייט אויף מיר, מען פלאגט מיך, מען מאטערט מיך ביז צום טוידט.

ער האָט געפיהלט ווי טרעהרען רינען איבער זיינע באקען.

נו, מיקיטא! אמת, דיך האָבען טאקע גרויסע אונגליקען גע־טראפען, דארפסט אָבער ניט אזוי פיעל פילדערען און קלאָגען ווע־גען דעם... טו ברעוהיג דיך, צום טייפעל!

ער איז געווארען ווילד אויפגערעגט.

אך, דו דומער קערל, סענטימענטאלער קאָמעדיאנט דו! וואס צוגעהסטו אזוי פון טרעהרען, עפעס אקוראט ווי פאר דיר וואָלט געשטאנען א פארשטעהעריין פון דעם שעהנעם געשלעכט, וועלכע וועט אויף דיר מיטלייד האָבען? חא, חא, דער שעהנער גע־שלעכט!...

ער איז אריין אין זיין מאסטערסקאיא און האָט פערשלאָסען הינטער זיך די טהיר. זיין אויג איז געפאלען אויף א בילד. ס'ארא מיאוס'ער קוואטש. ווי האָט ער עס פריהער ניט בעמערקט; מען דארף דאָס גלייך אויסבעסערען...

ער האָט א כאפ געטהאָן דאָס פינזעל, זיין האנד האָט אָבער שטארק געציטערט. דאָס האָט איהם געמאכט ווילד אויפגערעגט, און אין א ספאזם פון משוגעת האָט ער גענומען רייסען דאָס בילד אויף שטיקלעך.

ער האָט זיך געוואָרפען אויפ'ן דיוואַן און צוריק אויפגעשפּרונגען, עפּעס ווי טויזענד טייוואָלים וואָלטען אין איהם געבושעוועט.

איזא! — האָט ער אויסגעשריען, און האָט זיך אַזוי צולאַכט, אַז עס האָט איהם פערכאַפּט דער אָטהעם. ער האָט זיך געקייקעלט איבער'ן פּאָדלאָגע פון לאַכען און געקלאַפּט זיך מיט'ן קאָפּ אָן די ברעטער, געכאַפּט אַ שטוהל און צוּבראָכען איהם אויף שטיקלעך.

אין איהם האָט זיך ערוועקט אַ ווילדע ליידענשאַפט אַלעס צו פערניכטען.

ווען ער איז צו זיך געקומען איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט.

ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק אויסגעמאַטערט. זיין מארך איז געווען טעמפּ, פערצווינגען מיט משוגעת. בלויז דאָס איינע, דאָס לעצטע: אָה, גאָט, וואָס דאַרף ער איצט טהאָן?

ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט אין קעשענע עפּעס אַ שווערע זאַך.

אהא! ריכטיג! ריכטיג!... ער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער זוכענדיג עטוואָס און האָט אַלץ געמורמעלט: יאָ, אמת, אמת... יאָ, אָט דאָס גופא איז עס טאַקע געווען! דער רעוואָלווער אין קעשענע איז עפּעס ווי געוואָרען אַלץ שווערער און שווערער. מען דאַרף זיך זעצען! ניט וואהר? יאָ, אַזוי וועט זיכער בעסער זיין. זיך זעצען — זעצען. ס'אַרט שרעקליכע שטילקייט! אַך, ווי דאָס מוטשעט! ער האָט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער. עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט איהם אָנגעלאָדען. די הענד האָבען איהם שוין ניט געפּאָלגט. ער איז געוואָרען אין כעס.

געוויס, מען מוז זיך פריהער זעצען. דאָס איז וויכטיגער פון אַלץ.

ער האָט זיך געזעצט.

אין הארצען? געוויס! אַן אויסגעצייכענטע אידעע. אַלע מאָהל שיסט מען אויף איין מילימעטער העכער, און דערנאָך פאַלט מען אריין אין האָספּיטאַל, הע, הע...

און מיט אַ מאָהל, אליין ניט בעמערקענדיג עס, האָט ער זיך

טיעף פערטראכט און האָט פערגעסען אָן אַלץ ארום איהם.

ער האָט דערהערט זינגען אין הויף. א שטאַרקע אונרוהיג־קייט האָט איהם בעפאלען. ער האָט פעסט געהאלטען דעם רע־וואָלווער.

גיכער! גיכער!

זיין אונרוהיגקייט איז געוואקסען מיט א ווילדער קראפט. נאָך איין מינוט, און ער וועט ניט זיין אין שטאנד צו טהאָן עס.

און פלוצלונג, אריינגעשפארט דאָס פיסקעל פון רעוואָלווער טיעף אין מויל אריין און אָבגעדריקט די פרוזשינקע.

.17

אין דעם זעלבען אָווענד זיינען איזא און פאלק געזעסען אין וואגאָן. זיי זיינען געפאָהרען אין פאריז.

— ליעבסטו מיך? — האָט זי א קוק געגעבען אויף איהם מיט גליקליכע אויגען.

פאלק האָט ניט געענטפערט. ער האָט צונויפגעדריקט איהרע הענד אין זיינע, און מיט אזא צערטליכקייט געקוקט איהר אין די אויגען.

— דו ביסט מיינער... מיינער! — און זיי זיינען לאנג גע־זעסען איינגעדריקט איינס אין אנדערען.

זי האָט זיך געפיהלט שטארק מיעד. פאלק האָט איהר גע־מאכט א בעט פון שאלען, האָט זי ווארעם איינגעדעקט, און האָט אלץ געקוקט אויף איהר מיט אזא הייסע, ערנסטע צערטליכקייט.

— מיינע, מיינע...

— גיב מיר א קוש! — און זי האָט פערמאכט די אויגען.

זעהר פארזיכטיג האָט ער איהר א קוש געגעבען, אקוראט ווי ער וואָלט מורא געהאט צוריהרען זיך צו איהר.

— און איצט שלאָף, שלאָף.

— יא.

ער האָט זיך געזעצט אויף א באנק געגען איהר. וועגען מי־קיטא האָט ער כמעט ניט געטראכט. עס איז איינגעפאלען צום חידוש'ען

זיך ווי ווייניג איהם האָט געערגערט מיקיטא׳ס שיקזאל. יא, דער וואָס האָט ניט קיין כח צו לעבען, דער, וואָס טראָגט ניט אין זיך זעלבסט די עלעמענטען, וואס זיינען נויטיג צום לעבען, אזא מענש מוז אונטערגעהן. קיינער איז אין דעם ניט שולדיג און מיט קיין זאך קען מען איהם ניט העלפען...

איז עס מעגליך, אז ער, פאלק וואָלט אויך געקענט אויף אזא אופן אומקומען? ניין! זיינע ליידען זיינען געווען גאנץ אנדערע.

דאָס זיינען געווען היציגע קאָנוואולסיעס, וועלכע האָבען גע־בּאָרען א מעכטיגען ווילען. יא, ער האָט עס פלוצלונג פערשטאַ־נען. אָבער... ווי רופט מען דיעזעס אָן? א נייער ווילען; א ווילען, וועלכען אינסטינקט האָט געבאָרען, א ווילען... הם, ווי זאָל מען עס אָנרופען? דעם ווילען פון פאָר־געפיהל, וועלכען קיינע בע־וואוסטזייניגע גרענצען קענען ניט אָבהאַלטען, קיינע ירושה־געפיה־לען... א ווילען, אין וועלכען דער אינסטינקט מיט׳ן מארך גיסען זיך צונויף אין איין גאנצעס.

מילא, ער מוז נאָך ליידען פאר דיעזען ווילען, ווייל ער איז דאָך דער איבערגאנגס־מענש; איהם מאַטערט א היץ־קרענק, ווייל ער מוז נאָך בעקעמפפען זיין מארך. אָבער קוים וועט ער נאָר גובר זיין אין זיך יענעם דומען פערבליבענעם יושר־אבערגלויבען, דאַן וועט ער מעהר ניט ליידען.

ער האָט זיך פלוצלונג אין הארצען צולאַכט. גאָט מיינער, וואס פאר א נארישער, אידיאטישער חקירה׳ן. דיעזע זינלאָזע פלוידערייע איבער א נייעם ווילען און עהנליכע זאכען. אָט נאָך אביסעלע און ער וועט נאָך אודאי זיך קרוינען אלס אויבער־מענש, ווייל... יא, ווייל זיין גלוסטען האָט ניט געוואוסט פון קיין גרענעץ, ווייל איזא האָט זיך איהם אָבגעגעבען אוים ליעבע, און —— ווייל ער אליין איז פשוט א פערברעכער.

אין אמת׳ען זיינען דאָך די אלע חקירות ניט מעהר ווי א מין איינשלעפערען זיך זעלבסט; זיך אליין אָפּנארען.

א פערברעכען! —— האָט עטוואס אויסגעשריען אינווייניג אין זיין הארץ.

ער האָט א קוק געגעבען אויף איהר. זי געהערט איהם, נור

איהם, ווייל זי מוז איהם געהערען... און צוזאמען טראָגען זיי זיך צום גליק...

ער האָט א קוק געגעבען אין פענסטער. פאר זיינע אויגען האָבען געשימערט בוימער, פעלדער און ביי־וועג געביידעס. דאָס אלעס וועט זיין דיינס, אזוי גיך ווי עס וועט אין דיר אָנהויבען געוועלטיגען דיין נייער ווילען, דער ווילען פון אינסטינקט, א געהייליגטער און בערעכטיגטער פון דעם מארך.

ער האָט געגעבען א טראכט וועגען נאפּאָלעאָן.

ניין! עס איז ניט דאָס. דאָרט איז געווען א ווילען פון א פאנאטיקער, פון אן עפּילעקטיק.

א מאָדנע זאך: די גאנצע צייט האָט ער מיט אָנשטרענגונג געזוכט ביישפּיעלע פאר פונקט אזא גרענצלאָזיגקייט, ענאָאיזמוס... און פערברעכען.

דאָס מוזען אודאי זיין די רעשטלעך פון א דורכגעמאכטער קראנקהייט. איצט אָבער, איצט האָט ער ענדליך געפונען זיין גליק. און ער איז געוואקסען אין זיינע אייגענע אויגען, בערעכבענעדיג זיין גרויס גליק, וועלכעס ער האָט ערווארבען בלויז מיט דער הילף פון זיין אייגענעם ווילען.

אלע איבעריגע זאכען זיינען געבליבען בלויז אלס עראינערונגען, אלס א טהעמא פאר א גרויסער, אויפטרייסלענדער דראמא.

ער האָט לאנג געקוקט אויף דער שלאָפענדער איזא.

דאָס איז געווען א פרוי, וועלכע ער האָט ניט געקענט. נאָר עס איז גאָר ניט נויטיג, אז ער זאָל זי קאָנען. צו וואס? זי געהערט דאָך איצט אין גאנצען איהם, ער האָט זי ארויסגעריסען פון א צווייטענ'ס הענד. ער איז געווען יענער הערש...

ניין, דאָס איז שוין אביסעל צו בעסטיאליש. דערמאָנענדיג זיך אָן די געדערים, ווי זיי זיינען געהאנגען אויף דעם הירש'ס הערנער, איז איהם געווארען שטארק אונאנגענעהם.

מיט אלע כחות האָט ער זיך געוועהרט געגען א גרויסער כוואַליע פון אונאנגענעהמע געפיהלען, וועלכע האָט געזוכט צו בעהערשען איהם... חע, חע... אקוראט ווי אימיצער וואָלט צושמעטערט וועלכע ניט איז פויגעל־נעסט.

נור באלד האָט ער זיך ווידער בערוהיגט.

יא, אלעם האָט געמוזט פאָרקומען פונקט אזוי ווי דאָס איז דאָ פאָרגעקומען. אָבער מערקווירדיג איז, וואס די גאנצע צייט קומען איהם אלץ אויף די געדאנקען יענע אלטע בעגריפע איבער דעם פרייען ווילען, איבער פערברעכען, איבער שולד; און אפשר טאקע...

און איצט, איצט... וואוהין פיהרט איהם זיין שיקזאל? צו גליק! צו גרענצלאָזען גליק, פול מיט נייע, גאנץ אונבעקאנטע פריידען.

אָה, ווי שטאָלץ ער האָט זיך געפיהלט, ווי גליקליך, שטארק און — ווי טרויעריג ער האָט זיך געפיהלט...

און דער צוג איז אלץ געלאָפען און געלאָפען. ווי בליצען האָבען געשימערט הייזער, דערפער, שטערט, און הויך אין הימעל האָט געשיינט בלויז איין שטערען, א פערנעבעלטער מיט א ווייאָ־לעטען פארב...

צווייטער טהייל.

פערביינגעהענד

.1

מאריט קאָער איז געזעסען אויפ'ן ווערא‎נדע, איהר שטימונג איז געוועז אן אונגעוועהנליך פרעהליכע, כאָטש זי איז געוועזן זעהר אויפגערעגט.

אלזאָ, ענדליך, ענדליך... זי האָט דאָך שוין כמעט פערלארען יעדע האָפנונג צו זעהן איהם ווען.

ווי פיעל מאָהל האָט ער, א שטיינער, געשריעבען צו זיין מוטער, אז אָט, אָט קומט ער: מאָרגען, איבערמאָרגען. און דערנאָך פלעגט זיך יעדעס מאָהל אויסלאָזען, אז איבער וועלכע ניט איז זעהר נויטיגע אַרבייט וועט ער ערשט קומען אין א חדש ארום. עס איז אוועק איין חדש, דערנאָך אַ צווייטער, און ער האָט ווידער אָבגעלייגט אויף נאָך אַ חדש. און איצט ענדליך — איצט איז ער געקומען, געקומען...

היינט, ווען איהר קליינער ברודערעל איז געקומען פון גימנאזיע און האָט שוין געהאט אָנגעפלוידערט אזעלכע טויזענד נארישע מעשות פון שולע, האָט ער זיך פלוצלונג דערמאָנט אָן נאָך א נייעס.

הערר פאַלק איז געקומען צופאָהרען!

— קיין קאָמאָוועס, — האָט דער איינגעל ערנסט געזאָגט, זעהענדיג אז זיין שוועסטער גלויבט איהם נים. עריק פאַלק האָט געווארט אויף איהם ביים טויער פון גימנאזיע און האָט איהם געבעטען איבערגעבען אַ גרוס צו אַלעמען און זאָגען, אַז היינט נאָך מיטאג וועט ער זיין ביי זיי. מאריט איז ווי פערשטיינערט געווארען פון דיעזער נאַכריכט. זי האָט עס בשום אופן נים געקענט גלויבען.

גאָט אין הימעל, וויפיעל יסורים זי האָט עס געליטען פון זיין שטענדיגען אָפּלעגען. אין יענע לאַנגע וואָכען פון וואַרטען איז זי ארומגעגאנגען ווי משוגע. אפילו מיט איהר יונגפרוילּיכען שטאָלץ האָט זי געאָפּפערט און געשריעבען איהם בריעף, אין וועלכע זי האָט איהם היים געבעטען, אז כאָטש אויף איין וואָך זאָל ער קומען.

אמת, זי האָט עס אפילו געטהאָן נור דערפאַר, ווייל זיין מוטער האָט איהר געבעטען. פאַר דער אַלטער פרוי איז דאָס שרייבען געווען אַן אמת'ע אָבקומעניש. פון דעסמזוועגען האָט ער געמענגט פערשטעהען און פיהלען וויפיעל טרויער און בענקעניש עס ליעגט בעהאַלטען אין יעדען וואָרט.

און אפשר האָט ער גאָר ניט ג ע װ אָ ל ט פערשטעהען?

גאָט מיינער, איז עס מעגליך, אז אַלץ וואָס מ'רעדט וועגען איהם איז אמת?

ניין. אַלעס איז געווים בלויז א נידריגער און עקעלהאפטער ליגען. מיאוס'ע רכילות איז עס. מען האָט דערצעהלט, אז פאַלק איז פערהייראַט, אז ער האָט שוין אפילו א זוהן אויך, און אז איצט האָט ער זיך ווידער פערבונדען, נאָכ'ן בירגערליכען הייראטס־געזעץ מיט א פערזאָן, וועלכע איז נאָך דערצו א פראַנצויזקע.

ניין! עס איז א ליגען! ער איז דאָך אזא אָפענהערציגער, נאָבעלער מענש. ער וואָלט איהר זיכער געשריעבען וועגען דעם. ער פלעגט דאָך איהר אזוי אָפט שרייבען פון זיין ליעבע צו איהר... איז עס מעגליך, אז ער האָט זי גענארט?

צו האָט ער דען ניט ווידערהאָלט ביי יעדער געלעגענהייט, אז זי, און נור זי קאָן איהם גליק געבען?!

ניין. דאָס איז אַלץ ליגען און רכילות; ער איז דאָך אזוי נאָבעל און עהרליך...

איהר הארץ האָט שטאַרק געשלאָגען. זי האָט געאָטהעמט שווער. די אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען.

אן אונגעוועהנליך זיסער געפיהל איז געוואקסען אין איהר הארץ. נאָך איין פערטעל שעה, און זי וועט איהם זעהן, וועט קוקען אין זיינע געהיימניספאָלע אויגען, וועט הערען זיין וואונ־

דערליבע שטימע. אך, ווי שטארק, ווי הייס זי ליעבט איהם...
גאט האט דערהערט איהר געבעט.

דריי מאהל איז זי אין קירכע געלאפען און תפילה געטהאן, אז ער זאל זיך צוריקקעהרען בשלום. ווי א פערוואונדעטע חיה איז זי געלעגען ביי די פיס פון דעם געקרייציגטען ערלייזער, מתפלל געווען, געיאמערט און תשובה געטהאן. שוין־זשע וועט דער פאטער אין הימעל ניט דערהערען איהר געבעט? מיט וואס האט זי איהם דען אזוי דערצארענט? און תעניתים האט זי גע־פאסט יעדען פרייטאג און שבת פאר די זינד, פון וועלכע זי האט אפילו ניט געוואוסט. זי ווייסט דאך אבער, אז אפילו דער גרעסטער צדיק זינדיגט אויך ניט וועניגער ווי זיעבען מאהל א טאג. מעגליך אז שוין איהר ליעבע צו פאלק'ען איז א זינד.

אבער ניין! פאלק איז דאך געקומען, איז עס דאך א סימן, אז גאט האט דערהערט איהר געבעט.

זי האט זיך אויפגעהויבען פון ארט. אויפ'ן ווערעאנדע איז געווען אזוי שטיקענד הייס. זי איז ארוים אויפ'ן סטעזשקע, וואס האט געפיהרט צום דערבייאיגען שטעדטעל. פון דארט האט פאלק בעדארפט אנקומען.

זי האט מיט א מאהל אויפגעציטערט. דאס גאנצע בלוט האט איהר צוגעשפארט צום הארצען. זי האט געציטערט ווי א בלאט.

זי האט איהם דערזעהן. דאס איז ער! זיכער ער! זי האט זיך צוגעשפארט צום פארקען. ווי א מין אונזיכטבארע קראפט וואלט איהר געשטויסען פאָרווערטס. מיט וואס פאר א פערגניגען זי וואלט זיך א ווארף געטהאן צו איהם אויפ'ן ברוסט.

אך ניין, ניין, ניין! זי האט געמיינט בלויז צו צייגען איהם ווי שטארק דאס פרעהט איהר. צו וואס בעהאלטען עס פון איהם? ער מוז וויסען ווי גליקליך זי איז.

ניין, ניט דאס; זי דארף עס ניט ארויסווייזען...

ניין, אזא זאך קאן זי ניט טהאן...

זאל זי אפשר לויפען פון דאנען? דא אויפ'ן סטעזשקע וויל זי איהם ניט בעגעגנען... איהרע שלייפען האבען געברענט; זי האט געפיהלט ווי דער הייסער בליאסק פון זיינע אויגען בריהט

איהר. באַלד וועט זי ניט זיין אין שטאַנד אַ וואָרט אַרויסצו־ריידען.

זי איז אַריינגעלאָפען אין איהר צימער, זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין די קישענס, און הויך געוויינט...

איהר אַלטער פאָטער האָט אויפגענומען פאַלק'ן זעהר פריינד־ליך...

— אַ וואונדער, וואס איהר לעבט נאָך אויף דער וועלט! נאָר ווי די זאַך איז, עס איז זעהר גוט, וואס איהר האָט זיך ענדליך דערמאָנט אָן אייער געבורטס־פּלאַץ; שוין אַזוי לאַנג, אַז מיר וואַר־טען אויף אייך...

פאַלק איז געווען אונגעוועהנליך העפליך. אָן זיין געבורטס־פּלאַץ האָט ער קיינמאָהל ניט פערגעסען. ער איז אָבער אַזוי בע־שעפטיגט! נאָך אין די לעצטע טעג פאַר זיין אוועקפאָהרען, האָט ער געמוזט איבערלעזען אַ דרייסיג בלעטלעך קאָרעקטור פון זיין נייעם ראָמאַן, און דאָס איז דאָך אַזאַ שרעקליכע אַרבייט. דער־פאַר אָבער פיהלט ער זיך איצט העכסט גליקליך. איהם פרעהט אַזוי וואס ענדליך איז ער געקומען צוריק צו זיין מוטער, און ער פיהלט זיך דאָ אַרומגערינגעלט מיט אַזוי פיעל ליעבע! די היימאַטה איז זעהר אַ גוטע זאַך...

— דיעזע רייזע איז פאַר מיר געווען העכסט נויטיג. מיינע נערוועז זיינען שטאַרק אָנגעשטרענגט; איך בין אינגאַנצען צו־רודערט. און דאָ, ביי דער מאַמע, וועט אַלץ אין גיכען פערריכט ווערען. ווירקליך, אַ מוטער, דאָס איז פּונקט אַזאַ גוטע ערפינ־דונג ווי בוכדרוקעריי...

דעם אַלטען קאָער האָט זעהר געפרעהט ווידער צו זעהן איהם, צו רעדען מיט איהם. דאָ אין דיעזער פערפלוכטער פּראָ־ווינץ פיהלט מען זיך ווי אָבגעשניטען פון אַלץ; מען ווייסט גאָר ניט וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט, און איצט וועט איהם פאַלק דערצעהלען פון אַלעס.

מען האָט דערלאַנגט צום טיש אַ פלאַש וויין.

— פאַלק, איהר וועט דאָך אוראי עפּעס טרינקען. דאָס איז

זעהר גוטער וויין. וואס מען זאל דארט ניט דערצעהלען פון פא־ריז, פון דעסטוועגען וועט מען אפילו דארט קיין בעסערען ניט בעקומען. אך, עס איז דאך אזוי אנגענעהם צו טרינקען מיט אזא אינטעליגענטען קאמפאניאן.

באלד האבען זיי זיך שטארק פעראינטערעסירט אין א געשפרעך איוף דער טהעמא ווי אזוי עס איז בעסער צו פערזעען גערשטען.

—איהר מוזט אויספרואווען דעם נייעם מיטעל, הערר קאער, אבצוטהיילען איין אקער ערד אויף יעדען בושעל גערשטען...

עס האט זיך געעפענט די טהיר. מאריט איז אריינגעקומען. זי איז געוועזן שרעקליך בלאס, און האט אויסגעזעהען, ווי זי וואלט זיך געהאט נור וואס איינגעוואשען.

פאלק איז אויפגעשפרונגען און האט זי אנגעכאפט פאר ביידע הענד.

ער האט ניט ערווארט, אז ער וועט זי אזוי גיך זעהן. אך, ווי לאנג דאס איז שוין !...

— מיר האבען שוין אפילו ווארטען אויף אייך אויפגעהערט...

— זי האט זיך אבגעקעהרט און האט גענומען זוכען עטוואס ביים פענסטער.

פאלק האט זיך צוריקגעקעהרט צום געשפרעך פון גערשטען, ער איז אבער געוועזן שטארק אויפגערעגט...

קאער האט זיך צוגעהערט אויפמערקזאם און האט אלץ איבער־גע'חזר'ט ווי שטארק עס פרעהט איהם, וואס פאלק איז געקומען. פערשיעדענע אומגליקען האבען זיך, ווי האגעל, געשאטען אויף איהם די גאנצע צייט: לעצטען יאהר איז די תבואה געוועזן זעהר ניט געראטען, דערנאך איז די ווייב קראנק געווארען, און ער האט זי געמוזט שיקען אין די בעדער, וואו זי געפינט זיך שוין צייט א האלב יאהר. מאריט מוז דעריבער פיהרען דאס בעל הביתישקייט, און קוים מיט צרות האלטען זיי עס אויף. פאלק וועט זיין אזוי גוט און וועט איהם ענטשולדיגען וואס ער מוז איצט אוועקגעהן אויף א מינוטקעלע; גראד איצט איז דאך די צייט פון זעען.

פאלק און מאריט זיינען געבליבען אליין...

זי האט מיט אנשטרענגונג געקוקט אויף עטוואס אין פענס־

מער; פאַלק האָט אַרומגעשפּרייזט איבער'ן צימער און האָט גע־טרונקען איין גלאָז וויין נאָך דער אַנדערער, און דערנאָך צוגעגאַנגען צו מאַרים.

זי האָט אין גאַנצען געציטערט. איהר געזיכט איז געוואָ־רען אַט רויט, און אַט בלאַס.

— וואָס־זשע האָט איהר דאָ געטהאָן די גאַנצע צייט?

ער האָט עס געפרעגט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל.

— גאָר נישט געטהאָן. מיר האָט זיך זעהר גוט געלעבט, זעהר גוט...

זי האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען, נור באַלד האָט זי אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט אַ מין פרעמדען בליק.

— עס איז ווירקליך אַ חדוש, וואָס איהר זיינט ענדליך געקומען. וואָס האָט אייך געבראַכט דערצו?

— עה, זעהט איהר, ווען אַ מענש ווערט אַזוי אויסגעמאַ־טערט, און זיינע נערווען זיינען אַזוי צורודערט, ווי דאָס איז דער פאַל איצט מיט מיר, דאַן קומט איהם, נאַטירליכערווייזע, דער געדאַנק, אַז אָבצורוהען זיך אַ ביסעל ביי דער מאַמען איז זעהר אַ גוטע זאַך. וואָס איהר וועט דאָרט ניט זאָגען, איך אָבער וועל אימער בלייבען אַזאַ קינד, וואָס וויים ניט פון קיין אַנדער היים, פון קיין אַנדער ווינקעל, חוץ דער מאַמעס הויז...

מען האָט געשוויגען. פאַלק איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צי־מער פערטראַכט.

— איך האָב זעהר ליעב מיין מוטער. דאָך קומען האָב איך ביז איצט ניט געקענט. עס זיינען אַלץ געווען אַזעלכע אויסער־געוועהנליכע אומשטענדען, וואָס האָבען מיך צוריקגעהאַלטען...

— יאָ, איך האָב אייניגעס געהערט וועגען דיעזע אויסערגע־וועהנליכע אומשטענדע.

זי האָט דיעזע ווערטער אַרויסגערעדט מיט לייכטער איראָ־ניע.

פאַלק האָט אַ קוק געגעבען אויף איהר עטוואָס פערוואונדערט און מיט אַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט ערווארט צו הערען דויט־זעס פון איהר.

— נו, יאָ!... מיין גאָט! ער קען דאָך קיינעם ניט פער־וועהרען צו פערשפרייטען ווענען איהם די משונה'דיגסטע פּליאָט־קעס. איבריגענס איז דאָך פּאר איהם אַלץ איינס, וואָס מען זאָל דאָרט ניט רעדען ווענען איהם.

וויעדער האָט מען געשוויעגען.

פאלק האָט אָנגענאָסען נאָך אַ גלאָז וויין און אויסגעטרונקען אין איין זופּ.

זי האָט אויף איהם געוואָרפען אַ שטרענגען בליק. זיין גע־זיכט איז געוועזען בלאס, די אויגען איינגעפאלען, און זיי האָבען געבליאסקעט מיט אַ מאָדנעם, פיבערהאפטען גלאַנץ...

איהם איז וואהרשיינליך אויסגעקומען זעהר פיעל צו ליידען, האָט זי אַ קלעהר געטהאָן, און זי איז ווייכער געוואָרען.

— ענטשולדיגט... איך האָב גאָר ניט געמיינט צו רעדען מיט אייך ווענען אַזעלכע זאַכען, און ניט איך האָב גאָר אַ רעכט צו רעדען ווענען דעם. מיך הייבט עס ניט אָן צו אינטערעסירען...

— נו, יאָ יאָ...

פאלק האָט אויסגעזעהן שטארק אויסגעמאטערט.

יאָ, דאָס איז מערקווירדיג... הם, צוויי מעת־לעת בין איך אין וועג געוועזען, אויף איין מינוט די אויגען ניט צוגעמאכט, און דאָך, ווי נאָר איך בין געקומען, האָב איך זיך ניט געקענט בערוהיגען: כ'האָב געפיהלט, אז איך מוז אייך זעהן וואָס שנעלער...

דער ערשטער טאָג פון דעם אויפבליהענדען פריהלינג האָט געהאלטען אין ענדיגען זיך. זיי זיינען געשטאַנען ביים פענסטער, געקוקט אויפ'ן טייך, און אויף די בערגלעך הינטער'ן טייך, וואָס זיינען געוועזען בעוואקסען מיט נידריגע קוסטעס. פונ'ם טייך האָט זיך אויפגעהויבען אַ נעבעל. ער האָט זיך פערצווייגען איבער די בערגלעך, איז דורכגעדרונגען אין די צונויפגעוואַקסענע קוסטעס, און עס האָט אויסגעזעהען אקוראט, ווי דער טייך וואלט ארויס פון זיינע ברעגען, און וואָלט וועלען פערגיסען מיט זיינע כוואליעס די גאנצע וועלט. ביסלעכווייז זיינען אין גאנצען פערשוואונדען די ליניען פון בערגלעך און קוסטעס, און די גרויסע ברייטע נעבעל־דעק האָט זיך צוזאמענגעגאָסען מיט'ן האָריזאָנט.

קאָער האָט אין דער צייט געשיקט זאָגען, אַז זיין מינוטקעלע וועט געדויערען נאָך איין מינוטקעלע. מאַריט אָבער האָט ער־קלעהרט אַז פאַלק מוז בלייבען ביי זיי אויף אוועגד־ברויט.

און ווידער זיינען זיי געבליבען אַליין. פאַלק האָט געטרונקען אָהן אויפהער. און זעלטען, עפּעס ווי ניט ווילענדיג, האָט ער אריינגעוואָרפען וועלכען ניט איז אונבעדייטענדען וואָרט.

— זייט ניט בייז, וואס איך טרינק אַזוי פיעל; איך מוז איצט טרינקען. מיינע כחות זיינען זעהר אָבגעשוואכט; עס איז נאָך אפילו ווייט צו א ווייסע היץ־קריינק. איבעריגענס וואָלט איך אפילו געוואָלט אַזוי קראַנק ווערען... מיינט נאָר ניט, אַז איך בין געוואָרען סענטימענטאַל. אָה, ניין! איך בעשטעטיג בלויז אַן איינפאכען פאקט, אַז מיין הארץ ווערט צוגעסען פון א וואָרם. יא, מען קען ניט זאָגען, אַז איך בין גליקליך... און דאָס אַלעס איז אַזוי נאַריש. נעהמט עס ניט זעהר נאָהענט צום הארצען.

מאַריט איז צוגעגאַנגען צו איהם.

— פאַלק, שפּיעלט ניט קיין קאָמעדיע. רעדט מיט מיר גאַנץ אָפען. ווען איהר זיינט דאָ געווען מיט א יאהר צוריק, — גע־דענקט איהר, דאן האָב איך זיך מיט אייך בעקאַנט... איהר האָט געזאָגט אַז איהר ליעבט מיך. איהר האָט מיר אפילו געשריע־בען וועגען דעם. איך האָב בעהאַלטען אַלע אייערע בריעף: דאָס איז מיין גרעסטער אוצר. איהר ווייסט מיינע געפיהלען צו אייך, איהר ווייסט עס גאַנץ גוט. מיין גאַנצעס הארץ איז אין דיעזען גע־פיהל פון ליעבע צו אייך. זייט א גוטער און זאָגט מיר אַלץ. איך וואָלט וועלען פערשטיקען אין זיך דיעזע ליעבע. איך ווייס אָבער, אַז דאָס איז אומזיסט... איהר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איהר קענט מיר גאָר נישט צוזאָגען, אַז אונזער ליעבע האָט קיין שום צוקונפט ניט... איך האָב דאָך ניט געוואָלט, ניט געפאָדערט קיינע שבועות, קיינע פערשפּרעכונגען... קיין זאַך האָב איך ביי אייך ניט געבעטען. איך האָב אייך געליעבט, איך ליעב אייך נאָך איצט, ווייל איך קאָן נישט ניט ליעבען אייך...

מאַריט איז אַלץ מעהר צומישט געוואָרען. זי האָט איהם

זעהר פיעל געוואָלט זאגען. איהרע געדאנקען זיינען אָבער געוועזן אזוי פערפלאָנטערט, אָהן א שום פערבינדונג...

— אָבער גאָר ניט וועגען דעם האָב איך געוואָלט רעדען מ׳ט אייך. איך וויל בלויז, אז איהר זאָלט מיר אָפען אלעס דערצעהלען. דעם גאנצען, גאנצען ריינעם אמת, איך האָב אזוי שרעקליך געליטען, געמוטשעט זיך...

פאלק האָט געקוקט אויף איהר פערוואונדערט.

— אָבער וואס ווילט איהר וויסען פון מיר?

— איהר ווייסט עס אליין גאנץ גוט; וועגען אייך רעדט מען איצט אזוי פיעל, און זיכער מוז זיין אן אורזאכע דערצו... איז עס אמת? אמת, וואס מ׳זאָגט וועגען יענער פראנצויזקע און איהר קינד... ניין, דאָס איז אונמעגליך.

— וואָס?

— א קינד...

— א קינד?

פאלק האָט שפּאצירט איבער׳ן צימער מיט גרויסע שפּאָן.

עס איז ענטשטאַנען א שווערער שווייגען. דער קול פון אן ארבייטער האָט זיך געהערט פון הויף. ער איז מיט א מאָהל גע־בליבען שטעהן פאר איהר.

— נו, איך וועל אייך, אלזא, זאָגען דעם גאנצען גרויזאמען אמת. איך וויל זיין גאנץ אָפענהערציג, יא, אָפענהערציג, אויף ווי פיעל איך קאָן, ווען אפילו איהר זאָלט מיר נאָכדעם ווייזען די טהיר. איך האָב, אלזא, א קינד. נאָך איידער איך האָב זיך מיט אייך בעקאנט, האָב איך שוין געהאַט א זוהן. און א קינד — דאָס איז א וואונדערבארע זאַך: דאָס גיט איינעם אזוי פיעל ענער־גיע און מונטערקייט. איך האָב דאָך שוין גאָר געהאלטען ביי צופאלען ווערען אויף שטיקלעך; ערגער פון דעם ערגסטען בין איך שוין געוועזן... הערט מיך אוים רוהיג. איך בין געוועזן פונקט אזא ע ר, ווי אלע אנדערע און האָב געהאַט א רעכט צו ברענגען קינדער...

ער האָט איצט גערעדט מיט אויפרעגונג.

— נו, אויב איהר זיינט ניט אימשטאַנד צו בעפרייען זיך

אויף איין ווײַלע פון אייער נאַרישער מאָראַל, און דאָך איבעריג אייער אַרויסרופען מיך צו אָפענהערציגקייט.

טרעהרען האָבען זיך געשטעלט ביי איהר אין די אויגען.

— פערצייהעט מיר, מיינע נערווען זיינען, הפּנים, ווירקליך צו שטאַרק צוטרייסעלט.

די טרעהרען האָבען זיך איצט געקייקעלט איבער איהרע באַקען.

— טהייערע, גאָלדענע מאַריט! זיי גוט צו מיר! הער מיך אויס, ווי נור א שוועסטער וואָלט געקענט אויסהערען מיך. און ווען אפילו דו זאָלסט קיין העלפט ניט פערשטעהן פון דעם, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען, דאָך מוזטו מיך אויסהערען.

— נו, וואָס מיינט עס? שווין־זשע ווילט איהר שפּיעלען מיט מיר אין בעהעלטעניש? איך וועל דאָס ניט דערלאָזען. צו שטאַרק ליעב איך אייך און שעץ אייך, אום צו דערלאָזען עס.

— נו, זעהר גוט, איהר ווייסט שוין, אלזאָ, אז איך האָב א זוהן. איך ליעב איהם מעהר ווי אלץ אויף דער וועלט. אָבער זיין מוטער... הם, זיין מוטער קאָן איך ניט אריבערטראַגען. איך בין דאָך אַזוי שרעקליך אונגליקליך. ווען איך האָב זי אָנגעגענט אויף מיין לעבענס־וועג, איז זי געווען אַזוי גוט צו מיר; א קורצע צייט האָבען מיר געוואוינט צוזאַמען, — נו, און עס האָט געטראָפען...

— אָה, גאָט מיינער, מיין גאָט, צו דען איז עס מעגליך?

— הם, אויף דער וועלט איז אלץ מעגליך.

פאַלק האָט גערעדט מיט א מיעדען קול. האָט זיך עטליכע מאָהל דורכשפּאַצירט איבער'ן צימער, דערנאָך צוגעגאַנגען און גענומען זי פאר'ן האַנד.

— מאַריט! איצט וועל איך דיר אלץ זאָגען. דו טאָרסט מיך ניט ליעבען, מאַריט. אמת, איך האָב געבעטען ביי דיר דיין ליעבע, אָבער דעמאָלט האָט זיך מיר געדוכט, אז איך וועל דיר קענען געבען אביסעלע גליק. איך האָב אין דעם גע־גלויבט. איך האָב געוואָלט דו זאָלסט ווערען מיין פרוי. דו וואָלסט דאָך ליעב געהאַט מיין זוהן. יענע פרוי איז

אָבער צוגעשטאַנען צו מיר ווי אַ „קלעק". טויזענד מאָהל האָב איך געפּרואווט זיך אָפּטשעפּען פון איהר און איך האָב ניט געקענט, און דאָס וועט מיר, וואהרשיינליך, שוין קיינמאָהל ניט געלינגען...

פאלק איז געווען שטארק אויפגערעגט. מאריט האָט גע־פּרואווט איהם אונטערברעכען.

— ניין, ניין, לאָז מיך אלעס דיר דערצעהלען. איך האָב געמיינט, כ'וועל זיין אין שטאַנד צו געבען דיר גליק. בלויז מיט דיעזען געדאנק האָב איך אויפגעהאלטען דיין ליעבע צו מיר, דארפסט אָבער ניט רעכענען מיך פאר נידערטרעכטיג. און איצט בעט איך שוין ניט קיין ליעבע, ווייל איך ווייס, אז ליעבען מיך איז אונמעגליך. קיין ברעקעל גליק קען איך דיר ניט געבען. בלויז איין זאך בעט איך ביי דיר: זיי מיר אַ שוועסטער, זיי מיר אַ פריינד, מיין איינציגע ביסטו!

מאריט איז געזעסען אַ פערשטיינערטע אין גאַנצען.

פאלק האָט זיך אראפּגעלאָזען אויף די קניע נעבען איהרע פיס און האָט גענומען איהר האנד.

— זיי פריינדליך און גוט צו מיר. קענסט ניט זיין מיין גע־ליעבטע, טו זיי מיר אַ פריינד... ניין! קיין פריינד קענסטו אויך ניט זיין, — ניין! איצט געה איך אוועק... שוין געה איך... ענטפער מיר... זאָל איך געהן? געהן? נו, בלייב געזונד, כ'געה...

אָבער מאריט איז באלד אויפגעשפרונגען אַ פערצווייפעלטע.

— בלייבט, בלייבט! טהוט וואס איהר ווילט, נור זעהן זיך מיט אייך מוז איך, — איך בין קראַנק, ווען איך זעה אייך ניט. אָה, גאָט, גאָט, ווי שרעקליך דאָס איז!

פאלק האָט זיך אַ ווארף געטהאָן צו איהר.

— ניין, אין גאָטעס ווילען, ניין!

זי האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך, און איז ארויסגעלאָפען פון צימער.

פאלק האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט אויסגעטרונקען די פלאַש ווייז ביז'ן לעצטען טראָפּען, און אין טיעפער פערטראַכטקייט האָט ער אָנגעשטרענגט זיין בליק אין דער ווייטקייט, קוקענדיג

אויף אַלץ און אויף גאָר נישט. די פינסטערנים האָט איהם עטוואס ווי בערוהיגט.

מיט א מאָל איז ער אויפגעשפּרונגען.

אך, דאָס איז מאריט אריינגעקומען.

— מערקווירדיג איז, וואָס ליכט קען אזוי דערשרעקען א מענ־שען...

ווי עס זעהט אויס, בין איך טאקע גאָר נישט־קשה'דיג נערוועז.

מאריט האָט א שמייכעל געטהאָן. זי איז געווען שרעקליך אויסגעמוטשעט.

זי האָט געשטעלט דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ אויפ'ן טיש.

— מיין פאָטער וועט באלד אריינקומען. איהר וועט דאָך בלייבען צו אוונד־ברויט מיט אונז?...

— יא, איך וועל בלייבען, כ'וועל בלייבען... איך בין אַן עהר־ליכער מענש. פאר אייער פאָטער וואָלט עס געווען שטארק אויפ־פאַלענד, ווען איך זאָל אזוי פּלוצלונג פערשווינדען.

.2

אויף מאָרגען איז פאלק ווידער געקומען. ער איז געווען זעהר פריינדליך, און האָט זיך אָנגעשטרענגט אויסצוזעהן זעהר פריי־ליך. עס האָט איהם אָבער געקאָסט פיעל מיה צו בעהאַלטען זיין נערוועזע אויפרעגונג.

— ריכטיג, ניין? צווישען אונז איז דאָך קיין זאך נישט פאָר־געקומען? איהר האָט דאָך אַלץ פערגעסען? יא, פערגעסען? איך געדענק קיין זאַך נישט...

מאריט האָט איינגע'עקשנ'ט געקוקט אויף דער ערד.

— יא, דאָס איז א געפעהרליכער סימפּטאָם. מינוטען־וויין פערליר איך אין גאנצען מיין בעוואוסטזיין — ניין! בלויז מיין זכרון פערליר איך, און איך בין גאָר נישט שכור דאַן. אמת, איך האָב פיעל געטרונקען נעכטען, אָבער קיין איינדרוק פון א בעזווי־פענעם האָב איך דאָך נישט געמאכט? צו אפשר טאַקי יא? אָה, אויב יא, דאַן האָב איך עס אומישנע אזוי געטהאָן; כדי איך זאָל האָבען די מעגליכקייט אַלעס אָרויסצוזאָגען אונבעשטראָפט...

פאלק האט גערעדט זעהר הויך און האט צו אפט געלאכט.

מא״יט האט געקוקט אויף איהם פערוואונדערט.

— מיט אייך האט אודאי געמוזט פאסירען עטוואס העכסט אנגענעהמעס ?..

— ריכטיג געטראפען : איך האב ערהאלטען זעהר אנגענעהמע נאכריכטען פון פאריז... מיינע ביכער זיינען איבערזעצט געווארען אין פראנצויזיש און זיינען זעהר גוט אויפגענומען געווארען. דיזעס פרעהט מיך זעהר. אמת, איך האלט אפילו ניט זעהר שטארק פון די פראנצויזען, נאר פון דעסטוועגען איז עס דאך פארט פאריז.

דער צענטער פון דער גאנצער מאדערנער קולטור...

און אויסער דעם... ניין, איך מוז עס אייך דערצעהלען, דאס איז אזוי אויסערגעוועהנליך, אזוי מערקווירדיג...

מאריט האט אלץ געקוקט אויף איהם פערוואונדערט. וואס פאר אמאדנער ער איז היינט.

— איהר ווייסט דאך, אז אייער פאטער האט מיך אין א פאיעטאן אבגעשיקט נעכטען אהיים. נו, געוויס, איהר געדענקט עס. נו, איז אט פאהרען מיר, און מיר פאהרען זעהר שנעל. מיט אמאל האבען זיך די פערד אבגעשטעלט, ווי איינגעגראבענע, אויף די הינטערשטע פיס האבען זיי זיך אויפגעשטעלט, און הירזשען, פונקט ווי די לעגענדארע כשוף־פערדלאך. דער קוטשער שמייסט זיי מיט'ן בייטש, ער מאכט אבער נור ערגער דערמיט. ענדליך קריכט ער אראב פון זיין פלאץ. איך געה אויך ארויס פון עקיפאזש, מיר נעהמען אן די פערד אונטער די צוימען, און מיר שלעפען זיי מיט אלע כחות! די פערד אלץ ווילדער, און דער קוטשער בעשטעטיגט בלויז דעם פאקט, אז זיי, די פערד, הייסט עס, ווילען ניט געהן. וואס קען עס זיין? און פינסטער איז, אז מען קען געבען איינעם איבער'ן צורה, און יענער זאל אפילו ניט וויסען ווער עמען צו דאנקען פאר אזא פריינדליכקייט. איך האב זיך אנגענומען מיט קוראזש, און האב אנגעהויבען ארומטאפען אלץ ארום זיך, מיט די הענד, מיט די פיס, און פלוצלונג! — דאס הארץ איז אין מיר פערשטארבען געווארען : איך האב זיך אנגעשטויסען

אַן אַ טרונע, און פערטשפּענדיג זיך בין איך אַרויפגעפאַלען אויף אַ בר־מנן.

מאַריט איז אויפגעשפּרונגען.

— אונמעגליך ? !!

— איך פערזיכער אייך, אַז איך זאָג ניט קיין ליגען. ווי אַ משוגענער שריי איך צום קוטשער, און דאָ שעהם איך זיך נאָך פאַר מיין אייגענער פייגהייט, אָבער באַלד בעפאַלט מיך ווידער אַ מורא׳דיגער פּחד : דער בר־מנן קרעכצט אַזוי שמערצליך... איך געדענק גאָר ניט ווען איך זאָל זיך נאָך אַזוי שרעקען.

— אָבער איהר זייט דאָך געוואָרען אַזוי שרעקליך בלאַס. בערוהיגט אייך. דער גאַנצער קאָמיזם פון דיזען צופאַל איז דאָך אין דעם, וואָס קיין געשטאָרבענער איז עס טאַקי ניט געווען, נאָר אַ פויער בעזויפען ביז בעוואוסטלאָזיגקייט. זיין ווייב איז געשטאָרבען, האָט ער געפיהרט אַ טרונע פון שטאָדט, און אַזוי ווי ער איז געווען שטאַרק שכור און האָט געוואָלט שלאָפען, האָט ער אַראָפּגעשלעפּט די טרונע פון וואָגען. די פערד האָט אָפּגעלאָזען פריי צו פּאַשען זיך, און אַליין האָט ער זיך אריינגעלייגט אין טויטען־קאַסטען, כדי גוט דורכצושלאָפען זיך דאָרט.

מאַריט האָט געלאַכט פון פולען האַרצען.

— מיך פרעהט זעהר, וואָס איך האָב ביי אייך אַרויסגערופען אַזאַ הערצליכען געלעכטער. איהר מוזט לאַכען, אַ גאַנצען טאָג לאַכען... לאָמיר לאַכען ווי קליינע קינדערלאַך. איך וועל שטענ־דיג זיין אַזאַ פרעהליכער גאַסען־אינגעל, ווי היינט... און אפשר בין איך מיט עטוואָס ניט גוט ? איך בין דאָך זעהר פרעהליך. נו איז דאָך אויסגעצייכענט... איך וועל שוין בלייבען אַזעלכער דעם גאַנצען טאָג...

פאַלק האָט געלאַכט, נאָר מיט אַ מאָל איז ער געוואָרען זעהר ערנסט. גאָט אין הימעל, וואָס פאַר אַ פּראַכטפאָלעס קינד דאָס איז !

— מאַריט, פריינד מיינע, איך וואָלט געוואָלט ליגען ביי דיינע פיס אויף אַ פּערסישען טעפּיך... נו, נו, מען דאַרף ניט קנייטשען

אזוי דעם שטערען, איך וועל שוין מעהר קיינמאל ניט זאגען אזעל־כע זאכען...

פאלקס'ס אויגען זיינען פערצויגען געווארען מיט פייכטקייט. מאריט האט געקוקט אויף איהם מיט אונאויסדריקבארער ליעבע.

— ווארום זייט איהר פלוצלונג געווארען אזוי אומעטיג? איך קאן עס ניט זעהן. איך ווער קראנק, ווען איך זעה אייך אזוי אומעטיג.

— אבער וואו זעהט איהר אומעט? איך בין דאך זעהר, זעהר פרעהליך...

ביידע זיינען געבליבען שוויינגען.

— איהר ווילט אפשר געהן שפאציערען? זאלען מיר אפשר געהן צום ברעג טייך?

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען.

עס איז געוועזען א זעלטען־שעהנער פריהלינגס־טאג. בלויז מיט איינינע טעג צוריק האט זיך אלעס בעצויגען מיט א גרינעם דעק. אויף די בוימער האבען זיך די בלעטער צואוואקסען, און די בערגליך אויפ'ן צווייטען ברעג טייך זיינען געלעגען צוואוואר־פען אין זייער פולער פראכט, בעדעקט מיט א רייך־גרינעם טעפיך פון פריש גראז.

זיי זיינען געגאנגען און זייערע פיס האבען געזונקען אין פייכטען, ווייכען זאמד. פאלק האט געשוויגען; פון צייט צו צייט האט ער אויפגעהויבען פון דער ערד פלאכע שטיינדעלעך, און אין קרומע ליניען האט ער זיי געווארפען איבער'ן גלאטען אויבערפלאך פון דעם טייך. זיין געזיכט איז געוועזען ערנסט, ווי ביי א מענשען, וועמעס הארץ איז פערדריקט מיט א גרויסען שמערץ. ער איז געגאנגען, האט געקוקט גלייך פאר זיך, און האט אלץ געקליבען פון דער ערד פלאכע שטיינדעלעך און געווארפען אין טייך אריין.

מאריט האט געקוקט אויף איהם אלץ מיט מעהר טרויער אין איהרע אויגען.

— פארוואס פייניגט איהר מיך אזוי? פאר וואס זאגט איהר מיר גאר ניט? איך קאן ניט איבערטראגען דיזען לאנגען שוויי־גען — האט זי מיט וועהטאג ארויסגערעדט.

— יא, יא, יא... — פאלק האט זיך ווי אויפגעכאפט פון א לאנגען דרימלען. באלד... באלד... וועט ער איהר דערצעהלען וואונדערבארע זאכען...

ער האט זיך פרעהליך צולאכט.

— דערצעהלען אייך עטוואס פון פאריז? איך האב דארט געזעהן גרויסע, בעריהמטע מענשען. ווייסט איהר נאר, וואס עס מיינט צו זיין א גרויסער, בעריהמטער מענש? נו, אויב איהר ווייסט, דאן דארף מען עס אייך ניט ערקלעהרען... א זאנדערבארע אומה זיינען דיזע גרויסע, בעריהמטע מענשען — איך האב זיך בעגעגענט מיט פיעלע פון דיזען סארט. נאר איינער פון זיי איז גאר געווען אן אויסנאהמע... צו איהם איז טאקי געווען ניט צו געפינען קיין גלייכען! ער האט געהאסט פרויען דערפאר, ווייל ער האט זיי געליעבט אהן א גרענעץ. פערצייהעט מיר פאר דער כאראקטעריסטיק, וועלכע איך וועל באלד געבען איבער איהם, זי איז אבער זעהר א פאסענדע און ריכטיגע פאר איהם — ער איז געווען פונקט ווי א יונגער ווילדער פערד...

— ניין, ניין... עס איז איבעריג צו זיין בייז אויף מיר; איהר וועט פון מיר מעהר קיינמאל ניט הערען אזעלכע ווערטער. איך וועל אייך וועגען דעם מעהר ניט דערצעהלען. איך ווייס דאך, אז איהר זיינט א גוטע, א פרומע. נו, און אזא אויסדרוק, ווי איך האב נאר וואס געברויכט, איז ווירקליך שווער צו געפינען אין די הייליגע שריפטען.

— נו, איז אט דיזער גרויסער מענש האט — שרעקט אייך ניט, איך וועל קיין בייזעס מעהר ניט רעדען — געזאגט צו זיך: צו וואס זאל איך קוקען אויף דער לבנה דורך א טעלעסקאפ, ווען איך קען דאס טהאן מיט דעם זעלבען ערפאלג דורך א מיקראס־קאפ? ווי איהר זעהט, איז דיזער גרויסער מענש געווען העכסט פאראדאקסאל געשטימט. אלעס האט ער געוואלט טהאן פונקט פערקעהרט פון דעם, ווי אלע מענשען טהוען עס. אבער גאט מייד נער! ווי שעהן איהר זיינט! ווי ליעב איך האב אייך! גע־דענקסט? נאך לעצטען פריהלינג האב איך דיך שוין געליעבט.

— נו, און דיזער גרויסער מענש האט איבערגעקעהרט די

רעהר פון מיקראָסקאָפּ אזוי, אַז דער אָביעקטיוו איז אויסגעקומען פון אויבען; ער האָט דערנאָך אריינגעלאָזט עטליכע טראָפּען קוועקזילבער, דורך וועלכע דער געגענשטאַנד ווערט, וואהרשיינליך, פערגרעסערט... און האָט גענומען קוקען אויף דער לבנה...

די לבנה, עס פערשטעהט זיך, שטעלט זיך איהם פאָר אין אַ מאָרנעם, פערנעבעלטען אויסזעהן. דאָס אָבער איז פאַר איהם געווען פון די קלענסטע זאכען. וואָס מאכט עס אוים! צו איז דען ניט יענער פלעק, אָן דאָרט, אייראָפּאַ? און אָט דיזע פיערעקיגקייט, איז עס דען ניט די אונצווייפעלהאַפטע אויסטראַליע?..

ווי וואונדערליך איהר לאַכט! אייערע אויגען בעקומען דאָן אַזאַ אַנגענעהמע, צאַרטע טיעפקייט. יאָ ריכטיג... אָט דיזער גרויסער, בעריהמטער מענש האָט געמאכט פאָלגענדען אויספיהר פון דיזער וואונדערבארער ערשיינונג: אויף דער לבנה זיינען ניטאָ קיין בערג, קיינע קראַטערען, און קיינע וואולקאַנען... די לבנה איז ניט מעהר, ווי אַ גלעזערנער דיסק, אין וועלכען אונזער ערד שפּיגעלט זיך אָפּ.

מאַריט האָט געלאַכט, ווי אַ קינד.

— אַך, ווי איהר מאַכט עס חוזק פון דיזע גרויסע מענשען. שוין־זשע פיהלט איהר ניט קיין שום אַכטונג צו זיי?

— אָה, וואָס אָנבעלאַנגט אַכטונג, פיהל איך זיכער קיינע ניט. איך האָב דאָך זיי געזעהען אי אין פּראַקען, אי אין נעגליזשע, און אַלע מאָל זיינען זיי גלייך לעכערליך. זיי האַלטען זיך אימער אַזוי ערנסט; אין געזעלשאַפט נעהמען זיי אָן פּאָזעס, וועלכע דערמאָנען אָן דער גאָטישער אַרכיטעקטור: זיי קריכען אַרויף אויף אַ מין פּעדעסטאַל... אַך! דאָס איז דאָך אַזוי לעכערליך.

פאַלק האָט זיך פערטראַכט.

— נור איינמאָל האָב איך געזעהען אַזאַ גרויסען מענשען, צו וועלכען איך האָב געפיהלט טיעפע אַכטונג.

— דערצעהלט מיר וועגען איהם, דערצעהלט. דאָס מוז זיין שוין גאָר אַן אינטערעסאַנטער מענש, קוים איז ער אַפילו אייך, הערר פאַלק, געפעלען געוואָרען.

— יאָ, יאָ, דאָס איז ווירקליך וואונדערבאַר. אָבער דיזער

מענש איז באמת געווען גרויס. בעגעגענט האָב איך זיך מיט איהם אין כריסטיאַנאַ. איך האָב דאָך איין מאָל פערבראַכט אַ גאַנ־צען זומער אין נאָרוועגען. ער איז געווען קליין געוואַקסען, דאַר, און אין אַלגעמיין איז ער געווען פון אונבעדייטענדען אויסזעהן... דאָס איז געווען אַ שטילער מענש, מיט גרויסע וואונדערבאַרע אויגען. אין זיינע אויגען איז ניט געווען צו בעמערקען יענעם אָפּי־ציעלען, דורכדרינגענדען פייעריל, וועלכער איז שוין אַזאַ מוז־זאַך אין די אויגען פון יעדען געוועהנליכען גדול. ניין, דער פייעריל אין זיינע אויגען האָט גיכער דערמאָנט אָן צובראָכענע פליגלען פון אַ גרויסען, מאַיעסטעטישען פויגעל. ער האָט וואונדערליך גע־שפּיעלט פיעדעל. איין מאָל האָבען מיר זעהר פיעל געטרונקען, און דערנאָך זיינען מיר אוועק צו אַ בעקאַנטען. האָרט האָט ער געשפּיעלט כמעט אין אַ פינסטערען חדר, וויל זיין עדעלע נשמה איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ טיעפען שעהמען־זיך. נאָך קיין מאָל האָב איך ניט געהערט אַזאַ לויטערע מוזיק. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זעה פאַר זיך אַ פלאַטערענדעם האַרץ, וועלכעס מען האָט נאַר וואָס ארויסגעריסען פון דער ברוסט פון אַ טויב. אין יענער מוזיק האָט זיך געהערט אַ פיינליכער שמערץ, פון וועל־כען עס האָט פערדריקט די האַרץ, און געשטיקט אין האַלז. מאַריט, מאַריט, דו ביסט דאָן געשטאַנען פאַר מיינע אויגען — דו, דו ביסט עס געווען יענער קלאַנג, וואָס האָט גערופען צום גליק, און איז פערשטאָרבען געוואָרען אין פיינליכען שמערץ...

אָה, ערלויב מיר, ערלויב מיר צו רעדען, לאָז מיך כאָטש איין מאָל אַלעס ארויסזאָגען...

— ניין, ניין, איך פערבאָט עס אַבסאָלוט; עס וועט נאָך ווידער קומען צו אַזעלכע סצענען, ווי נעכטען. איהר זיינט שרעקליך נערוועז, מען מוז דאָך אָבער זיין פערנינפטיג...

פאָלק איז געבליבען שטיל. מאַריט האָט געשלונגען די טרע־רען. לאַנג זיינען זיי געגאַנגען און געשוויגען.

— איהר האָט מיך נעכטען געבעטען צו זיין אייער פריינד, און אַלס פריינד האָב איך דאָך אייניגע רעכטע.

— זיינט איהר ווירקליך פערהייראַט?

— ניין איך האָב בלויז אַ קינד, וועלכעס איך ליעב אָהן אַ גרענעץ. צו איהם וועל איך זיך צוריקקעהרען. איך וועל איהם מיט זיך געהמען, און וועל אַוועקפאָהרען אין נאָרד־איטאַליען, און דאָרט וועל איך לעבען מיט איהם און צוליעב איהם. יאַ, דאָס איז מיין פעסטער בעשלוס. איך האָב ליעב מיין קינד ביז וואהנ־זין — איך ווייס ניט, אויב איך וואָלט נאָך ווענען אָדער נאָך וואָס געקענט אַזוי שטאַרק ליעבען.

מאַריט איז געוועזן אויפגערעגט, אָבער זי האָט געשוויגען.

— דאָס קינד איז ווירקליך אַ וואונדערבאַרעס...

און פאַלק האָט גענומען דערצעהלען דעם קינד'ס מעלות; ער האָט גערעדט מיט אַזוי פיעל ליעבע און צערטליכקייט, און צו דערזעלבער צייט האָט ער ניט פערגעסען צו מערקען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער וועלען מאַכען אויף מאַריט.

מאַריט האָט אָפּענבאַר געליטען.

— אָך, ווירקליך! איהר ווייסט נאָך ניט פון דעם. אין פאַריז בין איך איינמאָל זעהר קראַנק געווען; איך האָב זיך פער־סם'ט מיט ניקאָטין. איצט וואָלט איך שוין אודאי געוועזן אין אברהם אבינו'ס אָרעמס, ווען איך וואָלט ניט געהאַט אָרום זיך אַזאַ זאָרגזאַמע בעהאַנדלונג.

— ווער־זשע האָט עס פאַר איך געזאָרגט?

— אָט, איינע, אַ זעהר וואונדערבאַרע פריילין, אַ העכסט אינטעליגענטע, און שפּיעלט אויפ'ן ראָאַיל זעלטען גוט.

— איז זי די מוטער פון דעם קינד?

— אָה, ניין! מיט דער מוטער בעגעגען איך זיך איצט קיינ־מאָל ניט.

מאַריט האָט אויף איהם געקוקט פערוואונדערט.

— אָבער ערשט נעכטען האָט איהר דאָך מיר געזאָגט, אַז איהר קענט זיך אין קיין פאַל ניט אָפּטשעפּען פון איהר. איהר האָט געזאָגט, אַז ווי אַ „קלעק" איז זי צו אייך צוגעשטאַנען.

— האָב איך ווירקליך אַזוי געזאָגט? — פאַלק איז געוואָרען עטוואס צומישט.

— יאַ, איהר האָט אַזוי געזאָגט, און איהר האָט נאָך צוגע־

געבען, אז דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס שטעהט אויפ'ן וועג צו אונזער גליק.

פאַלק האָט זיך פערטראַכט.

— וואהרשיינליך בין איך געווען שכור. אנדערש פערשטעה איך ניט ווי אזוי איך האָב געקענט אזעלכעס זאָגען...

ער האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט אליין אויך געווען שטאַרק פערוואונדערט.

מאַריט האָט איבערגעזאָגט יעדעס וואָרט זיינס פון זיינע נעכ־טיגע רעד. פאַלק האָט עס געפאָדערט.

— יאַ, ניט אַנדערש, ווי איך בין געווען שכור. איהר מוזט קיינמאָל ניט נעהמען אין אכט מיינע רעד, ווען איך בין אין אזא צושטאַנד. איך בין אין אזעלכע מינוטען אַ זאָנדערבאַרער פער־פאַסער.

מאַריט האָט אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט פערדאַכט.

— איהר מעגט מיר הייליג גלויבען, אז אין אזעלכע מאָמענטען דערצעהל איך די משונה'דיגסטע מעשות. ניין, ניין, די מוטער פון מיין קינד איז פערשוואונדען אָהן אַ שפור נאָך זיך. איך גלויב, אז איצט איז זי אַ מאָדעל, און לעבט מיט וועלכען ניט איז קינסטלער.

דיזע ווערטער האָבען אזוי מאָדנע דערפרעהט מאַריט.

— איך האָב זיך גאָר שנעל בעפרייט פון איהר.

די פריילין וואָס איז אַרום מיר געגאַנגען אין צייט פון מיין קרענק. דאָס איז גאָר אַן אַנדערע, איהר נאָמען איז... פעריע. צוויי וואָכען איז זי געזעסען נעבען מיין בעט בייטאָג און ביינאַכט. מיינע משוגענסטע קאַפריזען האָט זי אַריבערגעטראָגען מיט דעם געדולד פון אַן ענגעל, און האָט פאָרטרעפליך גוט געשפּיעלט אויפ'ן ראָיאַל פאַר מיר... בייטאָג און ביינאַכט איז זי געווען נעבען מיר.

— שוין־זשע האָט זי געלעבט מיט אייך צוזאַמען?

פאַלק האָט געמאַכט אַ מינע, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען שטאַרק פערוואונדערט.

— וואָס איז עס פאַר אַ נייעס? אין אייראָפּא — דיזען וואָרט האָט ער בעזאָנדערס אונטערגעשטרייכט — אין אייראָפּא הערשט פאָלשטענדיגע פרייהייט אין די פערהעלטניסע צווישען מאַן און פרוי.

דאָרט ווייס מען ניט פון קיין נאַרישען אבערגלויבען, מען ווייס ניט פון די אַלע פערשימעלטע אלטמאָדישע מנהגים, וועלכע עקזיס־טירען נאָך ביז היינט ביי אונז. דאָ ביי אונז, ווי איך זעה, מעג אפילו די פריילין זיין אָפּיציעל פערלאָבט, פאר דער גאנצער וועלט, פון דעסטוועגען וועט די מוטער מיט אַלע איהרע מומעס ניט גלויבען איהר קיין איין טריט. ניין, אין איראָפּא ווייס מען ניט פון קיינע כללים, פון קיינע געבאָטען אין ליעבעס־אנגעלעגענהייטען. דאָרט איז יעדער א געזעץ פאר זיך זעלבסט.

מיין גאָט, ווי ענג, ווי אונערטרעגליך ענג דאָ איז.

אויף אַלץ איז דאָך דאָ פאַראַן געזעצע, גרענצען, הינדערניסע, און כללים. הענד און פיס זיינען דאָ ביי אַלעמען געבונדען. דאָס מעגסטו טהאָן, און דאָס טאָרסטו ניט; אָדער, ווי דאָס קומט אויס אויף אייער לשון: דאָס איז אנשטענדיג און יענעס ניט... אָדער, נאָך בעסער: דיזעס איז א י י נ ג ע פ י ה ר ט צו טהאָן, און דאָס אנדערע איז ניט איינגעפיהרט... חע, חע — ניט איינגעפיהרט!

פאָלק האָט מיט פעראַכטונג געלאַכט.

— פאר וואָס האָט איהר זיך נעכטען אזוי האסטיג ארויסגע־ריסען? צו אפשר איז דאָס אויך ניט אנשטענדיג, א קוש טהאָן א שוועסטער, אָדער א חבר'טע?

— ניין, איך קען עס ניט. איך וואָלט זיך אליין פעראַכטעט נאָך אזא זאַך. איך וואָלט אייך גלייך אין די אויגען ניט געקאָנט קוקען.

— און איהר אליין — וואָלט איהר דען געהאַט צו מיר איין ברעקעל רעספּעקט דאַן?

פאָלק האָט הויך געלאַכט.

— רעספּעקט? רעספּעקט? וואָס איז דאָס אזוינעס? צום בעדויערען ווייס איך ניט פון אזא וואָרט, און נישט פון אזא אָנ־שויאונג איבערהויפּט. איך ווייס בלויז פון פרייע פּרויען, פאר וועלכע זייער ווילען — און נור זייערער — איז זייער איינציגער געזעץ; און איך ווייס פּרויען שקלאַפינען, וואָס האָבען קיין איי־גענעם ווילען ניט, וואָס הערען זיך בלויז צו צו דעם, וואָס די וועלט הייסט זיי טהאָן. יאָ, איך קאָן פּרויען, וועלכע זיינען שטאַרק גע־

נוג צו פעראַכטען דעם המון, וואָס טראָגען אין זייערע הערצער גע־נוג שעהנהייט און קראַפט צו געהן אהין, וואוהין זייער אינסטינקט רופט זיי — און אויך אַנדערע פרויען קאָן איך, וועלכע מען קאָן קויפען און פערקויפען אויפ'ן הייראַטס־מאַרקעט, פונקט ווי אַ טשע־רעדע רינדער.

— דאָס הייסט, אַז איהר שעצט זעהר הויך די פרוי, וואָס האָט אייך געבוירען אַ זוהן, און איז דערנאָך אוועק צו אַ צווייטען.

— איך שעץ איהר ניט, ווייל איך אַנערקען איבערהויפט ניט קיינע מאָראַלע אָבשאַצונגען. זי איז געגאַנגען אהין, וואוהין איהר ליעבעס־געפיהל האָט איהר געפיהרט — און זי האָט געהאַנדעלט זעהר שעהן.

— ניין, דאָס איז מיאוס!

— הם, דאָס איז שוין ווי איינעם געפעהלט.

מאַריט איז געוועזן שטאַרק אויפגערעגט.

— און יענע מאַדאַם... ווי רופט מען איהר?

— מאַדאַם פיעריאַ.

— איז דאָך אודאי מאַדאַם פיעריאַ אויך אַ גרויסער אידעאַל פאַר אייך?

— געוויס! זי איז די אינטעליגענטסטע פרוי פון אַלע, מיט וועלכע איך האָב זיך ווען אָנגעגעגנט.

מאַריט האָט אויפגעציטערט.

— טו, וואָרום דאַן ליעבט איהר זי ניט?

— שולדיג אין דעם איז דאָס, וואָס ניט שטענדיג הענגט אָפּ געשלעכטליכע ליעבע פון דעם מאַרך. איך מעג האַלטען איינעם פאַר דעם שעהנסטען גרעאַטענסטען מענשען, דאָך איינליעבען זיך אין דיזען איינעם קאָן איך ניט.

מ—הם, אַט פאַר וואָס'ערע פרויען איהר בוקט זיך!

מאַריט האָט כמעט געוויינט:

— און איך וויים, כ'וויים, אַז אַט די מאַדאַם פיעריא אייערע איז גאָר נישט ווערטה.

פאַלק האָט מיט פעראַכטונג געצויגען מיט די אַקסלען.

— אַזוי, אַזוי... דיזע מיינונג איז אודאי ריכטיג פון דעם קאַ־

טוילישען שטאַנדפּונקט, אָדער פון דער פאַרגעשריבענער מאָראַל.

ער איז מיט אַ מאָל געוואָרען געלאַסען, קאַלט, און האָט קלאָר געגעבען צו פערשטעהן, אַז עס לוינט זיך ניט מעהר צו רעדען וועגען דעם.

מאַריט האָט שרעקליך געליטען.

איין פראַגע האָט איהר בעזאָנדערס גרויזאַם געפּייניגט.

— צו וואָס האָט איהר נעכטען אויסגעקלערט יענע גאַנצע מעשה פון דעם קינד און דער פרוי ?

— און — די מוטער הייסט עס, איז ווירקליך אַנטלאָפען פון איהר קינד ? זייט וואָהרהאַפטיג. איך האָב זיך אַזוי געמוטשעט די גאַנצע נאַכט...

— צו וואָס, אייגענטליך, ווילט איהר עס אַזוי נויטיג וויסען ?

— איך מוז עס וויסען, איך מוז !

פאַלק האָט פערוואונדערט געקוקט אויף איהר.

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט איין מאָל.

ער האָט איצט גערעדט מיט אַזאַ ערנסטען איבערצייגענדען טאָן, אַז מאַריט האָט איהם געגלויבט. זי איז איהם געווען אַזוי דאַנקבאַר דערפאַר, מיט אַ שטום געבעט האָט זי איהם געקוקט אין די אויגען, מיט געבעט פון אַ קינד, וועלכעס איז גרייט צו בעטען פערצייהונג, נור עס קען נאָך ביי זיך ניט פועל׳ן צו טהאָן עס.

פאַלק האָט קיין קוק ניט געגעבען אויף איהר. ער האָט עקשנ׳דיג געקוקט אַראָפּ.

און דערווייל זיינען זיי צוגעקומען צום טירעל פון גאָרטען.

— איהר וועט דאָך געוויס בלייבען מיט אונז צו אַבענד־ברויט. מיין פאָטער האָט געבעטען צו פערהאַלטען אייך אויף אַבענד־ברויט, און איך מוז עס טהאָן.

עס איז אָבער געווען ניט איבערצורעדען איהם. זעהר העפליך און צו דערזעלבער צייט זעהר קאַלט, האָט ער זיך ענטזאָגט פון בלייבען. ער האָט זיך גאַנץ מאַנירליך אָבגעזעגענט און איז אוועק איבער דער סטעזשקע. מאַריט האָט ענגסטליך איהם נאָכגעקוקט. מוז ער דאָך כאָטש איינמאָל זיך אומקוקען צו איהר.

פאלק אָבער איז אַלץ געגאַנגען ניט אומקוקענדיג זיך, ביז ער איז פערשוואונדען.

— גאָט מיינער, גאָט מיינער! — האָט מאריט געשלוכצט — וואָס האָב איך איהם געטהאָן?

זי איז אריין צו זיך אין צימער, האָט אָנגעצונדען א ליכטעל פאר'ן פּאָרטרעט פון דער הייליגער מוטער, און האָט אויף איהרע קניע לאַנג און היים תפלה געטהאָן.

3.

פאלק איז ניט געגאַנגען אין שטאָדט אריין. ער האָט זיך פערקערעוועט צום טייך, און טיעף פערטראַכט האָט ער געשפּרייזט לעבען ברעג טייך. געגענאיבער איז געלעגען צוואַוואָרפען דער וואלד, איינגעוויקעלט אין א שווערען בין־השמשות׳דיגען אומעט.

די שפּיגעל־גלאַטע פלאַכע פון טייך איז געווען בעלויכטען מיט דעם אָפּשיין פון עטוואָס פערטונקעלטען הימעל.

פאלק איז געבליבען שטעהן.

ווי אַזוי האָט ער געקאָנט פערגעסען אַלץ, וואָס ער האָט נעכטען גערעדט; איצט איז דאָך זיין גאַנצע געשיכטע פערוואַנדעלט געוואָרען אין א בעדויערונגס־ווערטער קאָמעדיע, א נארישע, קינדערשע קאָמעדיע; מאריט אָבער... זי האָט זיך בלינד איינגעליעבט אין איהם, קיין זאַך האָט זי ניט בעמערקט, יעדען וואָרט זיינעם האָט זי געגלויבט.

ביסלעכווייז האָט ער זיך בערוהיגט. געזעצט זיך ביים טייך און מעכאַניש געקוקט אין דער ווייטעניש. אין זיין מארך האָט זיך נעדרעהט א כאַאָס פון געדאַנקען; בלויז מינוטען־ווייז האָבען זיך דאָרט דורכגעטראָגען וועלכע ניט איז בילדער, וועלכע ניט איז אָבגעהאַקטע איינדריקע.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאַנגען אַזוי לאַנגזאַם, עפּעס ווי מיט גרוים מיה; אָן עטוואָס דערמאָנען זיך האָט ער געוואָלט, בעקלערען עטוואָס, און ביז'ן סוף דערקלערען עס האָט ער נעמוזט.

עס איז געווארען פינסטער. פון די ארומיגע דערפער האבען זיך שוין פייערלעך געזעהען. פון צייט־צו־צייט האט זיך געהערט איבער'ן שליאך א קלאפען פון רעדער, און באלד איז ווידער אלץ שטיל געבליבען. פאלק האט זיך צוגעהערט צום זשומען פון די היישערעקעס, און צום קוואקען פון די זשאבעס.

וואס אייגענטליך האט ער געוואלט? קיין פראפעסיאנעלער דאן זשואן איז ער דאך פארט ניט. ער האט נאך קיינמאל ניט פערפיהרט קיין פרוי אויסשליסליך מיט אן עגאאיסטישער אבזיכט.

זיינע געדאנקען האבען ניט געוואלט פונאנדערצופלאנטערען זיך — ווידער האט ער זיך געזעצט, און האט גענומען קוקען אין וואלד אריין, וועלכער איז אלץ מעהר פערזונקען געווארען אין א געדיכטער פינסטערניש.

איצט איז איהם געווארען עטוואס גרינגער אויפ'ן הארצען. ביסלעכווייז האט אין זיין פאנטאזיע גענומען ארויסטרעטען א פרויען־געשטאלט; אזוי גראציעז איז געווען דיזער געשטאלט. פון גרויסען יחוס האט דיזע פרוי געשטאמט. איהם האט זיך געדוכט, אז א לאנגע, שמאלע האנד איז אויסגעשטרעקט צו איהם, און אזעלכע גוטע צארטע אויגען קוקען אריין אין דער סאמע טיפעניש פון זיין זעעלע.

דאס איז געווען זיין פרוי — חע, חע, מאדאם פעריע.

ער האט איראניש א שמייכעל געטהאן, און איז באלד צוריק ערנסט געווארען.

ער האט זי געליעבט. אך, ווי ליידענשאפטליך געליעבט!

פלוצלונג האט איהם עטוואס ווי א שטאך געטהאן. חא, חא, חא — פאר זיינע אויגען איז געשטאנען יענער, צו וועמען זי האט זיך ביז איהם אבגעגעבען.

אין ווילדער אויפרעגונג איז ער אויפגעשפרונגען. א שרעקליכער וועהטאג האט איהם בעפאלען. אה, גאט, כאטש ניט צו קלערען וועגען דעם. ניין — ער וועט קיינמאל מעהר ניט קלערען וועגען דעם! שוין־זשע וועט ער זיך קיינמאל ניט בעפרייען פון דיזען שרעקליכען פיין, פון דיזע שרעקליכע עראינערונגען? איז עס דען איהר שולד, וואס זי האט איהם ניט געקאנט פריהער איי־

דער זי האָט זיך אָפּגעגעבען צו יענעם, צו דעם ערשטען? דער איג־סטינקט האָט זי אָבגענאַרט — דאָס איז געווען אַ טעות — זי האָט דאָך איהם ניט געליעבט...

ניין, ניין; — זי איז דאָך אַזוי וואונדערבאַר שעהן. אַ מאַנסבילשען קאָפּ האָט זי. קיינער קען דאָך איהם אַזוי גוט ניט פערשטעהן, ווי זי.

זי האָט זיך איהם פּלוצלונג פאַרגעשטעלט פונקט אַזעלכע, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט איהר צום ערשטען מאָל דערזעהן.

חע, חע, מיקיטאַ'ס כלה איז דאַן געווען אַ ים פון רויטען שיין — אַן אונבעשטימטער גלאַנץ אַרום די אויגען — יענע שעהנע בע־וועגונג פון איהר האַנד, און איהר עטוואָס פערשטיקטע שטימע: „איהר זיינט עס הערר פאַלק...“

יא, איך בין עס, טהייערע איזאַ, און טאַקע אויפ'ן שטעל האָב איך זיך אין דיר איינגעליעבט.

יא, ער האָט זיווירקליך געליעבט, געבענקט נאָך איהר. איהם האָט זיך אַזוי געגלוסט זיצען ביי זיך אין קאַבינעט, אין זיין גרויסען אַרם־שטוהל, און האַלטען איהר אויף זיינע קניע, פיהלען איהרע הענד אַרום זיין האַלז.

דאָך וואָרום האָט ער ניט געקאָנט פערגעסען אַן מאַריט?

אין מיטען פון זיינע גרעסטע ליעבעס־פערגעניגענס פלעגט ער בעמערקען, ווי דאָס געזיכט פון זיין פרוי בייט זיך, ווי עס ווערט פערוואַנדעלט אין אַ קליין, צאַרט פּנים'ל — אָה, דאָס איז מאַריט, מאַריט... און זיינע כוחות האָבען איהם פּלוצלונג פערלאָזען; ווי אַ פערריקטער פלעגט ער זיך איינקוקען אויף יענעם קליינעם, צאַר־טען געזיכט, און זיינע געדאַנקען האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו יענע עטליכע וואָכען, וואָס ער האָט פערבראַכט מיט מאַריט, ווען זיין מוטער האָט איהם מיט אַ יאָהר צוריק אַרויסגערופען צוליעב אַ זעהר וויכטיגען אינטערעס.

און ווידער האָט ער דערפיהלט אַ שרעקליכען בענקען נאָך יע־נער ליעבע, וועלכע האָט איהם געקאָנט ברענגען נור שמערץ; ווי פיינליך עס איז צו גאַרען נאָך אַ פרוי, וועלכע מען קען ניט קריגען. אַך, ווי גליקליך ער איז געווען מיט זיין פרוי איידער ער האָט דער־

קאַנט מאַריט. גליקליך! הם, הם... ווידער איז פאַר זיינע אויגען געשטאַנען מיקיטאַ.. איהר חתן — ער האָט אויפגעציטערט — אמת, ער איז געווען גליקליך, ער האָט איהר געליעבט, זעהר געליעבט איצט אָבער האָט זי מאַריט געשטעלט צווישען זיי, זי האָט זיי אָבגעטהיילט איינם פון דעם אַנדערען, און ער האָט איהר געמוזט פערשטיקען אין זיין הארץ יעדעם מאָל, ווען ער האָט זיך דערנעהנט צו זיין פרוי.

צו וואָס האָט ער זיך איצט צוריקגעקעהרט אהער? וואָס וויל ער פון מאַריט? ווארום נאַרט ער איהר? ווארום שפּיעלט ער דיזע גאַנצע קאָמעדיע?

אָך, ווען ער וואָלט געקאָנט דאָס אַלעס זיך אַליין קלאָר מאַכען.

איז דאָך געווען ביי איהם וועלכער ניט איז צוועק; דיזער צוועק האָט געמוזט ליגען בעהאַלטען ערגעץ אין אַ ווינקעל פון זיין נשמה אויסער דעם קרייז פון זיין לאָגישען דענקען...

צו איז עס אפשר געווען ניט מעהר, ווי אַ געשלעכטליכער גאַרען, וועלכער היט אין געהיים זיין נייעם אָפּפער? ניין, דאָס איז אונמעגליך! עס וואָלט געווען ביז עקעל געמיין צו בעשמוצען דיזע ריינע טויבען־זעעלע. ער וועט עס קיינמאָל ניט טהאָן.

אין צוויי וואָכען אַרום וועט ער זיך צוריקקעה־ען צו זיין פרוי. ער וואָלט אודאי געליטען פון שרעקליכע געוויסענסביסע, ווען איהם וואָלט געלונגען צו בעפרידיגען זיין תאוה צו מאַריט. אָך, דיזער פערפלוכטער געוויסען! צו זיצען אין פאַריז, און שטענדיג טראַכטען וועגען איהר: אָט איצט מוז זי אודאי ליגען ביי די פיס פון דעם געטליכען פּאָרטרעט, און אַ צונויפגעדרעהטע פון שמערץ בעטען ביים רבש"ע ער זאָל זיך ערבאַרמען איבער איהר. ניין, קיין איין מינוט רוה וואָלט ער ניט געהאַט, ווען ער וואָלט אַזאַ זאַך געטהאָן. ניין, דאָס וואָלט געווען שרעקליך. דעם גאַנצען לעבען צו מאַטערען זיך מיט דיזען געראַנק, מיט דיזען געשטאַלט פאַר די אויגען, מיט דיזען אייביגען שרעק און פּיין.

לאַנגזאַם איז ער געגאַנגען פערזונקען אין געדאַנקען.

עס איז שוין געווען גוט פינסטער, און איבער די לאַנקעס האָט

זיך אויפגעהויבען א נעבעל, בעלויכטען פון דער לבנה־שיין.

ער איז געבליבען שטעהן, האט געקוקט אויף דעם בעזילבער־טען ים, און האט געקלערט איבער עטוואס, געפרואווט צו דערמא־נען זיך אן עטוואס, און האט ניט געקאנט.

קיין איינציגער קלארער געדאנק אין קאפ, בלויז איין פער־פלוכטע פראגע: וואס אייגענטליך האט ער געוואלט?

און מיט א מאל האט ער דערזעהען פאר זיך מאריט. ווי שעהן זי איז געווען, ווען זי איז געזעסען אויפ'ן שטיין, און די רונדען פון איהר זומער־הוט האבען אבגעווארפען א רויטען אפשיין פון ליכט אויף איהר פנים. ווי שלאנק, ווי בויגזאם זי איז געווען.

געוויסען — חא, חא, געוויסען! גאט מיינער, בארמהער־ציגער — ווי נאריש, ווי לעכערליך איז דיזער אויבערמענש! הערר פראפעסאר ניטשע האט הפנים גאר ארויסגעלאזען פון אויג יענע אלע טראדיציאנען און קולטור, וועלכע האבען געברויכט טויזענדע יאהרהונדערטע כדי צו שאפען דעם געוויסען. חע, חע — געווים מיט'ן נארישען פערשטאנד, מיט דער הילף פון לאגיק קאן מען ביי־קומען אפילו דעם געוויסען; און דאך האט זיך עס ביז איצט קיינעם ניט איינגעגעבען. אך, ווי לעכערליך איז דיזער אויבער־מענש אהן א געוויסען.

און ווייטער האט ער געטראכט פון מאריט. איהם האט שטארק אינטערעסירט דיזע פראבלעמע. א פראבלעמע פון א צווייערליי־איגע ליעבע.

עס איז דאך געווען קלאר ווי די זון: ער האט ביידען גע־ליעבט. קיין צווייפעל אין דעם. עס איז דאך ניטא וואס צו נארען זיך. אויב ער האט געשריבען הייסע, — אה, זעהר הייסע ליעבעס־בריעף צו זיין פרוי, האט ער דאן קיין ליגען ניט געזאגט, ווייל ער האט זי ווירקליך געליעבט; און אויב ער האט אין א פאר שעה ארום פערזיכערט מאריט, אז ער ליעבט איהר, איז גאט אן עדות, אז אויך דאן האט ער קיין ליגען ניט געזאגט.

ער האט זיך הויך צולאכט.

נאר הינטער דיזען געלעכטער האט ער געפיהלט א פיינליכען שמערץ, א גיפטיגע ערביטערונג...

ער האָט האָך אַ רעכט צו ליעבען מאַריט. פאַר וואָס דען ניט? ווער קאָן דאָס איהם פערוועהרען? שוין־זשע זאָלען די נאַרישע מאָראַל־געזעצע, וועלכע דער המון האָט בעשאַפען, זיין שטאַרקער פון זיין געפיהל? און פאַר וואָס טאַקע ניט פערפיהרען איהר, ווען ער גאַרט נאָך איהר אזוי שטאַרק? ווארום זאָל זי טאַקי ניט געהערען איהם, ווי באַלד זיי ליעבען איינס דאָס אנדערע? זי ליעבט דאָך איהם. היינט טו וואָס שטעהט אויפ'ן וועג פון זיינע פערלאַנגען? אפשר מאָראַל? ער וויים ניט פון קיין אנדער קראַפט, חוץ דער קראַפט פון געפיהל — און אין יענעם געפיהל, מיט וועלכען זיין האַרץ איז איצט פול געווען, איז קיין שום געזעץ ניט געווען, וועלכער זאָל בעשרענקען זיין ווילען.

ער איז געגאַנגען איבער דער סטעזשקע לעבען בית־עלמין.

דאָרט האָבען געהיימניספול און אומעטיג גערוישט די בלעטער פון בעזילבערטע טאָפּאָלען. אויפ'ן טונקעלען פּאָן פון דער נאַכט האָבען זיך שאַרף געצייכענט ווייסע מאַרמאָרנע מצבות. איהם האָט פלוצלונג בעפאַלען אַ מאָדנער שאַרפער שרעק. דיזער געהיימניס־פאָלער בלעטער־גערויש האָט עפּעס ווי דערמאָנט אָן אַ טאַנץ פון סקעלעטען.

ווי לעבערליך דאָס איז, וואָס דיזע דומע לעגענדעס, אין וועל־כע די מענשען פערקערפּערען דעם טוידט, האָבען איצט געמאַכט אזא זאָנדערבאַרען איינדרוק אויף איהם.

זיינע נערוועז זיינען געווען שטאַרק צורודערט.

אַלע שטאַרקער האָבען זיך געפלאָנטערט זיינע געדאַנקען. ער איז געווען צו אויסגעמוטשעט. קיין איינציגען געדאַנק האָט ער ניט געקאָנט דורכקלערען לאָגיש. עה, צום טייפעל! צו וואָס, אַ שטייגער, דאַרף מען איהר, דיזער נאַרישער לאָגיק? דאָס, וואָס איז איצט פאָרגעקומען אין זיין זעעלע, דאָס, וואָס האָט פעראיינציגט זיינע געדאַנקען מיט זיינע האַנדלונגען, און אויך דאָס, וואָס איז געלעגען אויסער דעם קרייז פון זיין בעוואוסטזיין, דאָס אלעס האָט געהאַט גאָר אַן אייגענע בעזונדערע לאָגיק, וועלכע האָט זיך אויס־געלאַכט פון אלע חכמות.

ער איז פערבייגעגאַנגען דעם קלויסטער־פּאַרקען. ער איז גע־

בליבען שטעהן, און האָט גענומען קוקען אויף די הויכע, ווייסע ווענד. יא! מיט איין יאָהר צוריק איז זי ארויס פון אזא מאָנאַס־טיר. דאָרט האָט מען איהר ערצויגען — חאַ, חאַ, — ערצויגען! מען האָט געבראָכען איהר ווילען, און מיט נעצען פון מאָראַלע און רעליגיעזע רעגלען האָט מען איהר געבונדען הענד און פיס. און איצט ווערט זי פערשטיקט אין דיזען נעצען־פּלאָנטער, קיין איין פרייען טריט קאָן זי ניט מאַכען.

פאר וואָס, א שטייגער, קאָן זי ניט זאָגען צו מיר: איך ליעב דאָך דיך, טו נעהם מיך!

חאַ, חאַ — ווידער דיזע לעכערליכע לאָגיק פון דעם פער־שטאַנד.

נור ער וועט זיין דער שטאַרקערער — ער וועט ריין מאכען איהר נשמה פון אלע יענע פוסטע אבערגלויבענס, און פּראַקטישער רעליגיאָן. נור איהם וועט זי זיין אונטערטהעניג, זיין קנעכטין וועט זי זיין — אָך, ניין: גיכער וועט עס הייסען, אז ער האָט איהר פריי־געמאַכט, און אויך זיך אליין.

ווארום, איז דען אויך ער ניט געווען דער זעלבער קנעכט? א קנעכט פון זיין פרוי, פון זיין געוויסען, פון אלטע אבערגלויבענס, וועלכע קריכען איצט ארויס, ווי די ווערים נאָך א פריהלינגס־רעגען...

אָט איצט וועט מען זעהן, ווער שטאַרקער איז: ער אָדער די רעליגיאָן!

א ווילדע כוואַליע פון ענערגיע האָט ווי אויף שטיקער געריסען זיין מח.

ער איז איצט געגאַנגען האַסטיג — אלץ מיט שנעלערע שפּאַן. אהיים איז ער געקומען בעגאָסען פון שווייס.

זיין מוטער האָט געוואַרט אויף איהם.

— אָך, גוטע, טייערע מוטער, ווארום לעגט איהר זיך ניט שלאָפען?

—זעהסטו, איך שרעק מיך אלץ טאָמער'סטו פערגעסען אויס־לעשען דעם לאָמפּ; קאַרג אונגליקען טרעפען פון דעם...

— אָבער איהר קאָנט דאָך ניט, טייערע מוטער, יעדען אָבענד קומען צו מיר אין פּאַריז דעם לאָמפּ אויסלעשען.

— ליידער קאָן איך דאָס ניט, און דו ביסט אודאי גערעכט, אָבער א מוטער — איז שוין שטענדיג א מוטער...

— יא, יא... עס איז א הייליגע זאַך צו האָבען א מוטער.

פאַלק האָט איהר געקושט איןביידע הענד.

— געפינט זיך אפשר ביי אייך, מוטער, א ביסעלע קאָניאַק?

— געפינען עס קאָן מען, מיר איז אָבער זעהר אונאַנגענעהם צו געבען עס דיר. דו טרינקסט זעהר פיעל, און דיינע נערוועז זיי־נען שוין אַזוי אויך שטאַרק צורודערט.

פאַלק האָט געלאַכט.

— דאָס איז דאָך פּונקט די בעסטע רפואה. און דערצו פּי־בערט מיך א ביסעל, און אַלקאָהאָל שוואַכט דאָך אָפּ יעדעס פיבערען.

די מוטער האָט געבראַכט א פלאַש קאָניאַק. פאַלק האָט זיך מיעף פערטראַכט. ענדליך האָט ער זיך בעשלאָסען.

— איך מוז אייך עטוואָס זאָגען, מוטער. לאַנג האָב איך עס פערבאָרגען פון אייך, אָבער מיר האָט דיזעס שטאַרק געפּלאָגט... נור זאָגט מיר צו, מוטער, אז איהר וועט מיך אויסהערען רוהיג.

— זעהר רוהיג, מיין קינד.

פאַלק האָט אויסגעטרונקען א גלעזעל קאָניאַק און האָט ווידער געקושט איהר האַנד.

— אליזאַ, טהייערע מוטער, איך בין פערהייראַטהעט.

פרוי פאַלק האָט א שטיק צייט געקוקט אויף איהם ווי פער־שטיינערט. אין איהרע גרויסע, בלאָהע, גוטע אויגען איז דורכ־געלאָפען א מין שרעק.

— ניין, טייערער עריק, שפּאַס ניט מיט מיר.

— אָבער דאָס איז אמת, טייערע מוטער. איך האָב געהיי־ראַטעט, ווייל איך האָב זיך פערליעבט. דאָס איז געווען א מיידעל פון א זעהר שעהנעם יחוס, — זי האָט מיך אויך געליעבט, נו, זיי־נען מיר אוועק אין קאָורט, און מיר האָבען געשלאָסען א הייראַטהס־קאָנטראַקט.

— ווי? גאַר אָהן דער קירכע?

— נו געווים. צו וואָס נוצט א קירכע אין דיזע אנגעלעגענ־הייטען? און איהר ווייסט דאָך, מוטער, מיינע רעליגיעזע איבער־ציינונגען, — איך האָב דאָך זיי קיינמאָל ניט פערבאָרגען פון אייך. און דערצו איז נאָך מיין פרוי א ליוטעראַנקע.

— הייליגער יעזוס! א ליוטעראַנקע! טרעהרען האָבען זיך געוויזען אין דער מוטער׳ס אויגען.

פאָלק אָבער האָט זי אָנגעכאַפּט פארביידע הענד, האָט זי גע־קושט און האָט אזוי לאנג און היים געריעדט פון זיין גליק, אז די אַלטיטשקע האָט זיך ענדליך בערוהיגט.

דאָך, פאַרוואָס האָט ער איהר ביז איצט ניט דערצעהלט פון דעם?

— צו וואָס? דאָס הייראַטהען האָט דאָך פאר מיר קיין שום רעליגיעזע בעדייטונג ניט. דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי א פשוט׳ער קאָנטראַקט, וועלכען מען שליסט, כדי צו בעזאָרגען די פרוי עקאָ־נאָמיש, און כדי צו בעפרייען זי פון די שטאאַטס־אונבעקוועמליכ־קייטען...

— און לעבט ער טאַקע ווירקליך מיט דער דאָזיגער, זאָגענאַנ־טער פרוי זיינער?

— זאָגענאַנטער?

פאָלק איז געוואָרען שטאַרק בייז.

— געווים. איהר מוזט, מוטער, זיך צוגעוועהנען צו רעספּעק־טירען די שטאאַטס־אנשטאַלטען פונקט אזוי גוט ווי פון דער קירכע. און דערצו, — האָט ער צוגעזעצט, — בעט איך אייך זעהר איהר זאָלט קיינעם ניט דערצעהלען פון דעם. איך וויל ניט, עס זאָל זיך ווער אריינמישען אין מיינע פערזענליכע אנגעלעגענהייטען. איך וואָלט אייך אזא זאַך קיינמאָל ניט פערגעבען.

— מיט פערגניגען פערשפּרעך איך דיר קיינעם ניט צו דער־צעהלען וועגען דעם. איך פערשפּרעך דאָס דיר צוליעב דיינע און מיינע אינטערעסען. וואָס וואָלטען לייט געזאָגט? — אויפ׳ן גאַס וואָלט איך דאָך ניט געקענט זיך ווייזען... א ליוטעראַנקע!

— יא, יא, מאַמאַטשקע! — לייטען, אך, דיזע לייטען... און

איצט געהט שלאָפען, מוטער. מיט'ן לאָמפּ וועל איך זיין זעהר פאַר־זיכטיג. א גוטע נאכט, מוטער.

— א גוטע נאכט, קינד מיינס.

פאלק האָט זיך ווידער פערטראַכט. ער האָט זיך געזעצט. זיין מארך האָט איצט געארבייט מיט אונגעוועהנליכע קלאַרהייט. וואָס, אייגענטליך, האָט איהם אזוי געשטויסען צו מארים?

שוין־זשע איז עס ניט מעהר ווי א געשלעכטליכער גארען?

זיינען דאָך אָבער פאַראַן טויזענדע פיעל שעהנערע פרויען, וועלכע וואָלטען א סך גרינגער געוואָרען זיינע. היינט וואָס וויל ער פון מארים, פון דיזער קינד, וועלכעס איז נאָך אזוי טויב צו דער שטימע פון געשלעכט?

א קינד, וועלכעס איז נאָך טויב צו דער שטימע פון געשלעכט — יא, דאָס איז די איינציגע ריכטיגע בעצייכענונג פאַר איהר.

טו איז עס אפשר געווען אמת'ע ליעבע? אזא ליעבע, וועלכע ער פיהלט צו זיין פרוי? — אזא ליעבע, פון וועלכער ער האָט זיך דערוואוסט נאָר צו פערדאנקען זיין פרוי?

ניין, דאָס איז אונמעגליך.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן איבער'ן צימער.

ער מוז דאָך ענדליך קלאָהר מאכען פאַר זיך דיזען געפיהל.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו קלעהרען זעהר קלאָהר און לאָגיש.

נאָט מיינער! וויפיעל מאָל, א שטיינער, האָט ער שוין צו־גלידערט די זעלבע געדאנקען, און יעדען מאָל אלץ מיט נייע ארגו־מענטען, מיט מעהרערע פסיכאָלאָגישע טיעפקייטען.

אלזאָ, נאָך א מאָל פון אָנפאַנג.

ער האָט זיך פרעהליך צולאכט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין חבר פון גימנאזיע, וועלכער האָט שטענדיג אויף אלע פראגען אָנגעהויבען זיין אנטוואָרט מיט'ן וואָרט: „אָנפאנגס"... אָבער מיט דעם פלעגט זיך זיין ענטפער גע־וועהנליך ענדיגען.

וואָס פאַר נארישקייטען!

נו, און אָט דערמאָהנט ער זיך אָן יענעם מאָמענט, ווען ער

האָט צום ערשטען מאָל געזעהען מאריט... יענע זאָנדערבארע האַ־לוצינאַציע פון א שטארקען רויזען־דופט אויסגעמישט מיט נאָך עט־וואָס אונגעוויןהנליכעס, געהיימניספולעס... שנעל ווי א בליץ האָט זיך דורכגעשניטען אין זיין מח שוין א לאנג פערגעסענע עראינע־רונג. ער האָט געזעהען פאר זיך א גרויסען צימער; אין מיטען א טרונע, ארום דער טרונע ליכט, גרויסע וואקסענע ליכט. דער גאַנצער צימער איז פול מיט ווייסע דופטענדע רויזען, אז עס פערדרעהט אזש דער קאָפּ פון זייער שטארקען אראָמאַט.

און דערנאָך א לאנגע בעערדיגונגס־פּראָצעסיאָן, וועלכע בע־וועגט זיך לאנגזאם צו דער קירכע נעבען יענעם קליינעם בארג. א וואונדער־שעהנער זומער־אָבענד. אלע האלטען אין די הענד אָדער פאקלען, אָדער וואקסענע ליכט... נאָר נאָהענט לעבען פאלק'ן האָט דער ווינד פערלאָשען אימיצענ'ס ליכט. דיזעס האָט שטארק גע־צווינגען זיין אויפמערקזאמקייט. נור אַט האָט מען די טרונע ארויפ־געשטעלט אויף א קאטאפאלק. לעבען קאטאפאלק שטעהען אכט קסיאָנדזען, פערוויקעלטע אין שווארצע קליידער... און ארום דעם אלץ האָט זיך אין מעכטיגע כוואליעס געטראָגען דער זעלבער אראָ־מאט פון ווייסע רויזען.

מאריט האָט דאן גערעדט עטוואָס. זי איז אוועקגעגאנגען און צוריקגעקומען. ער האָט זיך אָבער אין קיין פאל ניט געקאָנט בע־פרייען פון דיזער גאלוצינאַציע.

און ענדליך האָט ער געמאכט א זאָנדערבארע ענטדעקונג:

בײ מאריט אין די האָר האָבען געשטעקט ווייסע רויזען.

פאלק האָט זיך פערטראכט.

זאָל עס מעגליך זיין, אז די ווייסע רויזען זיינען די אורזאכע ווארום ער גארט אזוי נאָך איהר?

וועלכע שייכות קען דאָ זיין צווישען מיין גארען און דיזער עראינערונג?

יענער אַנדערער, דער אונבעקאנטער, וועלכער איז געוועזן בע־האלטען אין איהם — האָט עס פערשטאַנען א סך בעסער. פון'ם ערשטען מאָל אָן, וואָס ער האָט איהר דערזעהן, האָט אין איהם גע־נומען טליהען א מין געשלעכטליכער איינדרוק, און דיזעס האָט שוין

ארויסגערופען אין דער לופט דעם אראמאט פון די רויזען, וואס האבען געשטעקט ביי מארים אין די האר.

אבער וואס פאר א שייכות קאן דא פארט זיין צווישען א רויזען־דופט און געשלעכטליכען גארען?

וואס פאר א שייכות קאן זיין צווישען אן איינדרוק פון פריהע קינדער־יאהרען און דעם דורשטיגען גארען פון אן ערוואקסענעם מענשען?

איך וויים ניט, כ׳וויים ניט, געעהרטעס פובליקום.

נו, און וואס געהט ווייטער?

דאס צווייטע איז נאך מערקווירדיגער: זייערע הענד האבען זיך צופעליג — און מעגליך אז ניט גאר צופעליג — בעגעגענט. דיזעס האט אין איהם ערוועקט א געפיהל ווי פון עטוואס נאקעטעס, — יא, אקוראט ווי א נאקעטער יונגפרויליכער קערפער וואלט זיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

אך, איצט האט ער שוין זיכער געוואוסט פון וואנען ביי איהם האט זיך דיזער געפיהל ענטוויקעלט. צוועלף יאהר איז ער אלט געווען, ווען ער האט זיך געבאדען מיט זיין חבר׳טע פון די זעלבע יאהרען. אין זיין שטאדט פלעגען אלע קינדער טהאן דאס זעלבע.

דאס געעהרטע, און זעהר מאראלישעס פובליקום דארף ניט שמייכלען דערביי ציניש; קיין אונאנשטענדיגעס איז אין דעם ניט געווען; דאס איז געווען בלויז די ערליכע ריינקייט און אונשולד פון יענע, וועלכע האבען נאך ניט געוואוסט פון קיין קליינליכע פער־באטענע פרוכט...

די מיידעל האט זיך פלוצלונג אנגעהויבען טרינקען, ער האט זיך א ווארף געטהאן צו איהר, איהם איז געלונגען אנצוכאפען זי פאר די האר, און צודריקענדיג איהר צו זיך, האט ער זי ארויסגע־שלעפט פון וואסער. דעמאלט האט אין איהם צום ערשטען מאל ערוואכט דער מאן.

מיט וואונדערבארער צערטליכקייט האט פאלק געטראכט וועגען יענער חבר׳טע, וועלכע איז שוין איצט געווען א מוטער פון צוויי קינדער.

מערקווירדיג, אונערקלערבאר איז, וואס נאך זיין זעהען זיך

מיט מאריט האָט ער זיך דערמאָנט אָן אזעלכע שוין לאנג־דורכ־געלעבטע, לאנג פערגעסענע איינדריקע.

אך, ריכטיג, אָן נאָך א זאַך האָט ער זיך איצט דערמאָנט — אָן א צייט, ווען ער איז געשטאנען אויף א זעהר שווערען צווישען־וועג, א צייט, ווען אין זיין הארץ האָבען ליעבע און פריינדשאפט ביטער געקעמפפט צווישען זיך.

דער חתן פון זיין איצטיגער פרוי איז געוועזן זיין בעסטער פריינד. פאלק האָט איהם ניט געוואָלט נארען. און ער האָט זיך שרעקליך געמאטערט, געדרעהט זיך אין דרייען פון וועהטאָג. ער איז אנטלאָפען, כדי ער זאָל איהר מעהר קיינמאָל ניט זעהן.

און פונקט דעמאָלט האָט ער געקראָגען דעם בריעף פון זיין מוטער, אין וועלכען זי האָט צום ערשטען מאָל דערצעהלט וועגען דער גוטער טייערער מאריט.

מאריט! מאריט! דיזער אונבעקאנטער נאָמען האָט אויף איהם דאן געמאכט א שטארקען איינדרוק. טעג־ווייז פלעגט ער טראכטען וועגען איהם. אויף זיין נשמה איז דיזער נאָמען געווען אויסגעקריצט. ווי אנגענעהמע מוזיק האָט ער געקלונגען אין זיינע אויערען, אָן אונגעוועהנליכען פאַרגעפיהל האָט ער געשאפען אין זיין הארץ.

מאריט, מאריט! דיזער נאָמען האָט איהר פאָלשטענדיג כא־ראַקטעריזירט. איהם האָט עס דערמאָנט אָן א נאַרוועגישעם בוי־מעלע, ווי עס בליהט אין פריהלינג, גאָלד ליגט אויפ׳ן קעפּעלע, פונקט ווי די וואונדערבארע נאַרוועגישע פריהלינגס־זון וואָלט זיך דאָרט געשפּיעלט.

ער האָט קיין זאַך ניט פערשטאנען. און וואָס קאָן מען דאָ איבערהויפּט פערשטעהן?

שוין־זשע האָט זיך זיין ליעבע צו מאריט געקאָנט ענטוויקלען פון א פּאָר אונבעדייטענדע איינדריקע? ניין, דאָס איז אונמעגליך! די אורזאכע פון אזא זאַך מוז ליגען בעהאַלטען א סך טיפער.

מאריט האָט געמוזט האָבען אין זיך עטוואָס, וואָס מען קען ניט בעצייכענען מיט ווערטער — וועלכעס דערגרייכט ביז די פער־בּאָרגענסטע טיעפקייטען פון זיין זעעלע.

און מיט א מאָל איז עס איהם קלאָר געוואָרען. זיכער, אזוי איז עס טאַקי: מאַריט, און זיין געבורטס־פּלאַץ איז איינס און דאָס זעלבע. א מין בריימקייט האָט זי אין זיך געהאַט, אויף איהר איז געלעגען א מין שטילע טרויעריגע פערטראַכטקייט.

אַך, זיין לעבערליכעס געבורטס־פּלאַץ! אירגענד וועלכער דום־קאָפּ וואָלט דאָך עס געקאָנט מאַהלען אין א פּאָר שטריכען!

טו פאַר־וואָס־זשע האָט זיך זיין טיפסטער געפיהל דוקא אָב־געגאָסען אין אזעלכע פּראָסטע פאָרמען? פאַר וואָס האָט ער אזוי געליעבט איהר שעהנעם קאָפּ מיט די ליכטיגע גרויסע האָר?

וואָס טהוט זיך עס מיט איהם?

איז עס ווירקליך געוועזען ליעבע?

ניין, ריכטיג, ניין! ער האָט נור זיין פרוי געליעבט, זיין וואונדערשעהנע פרוי, וועלכע איז געוועזען די נשמה פון זיין נשמה, און דאָס הארץ פון זיין הארץ...

דאַן איז עס פּשוט א געשלעכטליכער ציהענדער גאַרען.

דיזעס איז אָבער אויך זינלאָז, ווייל אזא דומער גאַרען וואָלט דאָך געקאָנט קריגען פאַר זיין בעפרידיגונג טויזענדע אנדערע פרויען...

הם...

פאַלק איז דאָך אָבער א הויך־קולטורעלער און אויסגעאיידעל־טער מענש. איהם קאָן ניט בעפרידיגען אבי וואָס פאַר א סחורה. זיין גאַרען איז א שעהמעדיגער, און אן איבערקלייבענדער...

נו, און ווייטער?

וואָס ווייטער? ווייטער דורשט איך נאָך מאַריט, איך וויל זי זאָל מיר געהערען, און דאָס וועט אזוי זיין, ווייל אזוי איז מיין ווילען.

פאַלק'ן האָט גענומען פיבערען. איהם האָט פּלוצלונג בעפאַלען א ווילדער אונרוהיגער בענקען נאָך מאַריט.

איצט ליגט זי אודאי אויפ'ן בעט, די הענד אין א צלם צו־נויפגעלעגט, און אפשר האַלטען זיי א קליינעם בילד פון דעם ער־לייזער, וועלכען ער האָט א מאָל ביי איהר געזעהען. צו מאַכען א

פערזוף אויף א הייליגער... דאס וואלט געווען שרעקליך — האט ער א טראכט געטהאן.

עס איז אלץ איינס, ער וועט טהאן דאס, וואס ער וויל, דאס, וואס ער מוז טהאן...

דיזער שרעקליכער בענקען, דיזער גארען צועסט זיין נשמה, ווי א מין ברענענדע וואונד, דאס צושטערט זיין רוה, פייניגט זיינע נערווען, און לאזט איהם ניט ארבייטען.

ער מוז עס טהאן, ער האט דארויף פאלשטענדיגעם רעכט.

נו, צו האב איך דען ניט רעכט, מיין געעהרטעם פובליקום? עס איז דאך ניטא אזא זאך, ווי גערעכטיגקייט אדער אונגערעכטיגקייט; דאס זיינען דאך נור אנשויאונגען, וואס רעגולירען די פערהעלטניסע פון שמעון'ען צו מרדכי'ן, לאמיר זאגען, נאר אויב מיר ווילען דוקא נור יא רעדען וועגען דעם, צו איך האב א רעכט אדער ניט — און רעדען וועגען דעם מוז מען, כדי צו בערוהיגען די ירושה־פאראורטהיילע, וועלכע מען רופט געוויסען — דאן וועל איך אננעהמען די פאלגענדע ארגומענטאציע:

צו אזוי אדער אזוי, דער אמת איז אבער, אז איך בין א מענש, וועלכער איז פעהיג ארייגצוזאפען אין זיך דעם לעבען, און אויסנוצען איהם נישט פערגלייכענד שטארקער, און פיעלזייטיגער פון א מיידעל, וועלכע וועט נאך אלעמען בלויז געבוירען קינדער, און האדעווען שטוב־עופות.

מיט אזא רעדע, רבותי, ווענד איך מיך צו די פילאסאפען.

צו די דאקטוירים, וויעדער, וועל איך זאגען: איך בין א מענש, וואס עקט זיך פשוט פון בענקען און גארען נאך דיזער מיידעל... און צו די יוריסטען:

— דאס איז דער איינציגער אויסוועג פאר מיין נויטיגער זעלבסט־שוץ.

נו, האב איך, הייסט עס, א פאלשטענדיג רעכט, צו האנדלען אזוי ווי איך וויל.

דערנאך וועט קומען וועלכער ניט איז איקס און וועט זאגען: איהר זיינט אן אונמאראלישער מענש.

— פאר וואס? — וועל איך פרעגען מיט'ן פריינדליכסטען טאָן אין דער וועלט.

— ווייל איהר האָט פערפיהרט אן אונשולדיג קינד.

— און מעהר גאָר ניט? — וועל איך פרעגען פערוואונדערט.

— טו הערט אויס. איך האָב איהר גאָר ניט פערפיהרט. זי האָט זיך מיר אליין אָבגעגעבען.

צו איז אייך בעקאנט, טשיקאַוועס, יענער אָרט אין נאפּאָ־ליאָנ'ס שולחן ערוך, וואו עס ווערט פערבאָטען צו זוכען די פאָ־טערס פון אונגעזעצליכע קינדער? ווייסט איהר גאָר ניט פון יענעם אויסגעצייכענטען אָנעקדאָט? נו, זיינט איהר דאָך גאָר אן אונ־געבילדעטער מענש: נאפּאליאָן איז פונקט אזוי גרויס ווי משה.

טו הערט מיט קאָפּ: די הייליגסטע ציעל פון דער נאטור איז צו שאפען לעבען. און צוליעב אזא זאך איז דאָך נויטיג דער גע־שלעכטליכער פארקעהר פון צוויי פערשיעדענע געשלעכטער. איך האָב געוואָלט ערדייכען דיזען ציעל, און דעריבער האָב איך מקיים געווען דעם הייליגסטען געבאָט, וועלכען די נאטור האָט אויף מיר ארויפגעלעגט.

דערנאָך וועט קומען אנאנדערער.

— צו אָלדע שווארץ יאָהר! — וועל איך א געשריי געבען — איך בין א י ך, איך בין עס, און דאָס אַלעס.

פאלק איז געוואָרען אלץ מעהר אויפגערעגט. אין קאָפּ האָט געהערשט א ווילדער כאאָס. עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען. די גאנצע וועלט האָט זיך צונויפגעגאָסען אין א כשוף'דיגען בין־השמשות־ליכט, פויגעלעך האָבען שוין געזונגען.

מאריט איז א טייער קינד, א וואונדערבאר קינד; אָך, איהרע אויגען; ווי זיי האָבען עס געקוקט אויף איהם, אָט מיט אונאויס־דרוקבארע ליעבע, און אָט מיט אונרוה און אנגסט.

ער האָט געפיהלט איהר האנד אויף זיינע שלייפען, געהערט ווי איהר צאַרטע שטימע האָט געשעפּטשעט מיט ליידענשאפטלי־כען ציטערען; עריק, מיין עריק, נור מיינער... געפיהלט ווי זי זיצט אויף זיינע קניע, ווי איהרע הענד כאַפּען ארום זיין האלז, און זי דריקט זיך פעסט צו זיין ברוסט.

פאלק האט געטרונקען און איז געווארען אלץ מעהר סאנטי־מענטאל.

מיט א מאל איז ער אויפגעשפרונגען.

איך קאן דיך שוין אבער גוט, דו ליגנערישע געמיינע תאוה; דו ווילסט פערדעקען דיינע בלוט־דורשטיגע שטרעבונגען מיט א פארהאנג פון סאנטימענטאליזם. ניין, ניין! איך דאנק זעהר פאר אזא היפאקריטסטווא. ווען איך טהו עטוואס, טהו איך עס מיט פאלשטענדיגען בעוואוסטזיין. איך ליעב טאקי נור מיין פרוי, און ווען איך וויל, אז אויך מאריט זאל זיין מיינע, בין איך דערמיט בשום אופן ניט פאלש צו מיין ווייב; פערקעהרט, איך געהער צו איהר נאך מעהר, ווי דאס איז ביז איצט ווען געווען.

דער הימעל האט בעלויכטען דעם צימער, ווי מיט דעם אפשיין פון א גרויסער שרפה — די שיין פון לאמפ איז געווארען אלץ טונקעלער.

פאלק האט א קוק געטהאן אין שפיעגעל.

זיין מאגערליך פנים האט ביי דיזען שיין געקראגען א מין טייפעלשען אויסדרוק. זיינע אויגען האבען געברענט, און האבען געבליצט מיט א פיבערשען גלאנץ.

ער האט זיך צוגעזעצט אויפ'ן דיוואן. ער האט זיך געפיהלט שרעקליך מיעד. לעבערליך איז, ווי גלייכגילטיג ער האט זיך פלוצלונג דערפיהלט צו דיזער נארישער מיידעל. איינפאך וואונדערבאר, דעם מינדעסטען וואונש צו קריגען זי האט ער איצט ניט געפיהלט.

יא, און מארגען וועט דאס ווידער אין גאנצען צוריקקומען. מארגען וועט אין איהם ווידער אויפברענען דער גארען. מען דארף דאך טאקי זיין ריין משוגע צו פערבלייבען אויף ווייטער אין דער זעלבער אטמאספערע, ווייטער בעגעגנען זיך מיט איהר! ניין, מען דארף איין מאל פאר אלע מאל מאכען א סוף צו דעם. פאלק איז אויפגעשפרונגען פון ארט.

מארגען, אדער איבערמארגען וועט ער זיך צוריקקעהרען אין פאריז צו זיין פרוי.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער זיצט שוין אין קופּע פון עקספּרעס־צוג.

אָט שרייט מען אויס קעלן! הייליגער יעזוס, נאָך פולע צעהן שעה! אונרוה און אונגעדולד האָבען אָנגעפילט זיין הארץ. אונענדליך ציהט זיך עס. ער וואָלט שוין ליעבער ארויסגעשפּרונ־גען פון וואגאָן, און וואָלט געלאָפען, גיכער פון אלע באהנען אין דער וועלט וואָלט ער געלאָפען... און איצט איז שוין בלויז דריי שעה ביז פאריז — צוויי שעה... ער האָט געהאלטען דעם זייגער אין האנד און געקוקט אויפ'ן ווייזער. נאָך א האלבע שעה. עס האָט איהם פערכאפּט דער אָטהעם, פינסטער געווארען אין די אויגען, און אין הארץ האָט געקלאפּט ווי מיט א האמער. און אָט קומט צו לאנגזאם דער צוג צום וואקזאל; ווי צוויי שוועלבעלעך שוועבען זיינע אויגען צווישען המון. אָט האָט ער זי דערזעהן דאָרט, אין א געלען פלאשטש... ער האָט איהר באלד דערקענט; זי לויפט נעבען די וואגאָנען און זוכט איהם אונרוהיג. זיי האָבען זיך בע־געגענט, אָנגעכאפּט זיך פאר די הענד... ער נעהמט זי ארום און דריקט איהר פעסט צו זיין ברוסט.

פאַלק האָט זיך אויפגעכאפּט.

באלד וועט ער איהר טעלעגראפירען, אז די טעג קומט ער צו־פאָהרען.

איהם האָט פּלוצלונג בעפאלען א נערוועזער שרעק. איהם האָט זיך געדוכט, אז איהם פעהלען קרעפטען פאר אזא לאנגע רייזע. ער האָט זיך געזעצט, זיינע הענד האָבען מאכטלאָז אראָבגעהאנגען. איהם האָט זיך געדוכט אז פאריז איז ערגעץ אין עק וועלט, אויף צעהנדליגע טויזענדער מייל פון דאנען.

זאָנדערבאר! ער האָט זיך אין קיין פאל ניט געקאָנט דער־מאָנען אין'ם אויסזעהן פון זיין פרוי'ס געזיכט, אין'ם געזיכט פון יענער מיידעל... גאָט מיינער, ווי אזוי האָט ער עס איהר אָנגע־רופען... ער איז געלאָפען הין און צוריק איבער'ן צימער און ניט גע־קאָנט זיך דערמאָנען אָן יענעם נאָמען. ער האָט דאָך אזוי פיעל מאָל געהערט דיזע פאמיליע, אין פארלאמענטארישע רעפּארטען געלעזען דיזען נאָמען...

נו, קוים א מאָהל!

ער האָט מיט פערלייכטערונג אַבגעזיפצט.

מאדאם פעריע... פעריע... פעריע... נאָר באלד איז ער ווידער געוואָרען זעהר אויפגערעגט; ער האָט געפיהלט א שטארקע אונ־צופרידענהייט מיט זיך.

אך, דיעזע נארישע, אידיאָטסקע קאָמעדיע! זאָגט מען שוין יאָ א ליגען דאן דארף מען כאָטש האלטען קאָפּ, און געדענקען וואָס מען האָט גערעדט.

דעם מאָהל האָט ער זיך אויסגערעדט, און מאָריט וועט שוין זיין פאָרזיכטיגער מיט איהם. און מעגליך אז ניין? יא, זיכער אזוי. זי וועט גיכער לייגען דעם קאָפּ איהרען, איידער גלויבען, אז פאלק האָט געזאָגט א ליגען.

ניין, קיין מאָהל אין לעבען נים! זי גלויבט, עס פערשטעהט זיך, אז פאלק איז דעמאָלט געוועזען שכור...

אין צימער איז שוין געוועזען גוט ליכטיג.

איצט וועט ער זיך צולעגען. זיין קאָפּ האָט געברענט, און די הענד זיינען געוועזען הייס. אך, ווען ער וואָלט איצט געהאט עט־וואָס קאלטעס אויפ'ן קאָפּ, איהרע הענד...

וועמעס הענד?

ער האָט זיך איראָניש צולאַכט.

מאָריט'ס הענד, געוויס, מאָריט'ס הענד...

אין גאָרטען האָבען הויך געזונגען פויגעלעך. ער האָט גע־עפענט דאָס פענסטער. א קאלטער שטראָם פון פרישער לופט האָט ערפרישענד געבלאָזען אויף זיין קאָפּ. אַבגעריסענע שטיקלאַך וואָלקען זיינען צוגאַנגען געוואָרען אין דער לופט — עס האָט זיך געזעהן א ווייטע גרינע לאָנקע. אין גאָרטען, וואס האָט זיך גע־צויגען פון לאָנקע האָבען בוימער געבליהט, א ברויזענדער ים פון ווייסע קווייטען האָט דאָרטען גערוישט, און אויפ'ן לאָנקע האָבען זיך געזעהן גרויסע געדיכטע בוקעטען פון געלבע ליוטיקעס.

.4

פאלק איז אויפגעשפרונגען פון בעט, וואו ער האט געהאט איינגעשלאפען אין די קליידער. די שיין פון טאג בעזאנפטיגט מיט די בוימען־בלעטער פון גארטען האט בעלויכטען זיין אויס־געמאטערט געזיכט, אויף וועלכען עס איז געלעגען אן אויסדרוק פון טיעפען, רוהיגען טרויער.

זיין מוטער האט זיך איבערגעבויגען איבער איהם אונטער־צולייגען איהם א קישען אונטער'ן קאפ.

— גאט מיינער! וואס פאר שרעקליכע חלומות עס האבען מיך געמאטערט.

— דו וועסט זיך אין גאנצען איבערפיהרען, קינד מיינס, אויב דו וועסט אזוי זיצען דורך די נעכט.

— ניין, מאמעניו, גראד היינט בין איך געשלאפען זעהר גוט. איך נויטיג זיך ניט אין פיעל שלאפען. ס'איז דא מענשען, וואס קענען שלאפען אפילו געהענדיג. איך האב אליין געקענט אזא בריעפענטרעגער און פון דעסטוועגען האט ער געלעבט ביז 90 יאהר. און אט וואס איך וועל אייך נאך זאגען, טהייערע מוטער, די טעג פאהר איך אוועק. איך מוז זיך צוריקקעהרען נאך פאריז.

פון דיעזער נייעס איז די מוטער געווארען שטארק פער־צארענט.

טו צו וואס איז ער גאר געקומען, אויב אזוי? צו וואס האט ער געמאכט אזא לאנגע רייזע, ווען אין צוויי־דריי טעג ארום וויל ער שוין פאהרען צוריק? זיין פרוי קען דאך אויף עטליכע וואכען בלייבען דארט אהן איהם אויך.

— גאט ווייס, אייב איך וועל דיך נאך אמאל זעהן פאר מיין לעבען? — האט זי געזאגט טרויעריג.

— איך וואלט זעהר געוואלט פערבלייבען דארט לייגער, איך קען אבער ניט...

אין דער מינוט האט אימעצער אנגעקלאפט אין טיהר. מאריט איז אריינגעקומען און איז שטארק צומישט געווארען. זי האט

געקושט די האַנד ביי פּאַלק'ס מוטער. פּאַלק האָט איהר געריכט זיין האַנד און האָט זיך דערביי קאַלט פערנייגט.

— זייט ניט בייז אויף מיר, מאַדאַם פּאַלק, וואָס איך בין געקומען צו אייך מיט אַזאַ פריהען וויזיט. מיין פּאַטער האָט זעהר גוטיגע געשעפטען אין שטאָדט היינט, און... און...

מאַדם פּאַלק האָט זיך אָנגעהויבען ענטשולדיגען, פאַר וואָס אין צימער איז נאָך ניט צוגעקליבען; אַז דיזער פוילענצער האָט זיך נאָר וואָס פון בעט אויפגעהויבען.

— וואָס זאָגסטו צו דעם, קינד מיינס — עריק קלייבט זיך שוין אוועקצופאָהרען פון אונז. דו מוזט איהם בעטען ער זאָל דאָ לייגנער פערבלייבען.

מאַריט האָט אויפגעציטערט.

— ווי? איהר ווילט שוין אוועקפאָהרען?

— יאַ, אונבעדינגט. מען מוז זיך נעהמען צו דער ארבייט, און דאָ קען איך קיין זאַך ניט טהאָן.

מאַריט איז געזעסען, ווי פערשטיינערט, און האָט געקוקט אויף פּאַלק'ן מיט צושראָקענע אויגען.

— און דערצו האָט עס איבערהויפּט קיין שום זין ניט לייגנער צו פערבלייבען דאָ. דאָס לעבען איז דאָ אַזוי ענג. דער מענש דרעהט זיך דאָ אימער ווי אין אַ כשוף־קרייז... זייט ניט בייז אויף מיר, מוטער, איך בין פּאָרט געוואוינט געוואָרען צו אַ ברייטען, פון קיין זאַך געצוואונגענעם ארט לעבען פון אַ גרויסער שטאָדט... דאָ אָבער פיהל איך זיך ווי געבונדען..

מאַריט איז געזעסען טיעף פערטראַכט... און מיט אמאָל זיך אויפגעהויבען.

— עס איז צייט צו געהן. איהר וועט דאָך געווים קומען צו אונז זיך זעגענען?

אָבער מאַדאַם פּאַלק האָט איהר ניט אָבגעלאָזען. זי האָט געגרייט דעם טיש און האָט געהייסען דערלאַנגען פריהשטיק.

פּאַלק איז געזעסען נעבען מאַריט, האָט פערטראַכט געקוקט אין זיין טעלער, און בלויז צייטענווייז געוואָרפען אויף איהר אויפ־מערקזאַמע בליקען.

— צו חדוש'ען זיך, ווי איהר זיינט עס אזוי עהנליך צו א מיידעל, וועלכע איך האב געקענט אין נארוועגיען, אבער נאך מעהר וואונדערבאר איז, וואס אויך אייער נאמען איז דער זעלבער ווי איהרער.

פאלק האט גערעדט אזוי טרוקען, עפעס ווי ער וואלט דא דערצעהלט א זעהר געוועהנליכען פאקט.

— זי איז געווען זעהר אן אנגענעהמע, — האט פאלק דער־צעהלט. — איהר קאפ איז געווען בעפוצט מיט א קרוין פון גאלדענע האר. עס האט אויסגעזעהן עפעס ווי די ערשטע פריהלינגס־שטראהלען פון דער נארד־זון וואלטען ארומגערינגעלט איהר קאפ.

— אבער וואָרום קוקט איהר היינט אזוי שלעכט אויס, און איהר זיינט עפעס אזוי טרויעריג. מיך וואונדערט ווירקליך, וואס דא ביי אייך וויסען גאר מענשען ניט פון פרעהליך זיין. הפנים אז אייער גלויבען פערבאט עס אייך. הפנים אז פרעהליך זיין ווערט דא גערעכענט פאר אן עבירה.

— ניין, ניין, מוטער, איהר דארפט ניט מאכען דערביי אזא ערנסטע מינע, — גלאט עס איז געקומען צו רייד, האב איך וועגען דעם א קלעהר געטהאן.

וויעדער איז געווארען שטיל.

דערנאך האט מאדאם פאלק לאנג גערעדט וועגען איהר גאט־זעליגען מאן. טרעהרען האבען זיך געוויזען אויף איהרע אויגען.

מאריט איז אויפגעשטאנען.

— איצט מוז איך געהן. אויף מיין פאטער וועל איך ניט ווארטען..

פאלק איז אויך אויפגעשטאנען.

— איך וועל אייך בעגלייטען. אלץ איינס שפאציער איך פיעל אין דער צייט.

— אויב דאס איז אייך נישט אונאנגענעהם...

זיי זיינען לאנג געגאנגען שווייגענד...

פאלק האט אנגערוקט זיין הוט אויפ'ן שטערען, די הענד נאכלעסיג אריינגעלאזט אין די קעשענעס און האט זיך עפעס ווי טיעף פערטראכט. פון צייט צו צייט האט מאריט געווארפען אויף

איהם אַ קוק בגנבה, נאָר ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער בעמערקט קיין זאַך ניט.

— ווילט איהר ווירקליך אַוועקפאָהרען? — האָט זי געפרעגט.

פאַלק האָט אַ קוק געגעבען אויף איהר מיט אַ קאַלטען, מיעדען בליק, עפּעס ווי ער וואָלט גאָר ניט פערשטאַנען, וואָס זי פרעגט.

— הא! אַוועקפאָהרען? יאָ, זיכער. וואָס בלייבט מיר דאָ צו טהאָן? מיינט ניט, אַז עס איז טאַקע אַזאַ גרויסער פערגעניגען צו מוטשען זיך דאָ נעבען אייך. יאָ, איך וועל אַוועקפאָהרען, מעגליך אַז מאָרגען... איבריגענס איז דאָך אַלץ איינס ווי איך וועל טהאָן; איך וועל טהאָן ווי מיר וועט איינפאַלען אין מיינע געדאַנקען.

מאַריט'ס אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרעהרען.

— איהר וועט עס ניט טהאָן. אויב יאָ, איז אַלץ, וואָס איהר האָט צו מיר גערעדט וועגען אייער ליעבע — אַ ליגען. אַ מענש וואָס ליעבט, קען ניט טהאָן אַזאַ זאַך.

— טו זאָגט־זשע מיר וואָס איהר ווילט פון מיר? וויל איך אייך אַ קוש געבען, — און איהר ווייסט וואָס פאַר אַ גליק דאָס וואָלט געווען פאַר מיר, — ערלויבט איהר ניט. וויל איך רעדען מיט אייך פון דעם, וואָס איז פאַר מיר וויכטיגער פאַר אַלץ אין דער וועלט, ווילט איהר מיך ניט אויסהערען, טו וואָס דען ווילט איהר? וואָס?

מאַריט האָט געוויינט.

— איהר האָט דאָך געזאָגט, אַז מען טאָר אייך ניט ליעבען, אַז איהר קענט מיר ניט ענטפערען אויף דעם.

— האָב איך אייך דאָך ערקלעהרט, וואָרום איך האָב אַזוי געזאָגט. נאָר ווען דאָס וואָלט אפילו ווירקליך אַזוי געווען, זיינט איהר דען ניט אימשטאַנד צו פערשטעהן דאָס אונגעהייער גרויס גליק פון איין מאָמענט?

מאַריט האָט געקוקט אויף איהם פערוואונדערט.

— טו וואָס דאַרף איך טהאָן פאַר אייך? וואָס ווילט איהר דען פון מיר?

— וואָס איך וויל? איך? וואָס איך וויל... און איך אַליין ווייס עס דען?

— מיך אומברענגען, אומגליקליך מאַכען מיך, און דערנאָך אוועקפאָהרען...

— אומברענגען, אונגליקליך מאַכען... הם... גליק — דאָס איז אַ מיאוסע ענגלישע ערפינדונג, ווי אבשייליך, ווי עקעלהאַפט איז דאָס זאַטע, צופרידענע גליק פון יאַנקלען אָדער טודרוס'ען, דאָס העבערע, איינציג וואַהרעס גליק בעשטעהט פון איין מאָמענט. און צוליעב דיעזען מאָמענט איז כדאי צו אָפּפערען אפילו מיט'ן גאַנצען לעבען. אייך גלוסט זיך דען אייער גאַנצען לעבען קייקלען זיך אין דער בלאָטע פון קליינליכען, וואָכעדיגען גליק? הם, וואָס איך וויל פון אייך? צוויי־דריי שעה פון גליק וויל איך, און דערנאָך — אין וועג אין ווייטען! גליק איז שעהמעדיג. עס שמוצט זיך גיך, און עס פערליערט דעם אינטערעס, אויב מען גיט זיך אָב מיט דעם צו־לאַנג.

— מוטשעט מיך ניט! איך וועל עס ניט אריבערטראָגען. ווילט איהר מיך ווירקליך אומברענגען?

— ניין, איך וויל דאָס כלל ניט. נאָר לאָמיר מעהר ניט רעדען פון דעם. עס איז זעהר נאַריש אימער צו דרעהען זיך ארום איין און דעם זעלבען געדאַנק! גענוג. מעהר וועל איך קיין איין וואָרט ניט זאָגען. איך וועל זיין גוט און לוסטיג, נאָר וויינט ניט, נאָר וויינט ניט...

פאלק האָט געפיהלט טיעפען רחמנות.

— וויינט ניט, איך וועל זיין גוט און פרעהליך, אבי וויינט ניט.. דערצעהלען אייך עטוואָס אינטערעסאַנטעס?

— יאַ, זי הערט דאָך איהם שטענדיג מיט פערגעניגען.

ער האָט געשוויגען אַ ווײלע.

— חיינט האָט זיך מיר געחלומ'ט אַ וואונדערבאַרער חלום. ווייסט איהר, ווען מיין פאָטער האָט נאָך געלעבט, האָבען מיר געהאַט אַ קליינעם מאַיאָנטעק סאַמע נעבען דעם רוסישען גרענעץ אַזוי, אַז דער רוסישער וואַך־פּונקט איז געווען אַקוראַט הינטער אונזער שפּייכלער. און איינמאָל האָט מען בעמערקט, אַז אימעצער

גנב׳עט תבואה פון פעלד. מיין פאטער איז געווען זעהר א היציגער און א שטרייגנער, מיך פלעגט ער שלאגען אהן רחמנות; מיך האט דיעזעם געווים אויף איין האר ניט אויסגעבעסערט, אבער געהאסט האב איך איהם דערפאר אט ווי גור א קינדערשע הארץ קאן האסען.

מיין פאטער האט אויפגעזוכט דעם גנב און דאס גע׳גנב׳עטע. אלע פויערען פון דארף האט מען צונויפגערופען. דעם גנב האט מען אוועקגעשטעלט פאר מיין פאטער.

— דו האסט עס גע׳גנב׳עט?

— איך! — האט יענער געענטפערט מיט עזות.

— וואס ווילסטו בעסער, זיצען אין טיורמע, אדער קריגען דרייסיג שמיץ?

ניט ענטפערענדיג קיין ווארט, האט זיך דער גנב געלעגט אויף דער ערד, און די עקזעקוציע האט זיך אנגעפאנגען.

— שלאג ווי עס דארף צו זיין, אז ניט וועסטו אליין אויך ארייןקריגען — האט מיין פאטער פערזאגט דעם קוטשער.

און דער קוטשער האט געהאקט מיט וויפיעל כח ער האט געהאט מיט א שטארקען רימענעם קנוט.

— איצט שלאג דו! — האט מיין פאטער בעפוילען דעם משוגענעם פאסטוכעל, וועמעס נארישער פנים איז דערביי צושוואר־מען געווארען אין א ברייטען שמייכעל.

שווער, זעהר שווער האט זיך די בייטש אראבגעלאזען אויפ׳ן פויער... אבער, גאט מיינער, וואס ציטערט איהר אזוי? נאכ׳ן ערש־טען שמיץ איז דער פויער אויפגעשפרונגען מיט פערשטשימעטע צייהן, באלד אבער האט ער זיך צוריק געלייגט.

די גוים, וואס זיינען געשטאנען ארום, האבען הויך געלאכט. „דער פאסטוכעל ארבייט געזונט“. יא, ער האט טאקע געהאט א היבש ביסעל כח.

נאך א קלאפ, און נאך, און נאך...

איך בין געווען אויסער זיך, צוקוקענדיג דיזען שרעקליכען בילד פון א לאך, וואו איך האב מיך בעהאלטען, בין איך שיער משוגע געווארען פון יסורים. איך האב מיט מיינע נעגעל די ערד געגראבען און פערשטאפט מיט איהר מיינע אויערען, כדי ניט צו

הערען די געשרייען. יא, קינדער זיינען דאָך אזוינע גרויסע בעל־רחמנות'ניקעס. ענדליך האָט עס גענומען אַ סוף. דער פויער האָט זיך אויפגעהויבען, נאָר באַלד איז ער צוריקגעפאַלען, ער האָט ניט געקאָנט שטעהן אויף די פיס. און דיעזע בהמות אין מענש־ליכען געשטאַלט זיינען געשטאַנען אַרום איהם און האָבען געקוואַלען..

ער איז אָבער געווען אַ מענש מיט אַ שטאַרקען ווילען. מיט די לעצטע קרעפטען האָט ער זיך נאָך אַמאָל אויפגעהויבען, און האָט זיך מיט צרות אַוועקגעשלעפּט פון הויף.

אַ צופרידענער איז מיין פאָטער אַוועק אַהיים צום פריהשטיק. כ'געדענק ער האָט דעמאָלט געגעסען פיעל און געשמאַק. מיר האָט זיך דעמאָלט אַזוי געוואָלט אַרויפוואַרפען זיך אויף איהם ווי אַ ווילדע קאַץ, און צורייסען איהם אויף שטיקער. נאָר געוויס, איך האָב עס ניט געטהאָן. און אין דער זעלבער נאַכט האָט אונזער הויז געברענט פון אַלע פיער עקען. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָב זיך אַזוי געפרעהט ווי נאָך קיינמאָל ניט אין מיין לעבען. איצט איז מיין פאָטער בעשטראָפט געוואָרען. די טויערען פון די שטאַלען זיינען געווען ברייט אָפען, דאָס פיה האָט מען צוטריבען...

נאָר אָט איז מיין מוטער אַריינגעגאַנגען אין צימער, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

מאַריט איז געזעסען אַ פערציטערטע.

— האָט דיעזעס ווירקליך פּאַסירט, אָדער איז עס בלויז גע־ווען אַ חלום?

— אַך, דאָס איז דאָך ניט וויכטיג. אינטערעסאַנט איז דאָ בלויז די אַרבייט פון אונזער שלאָפענדען בעוואוסטזיין. דער ווירק־ליכער בעוואוסטזיין האָט אַרויסגערופען מיט אויסערגעוועהנליכע שנעלקייט יענע גאַנצע ערשיינונג פונקט דאַן, ווען מיין מוטער האָט געעפענט די טהיר. און קיין וואונדערבאַרעס איז אין דעם ניטאָ. דער בעריהמטער שרייבער איפּאָליט דערצעהלט וועגען איינעם, אַז ליגענדיג אַ גע'חלש'טער ניט מעהר ווי צוויי סעקונדען, האָט ער אין דיזער צייט דורכגעלעבט איינדריקע פאַר פופציג יאָהר.

ניין, מאַריט האָט דיעזעס ניט געקענט פערשטעהן.

— עס איז גאָר ניט נויטיג איהר זאָלט עס יא פערשטעהן, איך אליין פערשטעה דאָך אויך ניט... צו דער ערשטער עראינערונג האָבען זיך צוגעטשעפעט נאָך אַנדערע איינדריקע, וואָס האָבען גע־האַט אַ שייכות דערצו, און אַלעס צוזאַמען האָט זיך צונויפגעפלאָכ־טען אין איין חלום.

מאַריט'ן האָט דיעזע ערקלעהרונג ניט בעפרידיגט. פאַלק מוז עס איהר בעסער ערקלעהרען.

— ניין, מאַריט, איהר וועט דאָך פון דעם קליגער ניט ווערען. איהר מוזט נאָר אַנערקענען, אַז די נשמה איז ווירקליך עטוואָס גאָר, גאָר אַנדערעס פון דעם, וואָס גראָבע מענשען שטעלען זיך פאָר. הערט ווייטער.

דאָס, למשל, וואָס אין מיין חלום האָט דעם פויער'ס קערפער זיך געקאָרטשעט און אונטערגעשפרונגען, נעהמט זיך וואהרשיינ־ליך פון אַן איינדרוק, וועלכען איך האָב געקראָגען גאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער געביעט. אייך איז דאָך אודאי בעקאַנט, אַז איך האָב זיך אַמאָל אָבגעגעבען מיט נאַטור־וויסענשאַפט? אין לאַבאָראַטאָ־ריע פון פיזיאָלאָגיע האָב איך צושניטען זעהר פיעל זשאַבעס און קראָליקעס. איך האָב עס געמוזט טהאָן, איך פלעג זיי אָבער פריהער גוט איינשלעפערען. נור איין מאָל האָב איך מיט שפּילקעס צוגעשפּילעט צו אַ ברעטעל ניט קיין איינגעשלעפערטע זשאַבע און האָב איהר אויפגעשניטען דעם בויך און דאָס הארץ. די זשאַבע האָט זיך אַזוי שטאַרק געקאָרטשעט און געשפּרונגען, אַז זי האָט אַזש דערלאַנגט ביז די קעפּלעך פון די שפּילקעס. דערנאָך האָב איך אויסגעשניטען איהר הארץ...

— וואָס, איהר ווילט מעהר ניט הערען? גוט, מיר וועלען רעדען פון עטוואָס אַנדערש.

אויב איך בין גרויזאַם? אין קיין פאַל ניט. עס וואָלט אָבער געווען נאַריש צו פערגלייכען מיינע געפיהלען צו די געפיהלען פון יענע גראָבע פויערען, וואָס האָבען געלאַכט צוקוקענדיג ווי מען שלאָגט איינעם פון זייערע ברידער...

זיי זיינען געגאַנגען אַ שטיקעל צייט שווייגענד. זיי זיינען אריין אין אַ קליין וועלדעל, וואָס איז געלעגען צוואָוואָרפען נעבען

ברעג טייך. דער טאָג איז געווען אַ זעהר הייסער. די גליהענדיגע מיטאָג־זוהן האָט געברענט איבער'ן וואלד, וואָס איז געלעגען צו־וואָרפען ביים צווייטען ברעג טייך. אַזוי מיעד און רוהיג איז געלעגען דער טייך. אַ מין דריקענדע שטילקייט איז געווען צוגאָסען איבער די אַרומיגע פעלדער און לאָנקעס.

— זאָלען מיר אפשר אָפּרוהען אַביסעל? שרעקט אייך ניט, איך האָב כלל ניט ברעה צו זיין פרעך אָדער איינצועסען זיך, — אָה, ניין, ניין... איך וועל מיך זעצען פאַסענד ווייט פון אייך. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן גראָז. מאַריט האָט זיך גע־זעצט אויף אַוועלכע דריי שפאַן פון איהם, אויף אַ שטיין, און האָט מעכאַניש געשפּיעלט מיט'ן שירם.

ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעזעצט.

— צו וואָס, אייגענטליך, געהט איהר אין קירכע? שוין־זשע האָט איהר ניט גענוג שטאָלץ אין זיך ניט דאָרט צו געהן וואוהין דער גראָבער המון געהט, וואו עס הערשט אזוי מעכטיג א שרעקליכער ריח פון שוויס און פון ווענינ־איבערגעקאָכטען שפּייז?...

מאַריט האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָהנט ווי אַזוי זי איז איין מאָל געפאַלען חלשות אין קירכע איבער יענער שטיקענדער לופט, ווי אַזוי מען האָט זי אַריינגעטראָגען אין ביי־שטיבעל פון דער קירכע, מען האָט צושפּיליעט איהר קלייד. יאָ, עס איז מיאוס! נאָר זי האָט געשוויגען.

— שוין־זשע פערשטעהט איהר נישט ווי עס ערנידעריגט דעם מענשען, ווען ער גיסט זיך צונויף מיט'ן ערב־רב?

— ניין, דאָס וויל איך ניט פערשטעהן; און איך וועל עס קיינמאָל ניט פערשטעהן. דער גלויבען — דאָס איז מיין איינ־ציגער רעטונגס־ווינקעל.

יאָ?... — האָט פאַלק דורכגעצויגען. נו, גוט, גוט...

פאַלק האָט איצט אויסגעזעהען זעהר מיעד. ער האָט זיך ווידער אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז און האָט האַלב פערמאַכט די אויגען.

אויף זיין געזיכט האָט אָפּגעשלאָגען די שיין פון גרינע בלע־

טער, וואָס האָט איהם געגעבען אַן אויסדרוק פון דורכגעלעבטע טיעפע שמערצען.

מאריט האָט געקוקט אויף איהם.

דאָס איז אַ געפעהרליכער מענש... זי האָט בשום אופן ניט געקענט פערטרייבען דעם געדאַנק פון דער קירכע אָנגעפילט מיט'ן ריח פון שוויים, און נאָך אַנדערע פערשיעדענע ריחות פונ'ם מענש־ליכען קערפּער... און דערצו נאָך יענע מעכאַנישע, לאַנגווייליגע צערעמאָניעס, די איינטאָניגע, איינשלעפערענדע תפילות... אַך, זי טאָר מעהר ניט טראַכטען וועגען דעם... הייליגער פאָטער, וואָס נאָך וויל ער טהאָן מיט איהר?

אויף פאַלק'ס געזיכט איז נאָך שאַרפער געוואָרען דער אויס־דרוק פון שמערץ. ער איז געוועזען זעהר בלאַס, און אַרום זיין מויל האָבען זיך געזעהען טיעפע פאַלדען.

און איהר האָט זיך איצט געוואָלט אַ וואָרף טהאָן צו איהם אויפ'ן ברוסט, און מיט אַ צערטליכער האַנד אויסגלייכען זיינע קנייטשען.

אַך, ווי שטאַרק זי וואָלט געוואָלט זעהן איהם גליקליך! ווי שטאַרק זי וואָלט געוואָלט געבען איהם כאָטש אַ ביסעלע גליק.

אין איהרע אויגען האָבען טרעהרען געפינקעלט.

— פאַלק!... — זי האָט איהם געוואָלט עטוואָס זאָגען און האָט ניט געקענט.

פאַלק איז אויפגעשפרונגען שטאַרק פערוואונדערט. און זי האָט צומישט געקוקט אַראָפּ, באַדענדיג זיך מיט די טרעהרען; איינע נאָך דער אַנדערער האָבען זיי זיך געקייקעלט איבער איהרע באַקען.

פאַלק האָט זיך צוגערוקט צו איהר.

זי האָט געוואָלט אויפשטעהן.

— דאָך, שרעקט אייך ניט אַזוי פאַר מיר, אין גאָטעס ווילען! איך פאָדער דאָך פון אייך קיין זאַך ניט. און ווען איך וואָלט איבערהויפּט עטוואָס געוואָלט פון אייך, וואָלט עס אויך געוועזען מיט'ן תנאי, אַז עס זאָל געגעבען ווערען גערן, מיט'ן גוטען ווילען. ניין, ניין, איך האָב אפילו ניט געמיינט צוצוריהרען זיך צו אייך.

איהר קענט זיין גאנץ רוהיג. פאלק האט מיט אנשטרענגונג געקוקט אין טיף אריין, און אויף דער ברענענדער מיטאג־זון, ווי זי איז געשטאנען איבער'ן וואלד.

מאריט האט וויעדער געוואלט פערפיהרען א געשפרעך.

— וואס זיינט איהר געווען אזוי בייז נעכטען?

— איך? בייז?

פאלק האט א גענעץ געטהאן.

— בייז? ס'הויבט זיך גאר ניט אן, כ'בין נאר געווען עטוואס אויפגערעגט. איך ליעב אייך און וואלט געוואלט, אז מיין ארט לעבען זאל זיין אויך אייערער, מיינע געדאנקען — אייערע. איהר אבער ליעבט גאר און אכטעט פונקט דאס, וואס איך האלט פאר נאריש און נישטיג. איך קען קיין איין ווארט ניט רעדען צו אייך פון זאכען, איבער וועלכע איך וואלט זעהר געוואלט מיט אייך רעדען. איך, א פרייער מענש, קען ניט צוזעהן רוהיג, ווי די פרוי, וועלכע איך ליעב אזוי שטארק, איז א שקלאפין צו געזעצע און רעגלען, וועלכע זיינען געשאפען צו דערשטיקען און פערצוימען די בלוט־דורשטיגע ליידענשאפטען פונ'ם המון...

און איבער אזעלכע זאכען פערליער איך אייך, — האט פאלק וויעדער גערעדט מיט אויפרעגונג. — אייער געשטאלט ווערט אבגעריבען אין מיין מארך און אין מיין הארץ. איהר טהיילט נדבות, און איך קען פאראויס זאגען, אז איהר טהוט עס דערפאר, ווייל אין אייערע קירכען־געזעצען שטעהט געשריבען: זייט גוטהערציג, כדי איהר זאלט אריין אין הימעל, — און ווען איהר בעזוכט א קראנקען, טהוט איהר עס מיט'ן געדאנק, אז איהר וועט קריגען א גרויסען שכר דערפאר. פאר אלע אייערע מצוות זאגט מען אייך צו צו בעצאהלען כפלים, און פאר אלעס וואס איהר טהוט ער־ווארטעט איהר, מען זאל אייך בעלוינען. און איהר זייט אלע דעריבער ניט מעהר ווי פראצענטניקעס. שעהמט זיך! שעהמט זיך! אפילו בלויז פאר אפדאווענען פאדערט איהר מען זאל אייך צו אזא אדער אנאנדער צייט מוחל זיין אייערע זינד... חא, חא, חא.

אין פאלק'ס געלעכטער האט זיך געהערט טיעפע פעראכטונג.

מאריט איז בלאס געווארען.

— אַט פּרואווט טהוט עטוואַס ניט דערפאַר, ווייל אייער קירכע פערשפּרעכט אייך לוין, נאָר ווייל אייער האַרץ הייסט עס אייך טהאָן. טהוט עטוואַס אָהן בעצאָהלט קריגען, אָהן פּראָצענ־טען. שפּאַנט אריבער איבער די פאָרגעשריבענע געזעצע, פער־וואַרפט דעם שענדליכען האנדעל מיט דער טוגענד, קעהרט זיך אָפּ פון דיעזע פּראָצענט־געשעפטען. זייט נאַטירליך, זייט נאָר דאָס, וואָס איהר זיינט: די וואונדערשעהנע, גוטע מאַריט... חע... חע... איהר זאָגט, אז איהר ליעבט מיך, דאָך איז גענוג איין נארישע פּאָרמולע וועגען „אונריינע ווינשע“ — אזוי רופט דאָך די קירכע אָן דעם שעהנסטען און טיעפסטען פון אַלע אינסטינק־טען — יאָ, איין פּאָרמולע אזעלכע איז גענוג צו פערשטיקען אין אייך די שטאַרקסטע און איידעלסטע געפיהלען, צו דערשטיקען די שטימע פון אייער האַרץ, אויסצולעשען דעם פייער, וואָס ברענט אין אייך. און דערנאָך וועט איהר נאָך צעהן מאָל אָבדאַווענען, אז די הייליגע מאַריע זאָל ארויסרייסען אייער נשמה פון דעם שטן׳ס נעגעל. און דאָס רופט איהר ליעבע? דאָס איז ליעבע? א ליעבע וואָס קען פערשטיקט ווערען פון א פּאָרמולאָ, פון א געבאָט, פון מורא פאַר׳ן לעבערליכען, נארישען גיהנם? — חאָ, חאָ, חאָ...

פּאָלק האָט געלאַכט אַלץ מיט מעהר פעראַכטונג.

מאַריט איז געזעסען און האָט איין גאַנצען געציטערט.

— נו, טו ענטפערט זשע! איז דאָס ליעבע? זאָגט מיר וועניגסטענס, וואָס ביי אייך הייסט ליעבע?

מאַריט האָט געשוויגען.

— נו, טו ענטפער שוין. איך וויל דיך ניט מאַטערען. איך ליעב דיך. איך ווער משוגע פון בענקען נאָך דיר. און איך וויים אז דו ליעבסט מיך, ב׳וויים...

ער האָט זיך צוגערריקט צו איהר, און האָט איהר ארומגע־נומען ביים טאַליע.

— ניין, ווי גאָט איז אייך ליעב, ניין! וואָס טהוסטו, עריק? עריק! מוטשע מיך ניט אזוי שרעקליך...

— אָך, איך ענטשולדיג מיך! איך ענטשולדיג מיך זעהר!...

צו וועלכען טייפעל האָב איך זיך אָנגעהויבען אַזוי אָפּט צו פערגעסען! נו, איבריגענס איז דאָס גאָר ניט אזוי וויכטיג. דאָס וועט זיך מעהר קיינמאָל ניט ווידערהאָלען... מיר וועלען איצט געהן? האַ? מיר דאַכט עס איז שוין מיטאָג־צייט...

פאַלק האָט אומישנע א געגעץ געטהאָן.

מאַריט איז געגאַנגען נעבען איהם אַזוי אויסגעמוטשעט, אַזוי געפּייניגט פון שרעקליכען שמערץ.

— נו, א גוטען טאָג.

פאַלק האָט איהר געגעבען די האַנד. זיי זיינען צוגעגאַנגען צום טהירעל פון גאַרטען.

מאַריט האָט אויפגעציטערט.

ער וועט ניט אַוועקפאָהרען, ניט אַוועקפאָהרען! — האָט איהר הארץ געשריען. — אַך, זאָל ער ניט אַוועקפאָהרען!

זי האָט איהם מיט אויפרעגונג אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנד.

— איהר וועט דאָך נ י ט אַוועקפאָהרען! ניין? טהוט וואָס איהר ווילט, נאָר ניט אַוועקפאָהרען, ניט אַוועקפאָהרען...

איהרע ליפּען האָבען געציטערט. איהר גאַנצער קערפּער האָט געפלאַטערט.

— פאָהרט ניט אַוועק, פאָהרט ניט! איך וועל דאָ אונטער־געהן אָהן אייך...

זי האָט זיך הויך צואַוויינט.

פאַלק האָט אויף איהר א קוק געטהאָן קאַלט און ברוגז.

— איך ווייס ניט אויף זיכער. דאָס ווענדט זיך אָן פער־שיעדענע אומשטענדען. יעדענפאַלס וועל איך זיך נאָך זעהן מיט אייך ביז'ן פאָהרען.

ער האָט זיך קאַלט געזעגענט און איז אַוועק.

.5

עס איז געווען נאַכט. אין גאַס האָט געבושעוועט א שטורם. פון צייט־צו־צייט האָט דער ווינט געוואָרפען שטראָמען רעגען אויף די פענסטער, וועלכע האָבען מיט א ליאַרם צוגאָסען איבער די שויבען.

האלב אויסגעטהאָן איז מאַריט געזעסען אויף איהר בעט. זי איז ניט געווען אין שטאַנד אראָבצונעהמען פון זיך די קליידער.

און צו וואָס? זי האָט געוואוסט, אז די נאַכט וועט זיין פונקט אַזעלכע ווי די פריהעריגע. זי וועט זיך לעגען; באלד וועט דאָס בעט אָנפאַנגען טאַנצען צוזאַמען מיט איהר, זי וועט זיך צוריק זעצען, וועט צורעכט מאַכען די קישענס, וועט זיך צושפּארען צום וואַנד, און וועט זיצען, אָנשטרענגענדיג די אויגען אין דער גע־דיכטער פינסטערניש פון צימער. דערנאָך וועט זי אויפשטעהן, וועט צושפּאַרען איהר הייסען שטערען צום קאַלטען שויב פון פענסטער, און וועט אַזוי שטעהן די גאַנצע נאַכט.

— „נו איצט איז אַלעם פערפאַלען. אַלעם אומזיסט. אַלץ מיט גרעסערען ליידען האָט זי אָהן אויפהער געמורמעלט דיזע ווערטער. דאָס קליין, רויט פייעריל, וואָס האָט געטאַנצט פאַר'ן בילד פון דער הייליגער מוטער, האָט מיט זיין געהיימניספול־בייזען שיין בעלויכטען כמעט אַ האַלבען צימער. דאָס לעמפעל איז מיט אַמאָל אומגעפאַלען, עס האָט אויפגעפלאַקערט דער בוימעל אין דעם און איבער'ן צימער האָט זיך פערשפּרייט אַ שרעקליכער טשאַד.

„די קירכע דורכגעזאַפּט מיט'ן ריח פון שוויים און פון אַנ־דערע שטיקענדע ריחות", זיינען פאַלק'ס ווערטער ווי בליצען דורכגעלאָפען אין איהרע געדאַנקען.

זי האָט אויסגעלאָשען דעם ברענענדען בוימעל. אַ שרעק־ליכע נאַכט.

אָהן אַן איינציגען געדאַנק אין קאָפּ האָט זי אָנגעשטרענגט איהר בליק אין דער שטומער פוסטקייט פון דער שוואַרצער, שטו־רעמדיגער נאַכט.

גאָט בארמהערציגער, טו וואָס פאַרט האָט ער געפאָדערט פון איהר, וואָס'ט'ער געוואָלט?

אַ שטראָם הייסע בלוט איז איהר אַריין אין געזיכט אריין.

זי האָט געהאַט אַ פאַרגעפיהל פון עטוואָס אונפערמיידליכעס, אָבער זי האָט קיין זאַך ניט פערשטאַנען. און פּלוצלונג האָט זי דער־פיהלט זיינע ציטערענדע דורשטענדע ליפּען צוגעפּרעסט צו איהרע.

ווי א ברענענדע שלאנג פון ווילדער ליידענשאפט וואלט זיך ארומ־געוויקעלט ארום איהר קערפער. פון קיין זאך האט זי ניט געקלערט. בלויז געציטערט אין גאנצען פון ניט בעפרידיגטען ליידענשאפט־ליכען גארען. זי האט צוגעפרעסט ביידע הענד צו איהרע קניע און איז געזעסען, עפעס אזוי צונויפגעקארטשעט אין גאנצען; א ברענ־ענדע, א גליהענדע האט זי זיך צוגעהערט צו יענעם אונבעקאנטען ציטער, וואס האט איצט אנגעפילט איהר הארץ מיט פערגעניגען און פורכט.

וואס קען עס זיין? דיזעס האט זיך אזוי אפט ווידערהאלט, און זי האט זיך אזוי געשראקען פאר דיזען געפיהל. אך, מיט וואס פאר אן אונבעשרענקטען, ווילדען גליק, זי וואלט זיך איהם גע־ווארפען אויפ'ן האלז, מיט איהר גאנצער גליהענדער ליידענשאפט וואלט זי עס געטהאן, — און זי וואלט אזוי געוואלט איהם קושען, קושען... און ווידער האט איהר היים בלוט צוגעפלאסען, דער קאפ האט געברענט, און אלץ האט זיך צונויפגעגאסען אין איין ווילדען קעמפעל־שטראם.

דאס איז א זינד!

א זינד! א זינד!

זי איז אויפגעשפרונגען, ציטערענדיג ווי אין פיבער, און מיט פלאטערענדע הענד האט זי גענומען זוכען שוועבעלעך. ניט געפונ־ען. האט זי זיך אין דער פינסטער אווארף געטהאן אויף די קניע פאר'ן געטליכען בילד.

זי האט זיך געוואלט פערטיעפען אין א תפלה. אונמעגליך. א פערציטערטע איז זי ווידער אויפגעשפרונגען.

זי האט קלאר געהערט זיינע שפאטישע ווערטער: „נארישע פארמולען!"

ניין! אין איהר זעלבסט האט עטוואס געמוזט אבלאכען; פאלק, פאלק...

„אלצדינג טהוט איהר פאר געצאהלט, וועלכעס איהר האפט צו קריגען מיט פראצענט אויפ'ן הימעל!"

—א, גאט מיינער, גאט מיינער! האט זי זיך צוואויינט.

און פלוצלונג האט זיך איהר אויסגעדוכט, אז עס איז דא עט־

וואָס, וועלכעס לאָזט איהר ניט מתפלל זיין ; האָט זי זיך נאָך מיט מעהר היץ אַ וואָרף געטהאָן אויף די קניע, זוכענדיג ווערטער ; צו־זאמען מיט אַ פערבלומיגטען שטיק האַרץ האָט זיך איהר געוואָלט אַרויסרייסען פון איהר ברוסט הייסע געבעט־ווערטער.

אָבער קיין איינציגעס וואָרט האָט זי ניט געפונען. די הייליגע מוטער האָט איהר פערלאָזען.

אַ זינד ! אַ זינד ! — האָט געזשומעט, געקלאַפּט, און געשטורעמט אין איהר אויסגעמוטשעטען מאַרך.

פאַר וואָס שטראָפּט איהר גאָט אַזוי ? פאַר וואָס ? פאַר וואָס ?

יעדעס וואָרט, וואָס פּאָלק האָט איהר געזאָגט, האָט איצט אַזוי בולט אויפגעלעבט אין איהר מאַרך.

האָפנונגסלאָזער צווייפעל האָט פערשלונגען איהרע לעצטע קרעפטען.

און ער האָט געזאָגט, אַז איך ליעב איהם ניט ! אַז געזעצע און געבאָטען זיינען ביי מיר שטאַרקער פון מיין ליעבע צו איהם. אָ, ניין ! ניין ! טויזענד מאָל ניין ! מאָרגען, מאָרגען וועט ער זעהן ווי שטאַרק איך ליעב איהם ! אַליין וועל איך זיך איהם אויפ׳ן האַלז וואַרפען ! איך וויל איהם ליעבען, און וועל איהם ליעבען. מעג מיך דערפאַר גאָט אַריינשליידערען אין סאַמע טיפענעש פון גהינום, וועל איך איהם פאָרט ליעבען. זי איז אויפגעשפרונגען און האָט זיך צוגעשפּאַרט צום פענסטער.

זי האָט געפּרואווט קלערען.

און אין גאָרטען האָט געבושעוועט דער ווינד, ברעכענדיג צווייגען און שטעקלעך פון בוימער.

ווידער האָט זי געפיהלט, ווי זיינע הענד נעהמען אַרום איהר האַלז, — זי האָט זיך ניט געוועהרט, אין גאַנצען אָבגעגעבען זיך דיזען אונגעוועהנליכען גליק.

זי האָט אַריינגעצויגען אין זיך דיזען גיפטיגען גענוס, הענגענדיג מאַכטלאָז אין זיינע אַרעמס...

ניין ! ניין ! ניין !

געפונען, ענדליך, די שוועבעלעך.

אנגעצונדען א ליכט. א ציטערענדע שיין איז געפאלען אויפ'ן וויזאנטיעשען בילד פון דער הייליגער מוטער.

מארים האט זיך שטארק דערשראקען, ניט געקאנט ריהרען זיך פון ארט.

זי האט געקוקט אויפ'ן בילד אלץ מיט וואקסענדען שרעק. אין איהר צוהיצטער פאנטאזיע האט זיך איהר פארגעשטעלט, אז דאס געזיכט פון דער הייליגער יונג־פרוי איז אויסגעקרימט מיט גיפטיגען געלעכטער, דערנאך מיט גרויזאמען שמערץ, און צולעצט איז עס פערקיהלט געווארען אין א טרוקענעם שטרענגען אויסדרוק.

זי האט געוואלט א ווארף טהאן זיך אויף דער ערד און ניט געקאנט. ווי איינגעגראבען איז זי געשטאנען. שרעק האט איהר הארץ פערפרעסט, דעם אטהעם אין איהר ברוסט פערהאלטען.

נור אט זיינען די ליפען פון דער הייליגער יונגפרוי בעלויכטען געווארען פון א גוטען זאנפטען שמייכעל.

אונטער'ן בעט האט עטוואס א סקריפע געטהאן.

מיט שרעק איז זי אפגעשפרונגען. זי האט ניט געוואגט דעם אטהעם ארויסצולאזען.

אך, נארישקייט! דאס האבען די לאדען פון פענסטער גע־סקריפעט.

זי האט געוואלט לויפען, לויפען. דאס גאנצע הויז איז פול גייסטער. א פלאטערענדע האט זי זיך צוגעהערט צו דיזער אונ־בעשרענקטער שטילקייט.

שטי—יל.

גאט, ווי שרעקליך דאס אלעס איז! לויפען, אך, לויפען, — צו איהם, צו איהם... ניין!...

זיי מתפלל! בעט! — האט עטוואס געשריגען אין איהר.

ניין! זי קאן מעהר ניט גאט בעטען. עטוואס האט איהר גע־צוואונגען אראבצולאזען די הענד, וואס זיינען געווען צונויפגעלעגט פאר א תפלה, דער געדאנק וועגען דער קירכע, דורכגעזאפט מיט שוויס און נאך אזעלכע ריחות, האט איהר געהויבען פון איהרע קניע.

אך, ווי אונגליקליך זי איז געווען! און ער האט עס זי גע־

בראכט דערצו — ניין ! ניין ! ניט ער. ער אליין איז דאך ניט ווענינער אונגליקליך און אויסגעמוטשעט. טו וואס טהוט מען, וואס טהוט מען ? אלע האבען זי פערלאזען.

זי האט זיך א ווארף געטהאן אויפ'ן בעט און זיך איינגעגראבען מיט'ן געזיכט אין די קישענס. הויכע שלוכצען האבען איהר געשטיקט.

דערנאך האט זי זיך בערוהיגט.

ער איז דאך אזא גוטער. הייס, איבערצייגענד וועט זי איהם בעטען, אז ער זאל פון איהר קיין זאך ניט פאדערען. ווען ער זאל נאר וועלען בלייבען מיט איהר און רעדען צו איהר אזוי, ווי נור ער אליין קאן רעדען. ניין, ער וועט אוועקפאהרען, נאך מארגען וועט ער אוועקפאהרען !

זי איז אומגעלאפען הין און צוריק איבער'ן צימער.

און אפשר איז ער שוין איצט אוועקגעפאהרען ? ! זי איז צוגעפאלען צו דער ערד און ווידער האט זיך אין איהר ברוסט אויפגעהויבען א שטורם פון שלוכצען.

ניין, ניין, דאס איז אונמעגליך — ער איז אזא גוטער, ער וועט ניט אוועקפאהרען פון מיר.

— עריק, עריק ! — האט זי געוויינט — איך בין דיינע, איך וועל אלץ טהאן, נור בלייב מיט מיר.

זי האט זיך צוגעהערט צו איהר אייגענעם שלוכצען.

נור איהר אונרוהיגקייט איז אלץ געוואקסען, געברויזט. זי איז ניט געווען אין שטאנד אריבערצוטראגען לענגער דיזען פיין... א, גאט, דיזע עקעלהאפטע שרעקליכע שאטענס, דיזע העלישע מיאוסקייטען אויף די ווענד, דיזער שטרענגער אונבע'רחמנות'דיגער פנים פון דער הייליגער מוטער !

לויפען ! לויפען !

אין פיבערהאפטער איילעניש האט זי זיך אנגעטהאן און ארויסגעלאפען אין פארק. דער קאלטער ווינד האט איהר עטוואס ערפרישט. און אין איהר הארץ האט פלוצלונג גענומען הערשען אזא שטילקייט און אזא רוהיגקייט. זי האט שוין איצט פון קיין זאך ניט געקלערט.

זי איז געגאנגען איבער דער לאנגער טאפאלען אלעע, די קעלט האט אלץ מעהר זי דורכגענומען און דער רעגען האט דורכגעווייקט איהרע קליידער ביז'ן לעצטען פאדים.

זי איז צוריק אין צימער אריינגעגאנגען, האט זיך אויסגעטהאן און געלייגט זיך אין בעט, אזוי צובראכען, אזוי מיעד.

זי האט שוין אנגעהויבען דרעמלען, און מיט א מאל — אט זעהט זי פאלק'ס געזיכט, ער קוקט אויף איהר שפאטיש, ער לאכט טייפליש; מיט די אויגען פון א וואמפיר האט ער זיך איינגעצויגען אין איהר נשמה און האט דערגרייכט ביז'ן סאמע גרונט איהרען.

זי האט געקוקט אויף איהם מיט שרעק. אין דעם מאמענט האט זיך איהר געוואלט פערשווינדען דורך דער ערד. אן אונער־טרעגליכע משא האט געפרעסט איהר הארץ.

צונויפזאמלענדיג די לעצטע קרעפטען, איז זי אויפגעשפרונ־גען. פאלק'ס געזיכט איז פערשוואונדען, און נאר א מין העלישער געלעכטער האט געקלונגען אין דער שטילקייט פון נאכט.

שווער אטהעמענדיג האט זי זיך צוגעזעצט אויפ'ן בעט.

צו זיך זעלבסט האט זי זיך צוגעהערט. זי האט אין זיך גע־שפירט „עטוואס“, וועלכעס האט זיך געריסען רעדען, פערהיטען עטוואס.

און דיזער געפיהל האט זיך געהויבען אלץ העכער: אט איצט, איצט וועט זי דערגעהן די שרעקליכע געהיימנים. זי וועט אריינ־קוקען אין דער פערבארגענסטער טיפעניש פון פאלק'ס נשמה. אלס אזעלכען ווי איצט האט זי איהם נאך קיינמאל ניט געזעהן.

אין איהר מארך איז אלעס געווארען קלאהרער. מיט גרויס אונרוהיגקייט האט זי זיך צוגעהערט צו איהר טיעף פערבארגענעם צווייפעל — וואס, אויב אלץ וואס ער זאגט, איז ליגען, ליגען?

ער? ניין! קיינמאל ניט! ער לייגט ניט! טו וואס דען, וואס דען איז עס?

זי האט געפיהלט, אז איהרע כוחות לאזען זיך אויס, זי איז אזוי שרעקליך מיעד. זי איז געלעגען און געקוקט אין דער פינסטערער שטומער פוסטקייט.

אין גארטען איז שטילער געווארען. דער ווינט האט אויפגע־

הערט פייפען און וואיען, און אויפ'ן ליעבליכען געזיכט פון דער הייליגער יונגפרוי האט געלויכט א שטילער צערטליכער שמייכעל.

אין איהר מח האט זיך אלעס גענומען פלאָנטערען... פאר איהרע אויגען איז געלעגען צוואווארפען א ברייטע פרייע לאַנקע, פון ווייטענס האט זיך פאלק דערנעהענט צו איהר — און זי איז איהם געלאפען אנטקעגען וויפיעל כח זי האט געהאט... איצט איז ער געווען אזא גוטער, אזא אונענדליך גוטער...

.6

עס איז געווען א וואונדערליך־שעהנער פריהמאָרגען. איבער פעלדער און לאַנקעס איז אויפגעגאנגען די זון, אבשפיגלענדיג זיך ווי אין בלישטשענדע בריליאנטענע טוי־טראָפען. פערנאנגעריסענע שטיקלאך כמארע האבען אין לייכטע וואָלקענדלעך געשוועבט פון אויבען.

מאריט איז געגאנגען אין קירכע צו דער מאָרגענס גאָט־דיענסט. זי איז געווען שרעקליך בלייך; נור אויף איהר מיעד, טרויעריג קינדיש געזיכט איז געלעגען א שטעמפעל פון שטילער, הייליגער רוהיגקייט.

זי איז געגאנגען לאנגזאם, פערטראכט, זי האט אין איהרע געדאנקען תפלה געטהאָן צום הייליגען גייסט.

ווען מאריט איז צוגעקומען צום קלויסטער, האבען שוין די גלאָקען אנגעהויבען קלינגען, דער גייסטליכער האט שוין זיין עבודה אנגעהויבען אין דער זייטיגער אבטהיילונג פון דער קירכע. מאריט האט זיך אראָבגעלאָזען אויף די קניע פאר'ן גרויסען עמוד און האט היים געבעטען צום רבש"ע. נאָהענט נעבען איהר איז אין ודוי־צימעריל געזעסען א יונגער גלח און האט געוואָרפען אויף איהר נייגעריגע בליקען.

נאָכ'ן לאנגען מתפלל זיין האט זיך מאריט אויפגעהויבען און איז אריינגעגאנגען אין ודוי צימעריל.

לאנג האט זי זיך מתודה געווען.

מיט א מאָל האט זיך מאריט אויפגעהויבען און מיט שנעלע

נערוועזע שפאַן איז זי דורכגעגאַנגען דורך דער גאַנצער קירכע. זי האָט זיך אוועקגעזעצט ווייט אין אַווינקעל, פערדעקט מיטביידע הענד איהר געזיכט און ביטער געוויינט.

וואָס פאַר אַ גראָבער מענש! צו פרעגען איהר וועגען אַזעלכע זאַכען! זי האָט אפילו קלערען פון דעם ניט געקאָנט. ביי איהר אין קאָפּ האָט זיך אַלעס געפּלאָנטערט. ניין, דאָס איז אונמעגליך. ווי קאָן עס גאָט'ס דיענער גאָר שטעלען אַזעלכע פראַגען?!

אַ שטאַרקער רויטקייט האָט פערגאָסען איהר געזיכט.

גראָבער פויער! געוויס, ער איז פויער! האָט דאָך איהר עריק געזאָגט, אַז אַלע שטאַמען זיי פון פויערים...

אָבער מענשען זיינען דאָך אַלע זינדיג; דער גלח האָט דאָך אויך געמעגט בעגעהן אַ פעהלער. וואַהרשיינליך איז ער ניט איבע־ריג קלוג...

דאָך טיעף אין הארצען האָט מאַריט געליטען פון בעליידיגונג און פון שאַנדע. זי האָט געוויינט. ערנידעריגט און בעליידיגט האָט זי זיך געפיהלט. ניט גאָט, און ניט די הייליגע יונגפרוי, און ניט דער גייסטליכער, — קיינער, קיינער האָט איהר ניט געוואָלט העלפען. אַלע האָבען איהר פערלאָזען! גאָט, גרויסער אַלמעכטי־גער גאָט! וואָס פאַר אַן אונגליק!

דער קירכען־שמש האָט געקלונגען דריי מאָל. ניין, זי וועט זיך היינט מעהר ניט מתודה זיין, — זי וויל עס ניט מעהר זי קאָן ניט... זי האָט זיך אומגעקוקט צומישט.

דאָס איז דאָך די קירכע. אָך, דיזע קירכע, וואָס איז דורכ־געזאַפּט מיט'ן ריח פון שוויים און נאָך אַנדערע שלעכטע ריחות! יאָ, פאַלק האָט רעכט: קיינער איז ניט אימשטאַנד אַריבערצוטראָ־גען דיזען ריח...

מאַריט איז אַרויסגעגאַנגען פון קירכע.

אפשר זאָל זי איצט אַריבערגעהן צו מאַדאַם פאַלק? ניין, אונמעגליך. ווי קלאָר מאַריט האָט געזעהען פאַר זיך דער מוטער'ס דורכדרינגענדע, פרעגענדע אויגען, וואָס ווענדען זיך אָן צו פאַלק'ען און אָט צו איהר.

און עריק וועט היינט זיכער קומען. איצט וועט זי איהם גערן

אויסהערען. ער האָט קיין זאַך ניט איבערטריבען. די גייסטליכע — זיי זיינעןווירקליך אמת'ע פּויערים. אין סעמינאַריע געהען זיי נור דערפאַר, וואָס דאָס וועט זיי געבען אַ גרינגערע פּרנסה... חאַ, חאַ, חאַ... — האָט זי זיך צולאַכט מיט פאַלק'ס גיפטיגען געלעכטער.

זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן אַלץ וואָס פאַלק האָט איהר מיט אַ יאָהר צוריק דערצעהלט וועגען די גלחים. ביי איהם איז געווען אַ קרובה, וועלכע האָט געהאַט זיעבען קינדער מיט אַן אַל־טער מומער. איהר מאַן, אַ ציגעל־פּלאַסטערער, איז איינמאָל, ביי דער אַרבייט, אַראָבגעפאַלען פון אַ לייטער און איז דער'הרג'עט גע־וואָרען. דאָס האָט געטראָפען נאָך דאַן, ווען עריק האָט זיך גע־לערענט אין גימנאַזיע.

— נו, — מאַריט האָט קלאָר געהערט פאַלק'ס שטימע, — בין איך אַריינגעגאַנגען אין זייער אָרימען צימעריל; ניט ווייל מיר האָט זיך געוואָלט אַ קוק טהאָן אויפ'ן טויטען; ניין, דיזעס איז זעהר אונאַנגענעהם. איך האָב געזאָגט דער אלמנה, זי זאָל אַרי־בערגעהן צום גלח, און דערצעהלען איהם איהר לאַגע, דאַן וועט ער אָהן געלד צו קבורה ברענגען דעם טוידטען. יאָ. נו, און זי געהט צום גלח. און דער גלח — ווי מיינט איהר, וואָס האָט ער איהר גע־ענטפערט? מאַריט האָט דעמאָלט ניט געוואָלט גלויבען, איצט אָבער איז זי זיכער, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען. עריק וועט קיין ליגען ניט זאָגען.

הינטער'ן קירכע האָט זיך געצויגען אַ שמאָלינקער טייכעלע, איבער וועלכען עס איז געווען אַריבערגעוואָרפען אַ האַלב־צובראָכען בריקעל.

מאַריט איז געבליבען שטעהן אויפ'ן בריקעל און האָט געקוקט אויפ'ן לאַנגזאַם פליסענדען וואַסער.

טו וואָס האָט דער גלח געענטפערט? ווידער האָט זי קלאָר געהערט פאַלק'ס שפּאָטענדע שטימע: „אויב דו וועסט בעצאָהלען דריי טאַלער, וועל איך איהם מקבר זיין — אויב ניט, קאָנסטו זיך בעגעהן אָהן אַ גלח, עס וועט דיך קאָסטען אַ סך ביליגער.“

אַ ציטער פון עקעל איז פּלוצלונג בעפאַלען מאַריט.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ודוי צימעריל.

זי איז מעכאניש געגאנגען ווייטער.

אך, ווען זי וואָלט איהם איצט פּלוצלונג בעגעגענט אויפ'ן וועג! ער מאכט דאך אָפט אזעלכע ווייטע שפּאַצירען. ווען זי וואָלט איהם איצט, שוין, אנגעגענט! איהר הארץ האָט געקלאפּט מיט אזא קראפט, אקוראט ווי עס וואָלט געוואָלט ארויסשפּרינגען פון איהר ברוסט.

איצט וואָלט ער איהר אַלעס, אַלעס געמעגט זאָגען, און זי וואָלט געהערט און וואָלט מיט אַלעס געווען איינשטימיג...

און זי האָט געווארט, א גאנצען מאָג געווארט, אָבער אומזיסט. פאלק איז ניט געקומען.

אפשר הונדערט מאָל איז זי ארומגעגאנגען ארום דעם גאנ־צען גאָרטען, ארויסגעקוקט אויפ'ן שליאך, וואָס פיהרט צום שטאָדט, און ניט געזעהן איהם. פון צייט צו צייט האָט זיך אויפגעהויבען א וואָלקען פון שטויב, — צוגעקומען אַלץ נעהענטער — און מיט א מאָל האָט זיך פון דאָרט בעוויזען א וועגעלע פון עפּעס אן אָרי־מען קליינעם ערד־בעזיצער.

מאָרגען וועט ער קומען, האָט זי געקלערט, אראָפּנעהמענדיג פון זיך לאנגזאם די קליידער. דעם לאָמפּ האָט זי ניט אָנגעצונדען, ווייל זי האָט מורא געהאט א קוק טהאָן אויפ'ן בילד פון דער הייליגער יונגפרוי; זי האָט ניט געוואָלט, ניט געקאָנט קוקען אויף דיזען בילד...

אונרוהיג, צומישט איז זי געבליבען שטעהן פאר איהר בעט.

בעטען צו גאָט?

און ווידער א מאָל געפרעגט: בעטען?

— „דער נאַרישער שטרעבען צו א קינדערש־איינגערעדטעם גליק אויף יענער וועלט" — האָט אימיצענס שטימע געלאכט אין איהר זעעלע.

מעגליך, אז דער אלמעכטיגער, אַלעס־זעהענדער גאָט וועט זי פאר אזא זאך דערהרג'ענען אויפ'ן אָרט.

און זי האָט געווארט אין אָנגעשטרענגטען שרעק.

ניין! גאָר ניט...

דער זייגער האָט געשלאָגען און האָט אונטערבראָכען די טיפע

שטילקייט. זי האָט זיך געפיהלט שרעקליך מיעד און האָט גע־וואָלט שלאָפען. דער מארך האָט זיך ענטזאגט צו ארבייטען. בלויז איינמאָל האָט מעכטיג אָבגעקלונגען אין איהרע געדאנקען די שרעק־ליכע פראגע: וועט ער קומען מאָרגען אָדער ניט? און טאָמער איז ער שוין אוועקגעפאָהרען? ניין! ניין! זי איז געווען זיכער, זי האָט געוואוסט, אז ער איז ניט אוועקגעפאָהרען. איצט, ווען זי געהערט אין גאנצען איהם, נור איהם, איצט האָט ער ניט געקאָנט אוועקפאָהרען.

מאָדנע איז וואָס זי האָט מיט אזא זיכערהייט געקלערט וועגען דעם...

זי האָט אָבער אויך דעם צווייטען טאָג געוואַרט אויף איהם אומזיסט. געוואַרט אויף איהם אזא שרעקליך לאנגען, שווערען טאָג...

נאָך לאנג וועט זי עס זיין אימשטאנד אריבערצוטראָגען די־זען פיין, וואָס שטייגט אריבער אלע איהרע קרעפטען?!

ניט ווילענדיג האָט זי אויף זיך א קוק געגעבען אין שפּיעגעל.

איהר פּנים איז געוואָרען שרעקליך מאגער. די אויגען זיינען רויט געווען פון שלאָפלאָזע נעכט, מיט בלויע רינגען ארום זיי. אויף די באקען האָט געברענט א העלע שווינדזוכט פארב.

איהר האָט בעפאלען א געפיהל פון רחמנות צו זיך זעלבסט.

ווי אזוי האָט ער געקאָנט פייניגען איהר אזוי שרעקליך? פאר וואָס האָט ער זיך אָן איהר נוקם געווען? פאר וואָס? פאר וואָס? און זי האָט אויסגעזעהן ביי זיך זעלבסט ווי אָן אונשולדיג בעשטראָפטעס קינד. ווי פערפלאָנטערט אלע איהרע געדאנקען זיינען.

וואָס טהוט זיך עס מיט איהר? אָט הערט זיך דאָך קלאָר פאלק'ס ווערטער, זיינע אָבגעהאקטע פראזען, — אין א מין שרעק־ליכער, שטארקער נעץ איז זי ארייַנגעפאלען. אך, ניין, ניט קיין נעץ, דאָס איז פשוט אָן אייזערנער שטייגעל, פון וואַנען זי איז ניט אים שטאנד ארויסצורייסען זיך. גרויסער גאָט — וואָס טהוט זיך דאָ מיט איהר?

זי האָט זיך געוועָרט מיט אלע קרעפטען, געבאָרעט זיך, אָבער

פאלק'ס ווילדע, אלעס צועסענדע געדאנקען האבען זי פאלשטענדיג בעהערשט.

און איהר האט זיך גערדאכט, אז אלעס הייליגעס שטעהט איצט בעריסען ביז פאלקאמע נאקעטקייט — אך, דיזע מיאוס'ע עקעל־האפטע נאקעטקייט...

און נעכטען אין קירכע האט פון אונטער דער מאסקע ביי יע־נעם גלח, גאט'ס דיענער, ארויסגעקוקט פלוצלונג די גראבע נייגע־ריגקייט פון א פויער... און איצט — וואס איז מיט איהר איצט — א, הימעלשע גייסטער!

זי האט ניט געוואלט קוקען אהין, און דאך איז איהר בליק אונווילענדיג געפאלען אין יענעם זייט...

אבער וואס פארט האט געטראפען? דער אויסדרוק פון היי־ליגקייט, די אונערדישע גוטסקייט איז אין גאנצען פערשוואונדען פון דער הייליגער מוטער'ס געזיכט, בלויז א שפאטישען שמייכעל האט זי דארט איצט געזעהן.

וואס פאר א לעכערליכער בילד!

לאנג איז זי אזוי געזעסען דעם קאפ נידעריג אראבגעלאזען...

יא, יא, — די גאנצע וועלט האט איהר פערלאזען — און ער אויך!

עס איז שוין געווען אבענד, ווען זי איז אריינגעקומען אין עס־צימער.

— הער אוים, מאריט — האט זיך דער פאטער געווענדעט צו איהר — איך מוז אוועקפאהרען צו דיין מוטער. איהר געזונד איז איצט פיעל ערגער. נו, געוויס קיין געפאהר איז דארט ניטא, דאך, בין איך זעהר אונרוהיג. מארגען ביינאכט פאהר איך ארוים.

און בעת ער האט גערעדט צו איהר, האט ער מיט כונה בע־שמירט זיין שטיק ברויט מיט פוטער.

איהר מוטער! איהר מוטער! אין דעם האט מאריט אין גאנצען פערגעסען. צו אלעס איז זי איצט געווען גלייכגילטיג. עפעס ווי א שטומער, בייזער וואלקען איז געהאנגען איבער איהר קאפ; באלד, באלד, וועט דיזער וואלקען צוריסען ווערען, און אונגליקען וועלען ווי האגעל זיך שיטען אויף איהר.

— דער לאנדראטה (קאנסול) האט אונז איינגעלאדען אויף מארגען צו זיך — האט דער אלטער ווידער מיטגעטהיילט.

מאריט האט פרעהליך אויפגעציטערט.

דארט וועט איך פאלק זיכער זיין. ענדליך, ענדליך וועט זי איהם זעהן. ער איז דאך מיט'ן לאנדראטה אין פריינדליכע בע־ציהונגען.

— גוטינקער, טייערינקער פאפאטשקא, לאמיר אונבערינגט פאהרען אהין מארגען...

האט שוין דער אלטער אנגעהויבען דערצעהלען, אז גאר מאר־גען אין דער פריה ניט ביינאכט, מוז ער אוועקפאהרען.

נור מאריט האט איהם אזוי געבעטען, און קאוער האט זיין טאכטער געליעבט מעהר פון אלץ אויף דער וועלט.

— נו, באלד אזוי, וועל איך פאהרען מיט'ן ביינאכטיגען צוג. דיר וועט אבער אויסקומען אליין זיך צוריקקעהרען אהיים.

— איז דאס דען אן ערשטען מאל ? איך בין דאך שוין אן ערוואקסענע.

קאוער האט געגעסען און זיך טיעף פערטראכט.

— ווי קומט עס, וואס מען זעהט ניט פאלק'ען פאר די לעצ־טע פאר טעג ? איך בענק נאך איהם שטארק. א וואונדערבארער מענש. די גאנצע שטאדט קריצט אויף איהם מיט די ציין און צו דער זעלבער צייט זיינען אלע ענטציקט פון איהם. נור ער טהוט טאקי משונה'דיגע זאכען. נעכטען האט ער בעגעגענט זיין מוטער אויפ'ן גאס, ווען זי האט געטריבען א היים א חזיר'ל, וואס זי האט ערשט געקויפט אין מארק. זי האט גראד קיינעם ניט גע־קאנט געפינען, ווער עס זאל עס טהאן פאר איהר. טו וואס טהוט אונזער פאלק ! ער נעהמט דעם חזיר פאר'ן שטריקעל, טשעפעט אן צו זיך אויפ'ן נאז דעם מאנאקל, און מיט א העכסט יום טוב־דיגער מינע טרייבט ער דעם חזיר דורכ'ן גאנצען שטאדט. אלע לויפען ארום אויף די גאניקעס א קוק טהאן אויף דיזען אונגע־וועהנליכען בילד, און ער — אזוי קאלטבלוטיג, אזוי ערנסט, מיט'ן מאנאקל ביים אויג טרייבט זיך דעם חזיר...

מאריט האט שטארק געלאכט.

— חא, חא, חא — האָט אויך דער טאַטע געלאַכט — פאַר־שעמט חזרים מיט מאַנאַקל ביים אויג... ער טרינקט אָבער שוין גאָר אַריבער דער מאָס... נעכטען האָט ער געבעטען ערלויבנים ביים דירעקטאָר פון גימנאַזיע צו געבען איהם אַ פּראַסק אין פּנים. דער דירעקטאָר, הערענדיג עס, איז שיער משוגע געוואָרען פאַר כעס, און פאַלק האָט זיך פּלוצלונג פערטראַכט.

— מיר גלוסט זיך געבען אייך אַ פּאַטש אין פּנים, בין איך אָבער צו־פויל דערפאַר...

— צו וואָס האָט ער עס געטהאָן ?

— איך ווייס ניט ! אָבער דו באַקלעהר נאָר דעם איינפאַל, מאַריט, עפּעס פּאַרט אַ דירעקטאָר פון גימנאַזיע ! דיזער פאַלק איז אַ זאָנדערבאַרער מענש. און מיך וואונדערט פשוט וואָס ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז מען ליעב האָבען דיזען מענשען... אַ שאָד נאָר, וואָס ער טרינקט אַזוי פיעל...

— ער טרינקט טאַקע אַ סך ? — האָט מאַריט געפרעגט.

— אַזוי זאָגט מען וועניגסטענס.

מאַריט האָט זיך דערמאָנט אָן פאַלק'ס ווערטער, אַז ער טרינקט נור דאַן, ווען ער פיהלט זיך זעהר אונגליקליך...

דיזעס האָט איהר פערשאַפט שמערץ און צו דער זעלבער צייט געפרעהט איהר.

7.

מאַריט'ס געזיכט האָט געשטראַהלט מיט גליק, ווען זי האָט צווישען די געסט בעמערקט פאַלק'ן.

פאַלק, אָבער, האָט זיך עפּעס ניט זעהר געאיילט צו גריסען זיך צו איהר. ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט מיט'ן יונגען שטאָדט־דאָקטאָר און איז געוועזען שטאַרק פעראינטערעסירט אין אַ געשפּרעך מיט איהם. אָבער געזעהען האָט ער איהר. זי האָט געכאַפּט זיין דורכדרינגענדען בליק.

ערשט שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זיך קאַלט, העפליך פערנענט.

— וואו האָט איהר זיך עס בעהאַלטען די גאַנצע צייט? — האָט איהם קאָוער פריינדליך געדריקט די האנד — איך האָב אַזוי געוואָלט רעדען מיט אייך פאַר'ן אוועקפאָהרען.

— אוועקפאָהרען?

— יאָ, היינט ביי נאכט פאָהר איך אוועק צו מיין פרוי. איך לאָז איבער מאַריט אויף אייער השגחה.

אין געשפרעך האָט זיך אריינגעמישט דער יונגער דאָקטאָר. איהם האָט שטארק אינטערעסירט צו וויסען ווי האַלט איצט מיט דער נעווראַלגיע־קרענק. ער האָט געהערט, אַז פאַלק האָט זיך לאַנג און ערנסט פערנומען מיט דיזער פראַגע.

— דאָס איז געוועזען לאַנג, לאַנג צוריק, איך האָב שוין אפילו פערגעסען אָן דעם... איצט פערנעהם איך מיך מיט ליטעראַטור, כ'שרייב ביכער, דאָך וועל איך אייך אייניגעס קענען ערקלעהרען וועגען דעם.

— אַלזאָ, ווי באַלד קיין דירעקטע בעריהרונג איז דאָרט ניטאָ, טו ווי אַזוי־זשע ווערט איבערגעגעבען דער נערווען־שטראָם פון איין נעווראַן צום אַנדערען? דאָס איז דאָך אַ ריכטיגע רעזאָלוציע אין דיזען פאַך...

מאַריט איז געזעסען נאָהענט און האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, ענטפערענדיג צו דער זעלבער צייט, ווי עס איז דעם פראָ־קוראָר'ס ווייב אויף איהרע פראַגען.

אַזעלכע פרעמדע, אונגעוועהנליך קלוגע ווערטער האָבען דער־גרייכט צו איהרע אויערען — גאַלידזשי, ראַמאָן — אי — קאַיאַלע...

זי האָט אַ וואָרט ניט פערשטאַנען, וועהרענד פאַלק האָט אַלץ געוואוסט.

ווי בעדויערנסווערטה און נישטיג האָט איהר אויסגעוויזען די־זער קליינער האָקטאָרעל, וועלכער האָט אויך געוואָלט וויסען אַלעס און האָט גאָר ניט געוואוסט. ער האָט זיך איינגעהערט אויפמערק־זאַם, ווי אַ חדר־אינגעל. און אַ מין שטאָלץ און פריידענס־געפיהל האָט אָנגעפיהלט איהר הארץ. ער, ער, פאַלק — ליעבט איהר! ווי וואונדערליך שעהן ער איז! זי האָט פלוצלונג אַ ציטער געטהאָן.

מען האָט גערופען צום אָבענד־ברויט.

אנפאנגס האט זיך דער געשפרעך געפיהרט אבגעהאקט, עטוואס געצוואונגען, באלד אבער איז ער געווארען אלגעמיין — מען האט גערעדט פון זאכען, וואס זיינען דאן געווען טאגעס־פראגען.

מארים איז געזעסען געגען פאלק'ן, און האט געגארט צו כאפען זיין בליק, נור ער האט עפעס ווי גאר ניט בעמערקט.

פארוואס האט ער גיט געוואלט קוקען אויף איהר? זי האט דאך אזוי געבענקט נאך איהם. נאך קיינמאל, דוכט זיך, האט זי נים געבענקט אזוי.

מען האט גערעדט וועגען פאליטישע פארטייען.

— נו, דאס פערשטעהט איך שוין גאר ניט — האט פאלק גע־רעדט שנעל און מיט זיכערהייט — דא איז נישט די פראגע צו דאס געפעהלט מיר צו ניט, נור איך פערשטעה עס פשוט נים.

ווייל אט בעקלערט עס גאנץ טשיקאוועס! וואס פאר א נארי־שער ווידערשפרוך! די פרייסען רעכענען זיך דאך פאר איינעם פון די מעכטיגסטע פעלקער פון אייראפא. חא, חא — דערמאנט זיך נאר אן ביסמארק'ם — מיר פרייסען פירכטען נור גאט, זאנסט ניעמאנד!״ נו, און דער זעלבער גרויסער, מעכטיגער ביסמארק, וואס פירכטעט נור גאט, טרייסעלט זיך אוים שרעק פאר א הייפעלע פאליאקען. וואס פאר א בעטרעף קאנען עס האבען א פאר מיליאנען פאליאקען געגען 50 מיליאן פרייסען? און אט דיזע מעכטיגע פרייסען ציטערען פשוט פאר א הייפעלע פאראָרעמטע פאליאקען. מען פערטהיידיגט דעם גערמאניזם! חא, חא, חא... איך הויב אן צו פיהלען גרוים אכטונג און רעספעקט צו דיזען הייפעלע מענשען, וואס ווארפען א שרעק אויף די מעכטיגע, שטאלצע דייטשען. אה, מיינע ליעבע פריינד, דאס איז גאר קיין שפאס נים! ווען צוויי־דריי מיליאנען פאליאקען זיינען פעהיג צו קאנקורירען מיט הופציג מיליאן דייטשען, דאן מעג מען זאגען — אין א מזל'דיגער שעה, צו געזונד זיי!

אבער דער פרייסישער שטאאט, ניט קוקענדיג אויף זיין גרוי־סער מאכט, האנדעלט ווי אן אמת'ער אידיאט. פון דער פיזיאלא־גיע ווייסען מיר, אז די ריעזען זיינען אפט אידיאטען. נו, און אט דיזע גרויסע קעניגרייך האט פערבאטען צו לערנען אין די שוה־

לען די פוילישע שפּראַך, און וואו און ווי נור זי קאָן, פערפאָלגט זי די פּאָליאַקען. א מערקווירדיגערביישפּיעל פון דער געשיכטע איז, וואָס א קעניגרייך שטרעבט צו מאַכען איין טהייל פון איהרע אונטערטהעניגע פאר אידיאָטען — פון מיינע אייגענע באָבאַכטונ־גען ווייס איך, אַז פּוילישע קינדער פערגעסען די פּוילישע שפּראַך און רעדען אויף אַן עקעלהאַפטען זשאַרגאָן, וואָס איז ווענינ עהנליך צו א מענשליכער שפּראַך.

נור איך לאָז אָן אַ זייט דיזע נאַרישקייט; דער פּרייסישער שטאַאַט בענעהט נאָך א גרעסערע דומהייט — ווייל וואָס איז נאָך אזוי שעדליך פאר דער געזעלשאַפט ווי אַן עקאָנאָמישע דומהייט?

די קאָלאָניזאַציאָנס קאָמיטע קויפט צונויף ערד און מאַיאָנט־קעס ביי די פּאָליאַקען, צוטהיילט און צוברעקעלט עס אויף פער־שיעדענע דיסטריקטען, און בעזעצט דאָרט דייטשע אָרימע קאָלאָניס־טען. טו וואָס, א שטייגער, קען דאָרט טהאָן אזא אָרעמאַן? אנ־שטאָדט דער בעריהמטער אַרבייטס־קראַפט פון א פּוילישען פויער קאָן ער מיט זיין פלעגמאַטישער נאַטור גאָר ניט אויפטהאָן; איהם בלייבט, אַלזאָ, אָדער צו פערפּוילישען זיך, ווי דאָס איז געוועזען דער פאַל מיט די קאָלאָניסטען, וואָס פריעדריך דער גרויסער האָט בעזעצט אין נ אָ ט י ץ אָדער א פערמוטשעטער, ווערט ער גאָר קראַנק, ווי דאָס איז איצט דער פאַל כמעט מיט אַלע קאָלאָניסטען אין פּאָזנאָן. מיר געפעהלט אזוי די פיינדשאַפט און פעראַכטונג פון א פּוילישען פויער צו די דייטשע ניי־געקומענע קאָלאָניסטען; קיין פונט פוטער וועט ער דאָך זיי ניט פערקויפען, ווען אַפילו מען זאָל איהם מיט א פונט גאָלד בעצאָהלען דערפאַר.

— דאָס, מיין טייערער — האָט פאַלק׳ן אונטערבראָכען דער לאַנדראַטה — איז ניט קיין שרעק, און ניט קיין דומהייט, דאָס איז פּשוט פאַרזיכטיגקייט. פּאָליאַקען זיינען אַן עקספּלאָדירענדער עלע־מענט פון דעם שטאַאַט. און פּרייסען האָט זעהר פיעל פון דעם עלעמענט: די פּאַפּיסטען, באַירישע, סאָציאַליסטען און דענער.

— גוט, זעהר גוט! אָבער דאַן לאָזט צורוה מיט אייערע פּוסטע פראַזען, טומעלט ניט דעם עולם מיט ביסמאַרק׳ס לעבערליכע אויסדריקע. צו וואָס די נאַרישע ליגענס? זאָגט בעסער גלייך:

פרייסען איז א זעהר שוואכער שטאאט, אָדער, ריכטיגער, גאָר אין גאנצען קיין שטאאט ניט. פרייסען איז אָרעם און נישטיג, און דעריבער קאָן דאָס הייפעלע פּאָליאקען אראָפּשליידערען פון פערד דיזע בעדויערענסווערטהע „גרויסע נאציאָן".

עס איז גענוג, אז די פּאָליאקען זאָלען זיך פעראייניגען נאָך מיט א פּאָר רעוואָלוציאָנער־געשטימטע נאציאָנאליטעטען, אום צו פערכאפּען בערלין און דערשטיקען דיזע אָרימע נאציע פון אָב־שניצלעך, די נאציע, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון אידען, פון סלאַ־וויאנישע פסולות און פון אָבגעשארפּעטע ריטער — נו, איז דאָך קלאָר, אז מ'מוז דעריבער דערשטיקען די פּאָליאקען... אָבער אייער פערזויערטער פּאטריאָטיזמוס, און דערצו נאָך אזא שרעק פאַר די סלאווען, דאָס אַלעס איז ווירקליך זעהר ענדליך צו די לעכערליכע אָנשטעלען פון א קלאָון.

פאלק איז געוועזן זעהר אויפגערעגט.

— גוט! די פרייסען קאָנען געוויס זאָגען, אז ניט זיי פּרע־טענדירען צו זיין א לויטער־ריינע נאציאָנאליטעט, און ניט זיי ווי־לען עס גאָר זיין. פאַר זיי איז בלויז וויכטיג צו ערווערבען עקאָ־נאָמישע מאכט. זיי קאָנען זאָגען — אונז מאכט ניט אויס דורך וואָס פאַר מיטלען מיר וועלען צו דעם קומען, ווייל ביי אונז איז ניט גערמאניע דער עיקר, נור געלד. אָבער צו דערזעלבער צייט וואָל־טען זיי בעדאַרפט צוגעבען מיט פּאָלשטענדיגער אָפענהערציגקייט און אונפערשעהמטקייט, אז „מיר זיינען, הייסט עס, א נאציע פון אבשניצלאך. דריי מלחמות האָבען אונז צונויפגעקליאפּעט אין איין שטיק אָהן אירגענד א געדאנק. ניט קיין נאציע, נור סוחרים, גוט־בעזיצער זיינען מיר, און אלץ וואָס וועט זיך שטעלען אויפ'ן וועג צו אונזער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, וועלען מיר אָהן רחמנות צוטרעטען..." ווען אָבער מען רעדט גאָר פון א געפאהר פאַר'ן פאטערלאַנד — דאָס איז ווירקליך א שאנדע; צו רעדען וועגען דער נויטוועגדיגקייט פּאָלשטענדיג צו פערניכטען די פּאָליאקען אויס פּאטריאָטישע צוועקען — דאָס איז אן עקעלהאפטע פיינהייט; צו זאָגען: מיר פירכטען נור גאָט! — דאָס איז א לעכערליכע, נארישע פּאַרנאַרונג, וועלכע קאָן צוציהען צו זיך נור א בעטען סאַלון־קיפּער.

מיט איין וואָרט, מען דארף ענטווערער אראָבוואַרפען פון זיך די מאַסקע, און זאָגען צו זיך אליין: „מיר זיינען לומפען, אנגרייפער פון רעכטע ביי אנדערע פעלקער, נור דערפאַר זיינען מיר א נאַציע פון קרעמער, פון פראָצענטניקעס, און ניט אָנגעזעטיגטע באַנאַציע פון קרעמער, פון פראָצענטניקעס, און ניט אָנגעזעטיגטע באַרייסער!" זעהר גוט. אָדער: — „מיר זיינען אזא שוואַכע נאַציע אז א הייפעלע פון וועלכער ניט איז פרעמדער נאַציאָנאַליטעט איז אימשטאַנד אונז ארויסצושטויסען, און דעריבער דארף מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אראָבוואַרפען פון זיך „די גרויסע נאַציאָן", דעם „מיר פירכטען נור גאָט" און נאָך קלאַפּערגעצייג. צורוה לאַזען שילער'ן און געטהע'ן — חא, חא, חא — גאָר ניט קיין שלעכטע נאַציע פון אידעאָלאָגען, א נאַציע פון דענקער, וועלכע וואַרפט זיך ארויף מיט איהר גאַנצער משא אויף א הייפעלע פּאָליאַקען, טרייע פּאָליאַקען, „פּרייסישע אונטערטהענער פון פּוילישער נאַציאָנאַליטעט".

פאָלק האָט זיך צולאַכט מיט א שטילען, גיפטיגען געלעכטער.

— די שליסע, וועלכע איהר ציהט, זיינען דורכאויס פאַלשע — האָט איהם אונטערבראָכען דער גובערנסקער דאָקטאָר, — דורכאויס פאַלשע. די פּרוסען הויבען ניט אָן צו שרעקען זיך פאַר די פּוילען, עס קומט אָבער דאָ אויס צו האַנדלען מיט א זעהר ריהרעוודיגען, א העכסט אונרוהיגען עלעמענט. יעדע מינוט קאָן מען ערוואַרטען נייע אונרוהען, און די סאָציאַליסטען קוקען דאָך נאָר ארויס אויף אזא געלעגענהייט — און אין אזא פאַל איז דער שטאַאַט ווירקליך אין געפאַהר.

— נו, וואָס דערצעהלט איהר פאַר מעשות? איהר וועט אפשר פאַר איין גאַנג שוין צוטשעפּען צו די פּוילען וועלכע ניט איז סקלאַד פון געוועהר — חא, חא, חא — אין ענגלאַנד, צום ביישפּיעל? צו אפשר מיינט איהר גאָר אז די פירמא „קרופּ" וועט צו אָרדער שיקען קיין פּאָזנאַן עטליכע הונדערט קאַנאָנען. ער וואָלט טאַקי אפשר ארויסגעשיקט עס, ווען די פּאָליאַקען וואָלטען זיך געקענט בענוצען מיט דעם שטאַאַטס-קרעדיט, חא, חא... אָבער ווי עס בעשטעהט איצט, קאָן מען מיט פינף קאַנאָנען צושלאָגען די גאַנצע פּוילישע ארמיי, וועלכע קאָן זיך בעוואָפענען נור מיט שטע־

קענס און מיט אלטע ביקסען. דיזע גאנצע פאליטיק איז אזוי קליין; דאס איז א פערמאסקירטע פאליטיק פון קרעמערלעך, וואס שרעקען זיך, אז אן אנדערער זאל חלילה ניט צוכאפען א ברוויזען פון דעם פעטען פרייסישען ביסען — דיזע גאנצע פאליטיק איז אזוי משונה'דיג געמיין. טהוט א קוק אויף גאליציע! דארט האבען די פאליאקען אין אלע זייערע שולען אלס זייער אפיציעלע שפראך, די פוילישע, דארט האבען זיי צוויי אוניווערזיטעטען דיר־רעקטירט פון טרייע דיענער צו גאט און צום פאפסט, וואס אנער־קענען, אז וויסענשאפט איז דער קירכע'ס איבערגעבענסטע דיענע־רין.. וואס פאר א בילד עס איז צו זעהן, ווי די פראפעסארען מאר־שירען צו דער קירכע אין זייערע אונגעוועהנליך העלפארביגע קליי־דער. פאליאקען האבען דארט א רעכט צו טראגען זייערע נאציא־נאלע גארניטערס. און דעריבער זיינען מאקי אין עסטרייך די פא־ליאקען די טרייעסטע אונטערטהענער. דארט זיינען זיי פרום, גע־דולדיג, און גוט ווי די שעפסען. האט איהר דען ווען געהערט, אז פאליאקען זאלען דארט שטערען די רוה, מאכען וועלכע ניט איז בונטען? פערקעהרט! ווען עס האנדעלט זיך יא א מאל פון קירצער מאכען מיט א קאפ עפעס א מאנסטער, זיינען זיי די ערש־טע אויף דעם. זיי זיינען, ווי אייער שילער זאגט: „פריש און מונטער צור האנד“.

— איהר אנערקענט, דוכט זיך, אויף שילער'ן ניט? — האט געפרעגט דער רעדאקטאר פון דער ארטיגער צייטונג.

— פערקעהרט, פערקעהרט, פון איהם האט דאך ביסמארק זיך אנגעכאפט מיט יענע נארישע, צובלאזענע פראזען.

דער קאנסול איז געזעסען אומעטיג פערטראכט.

— זיינען דען ניט דיזעלבע בעציהונגען פון עסטרייך צו די טשעכען ווי פון פרייסען צו אונז?

— אה, ניין, העהר קאנסול! דארט איז עס איבערהויפט אויף אן עקאנאמישען באדען.

מיר וועניגסטענס, שיינט עס אזוי. באהיימען איז דער גרעס־טער טהייל פון עסטרייך. דער טשעכישער האנדעל האט זיך דארט ענטוויקעלט ביז דעם העכסטען גראד, און, נאטירליך, זוכט דיזער

האנדעל פאר זיך וואס א ברייטערען מארקעט און ער פרופט ווי
ווייט מעגליך אפצושטופען די דייטשען פון׳ם וועלט־מארקעט.

קאוער, וועלכער איז צו דער צייט שוין געווען היבש אונטער׳ן
גלעזעל, האט זיך הויך צולאכט.

— דאס הייסט, אז די פרוסען ווידערהאלען די טשעכישע
פאליטיק ?

— אה, ניין, הערר קאוער, די פרייסישע פאליטיק אויפ׳ן עקא־
נאמישען געביט איז נאך פיעל נארישער פון זייער שטאאטס־פאלי־
טיק און פון זייער שטענדיגער פייגהייט... דער פרייסישער האנ־
דעל, צום ביישפיעל, וויל צונעהמען פאר זיך פאזנאן. נאר פלוצ־
לונג קומט א קאלאניזאציאנס־קאמיסיע און קויפט צונויף אלע
מאיאנטקעס. דער פוילישער אדעל ווערט צוזייט איבער דער גאנ־
צער וועלט, און אויף אזא אופן פערשווינדט דער גרעסטער און
זיכערסטער געברויכער. די מאיאנטקעס ווערען צוטהיילט אויף
דיסטריקטען, און בעזעצט מיט ארימע קאלאניסטען — דער פוילי־
שער פויער קויפט דאך קיין זאך ניט, ווייל ער פראדוצירט פאר זיך
אלעס אליין. טו ווער־זשע בלייבט שוין אלס געברויכער ?

די פוילישע קאמערציע ווידער — פון איהר איז שוין אי־
בעריגענס גאר ניט כדאי צו רעדען — זי פאלט דערפאר, וואס די
דייטשען פערקויפען אלעס ביליגער, און די פאליאקען געפינען קיי־
נע געברויכער פאר זייערע פראדוקטען. אבער דעם דייטשען האנ־
דעל קומט דאך פון דעם גאר ניט ארויס, טו מיט וואס קאן זיך עס
ענדיגען ? ניין, דאס איז עפעס גלאט משוגע, נאריש און זאנדער־
באר בלינד. איהר, מיינע פריינדע, זיינט בייז, אבער צו איז עס
דען ניט א פערבלענדונג — בעוואוסטזיניג צו שעדיגען א גרויסען
טהייל פון דעם אייגענעם לאנד ?

פאלק איז אלץ מעהר אויפגערעגט געווארען. אויף א מאמענט
איז זיין בליק געפאלען אויף מאריט׳ס פיבערהאפט פלאמענדעס גע־
זיכט. זי האט ווי געשלונגען יעדעס ווארט זיינס.

— יא ! דיזע פרייסישע פאליטיק — פאלק האט געהאלטען
א שטיק ברויט און געברעקעלט עס אויף קליינע ברעקעלעך, און
מעכאניש צולעגט זיי אין איין קרייז, — דיזע גאנצע פרייסישע לע־

בערליכע פּאָליטיק אין בעצוג צו די פּאָליאַקען איז אבסאָלוט אונ־פערשטענדליך סיי פון דעם פּאָליטישען און סיי פון דעם עקאָנאָמי־שען שטאַנדפּונקט. מילא דיזעס וואָלט איך נאָך געקאָנט פער־שטעהן אלס אַן אונגעלונגענע בורזען־ספּעקולאַציע, איז אָבער פאַראַן נאָך אַ סאָרט פּאָליטיק אין בעצוג צו די פּאָליאַקען, וועלכען איך קאָן שוין בשום אופן ניט פערשטעהן — די פּאָליטיקע פון דעם פּאַפּסט.

און ווידער איז זיין בליק לאַנג שטעהן געבליבען אויף מאַריט.

— נור, איהר, ווערטהער פּאַטער׳ל גייסטליכער, דאַרפט ניט זיין בייז אויף מיר! מיר דוכט אַז מיר וועלען דאַ פאַלשטענדיג איינשטימען. איך וויל דאָ ניט פערטשעפּען וועלכען ניט איז רע־ליגיעזען דיספּוט. איך וויל ניט בעריהרען קיין איין פראַגע פון יענע, אין וועלכע דער פּאַפּסט איז ריין פון יעדער זינד. איך וועל נור רעדען פון זיין פּאָליטיק, און דאָס איז דאָך נאָך ערגעץ ניט ערקלערט געוואָרען, אַז ער איז אויך אין פּאָליטיק ריין פון יעדער זינד, דאָך ניט, האַ?

איך האָב איינמאָל אין רוים געזעהן דעם פּאַפּסט לעאָן דעם 13טען. דאָס איז געווען דער שעהנסטער זקן, וועלכען איך האָב ווען געזעהען. ביי קיינעם האָב איך ניט געזעהן אַזאַ עדעלען קלו־גען געזיכט. היינט זיינע ווייסע, לאַנגע, אַריסטאָקראַטישע הענד! זיינע געדיכטע זיינען, דוכט זיך, זעהר גוט געשריבען אין אַן אויס־געצייכענטען קלאַסישען לעטיין.

און — דאַכט זיך, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אויף דעם בע־שיצען פון אַלע פערפאָלגטע. דעריבער וואָלטען די פּאָליאַקען בע־דאַרפט זיין נעהנטער צו זיין האַרץ פון אַלע אַנדערע, ווייל אין גאַנץ אייראָפּאַ פערפאָלגט מען זיי מעהר ווי וועלכע ניט איז אַנדער נאַ־ציאָנאַליטעט.

אָבער וואָס זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט? איך קאָן זיך פאָרשטעלען, ווי פערוואונדערט די פּאָליאַקען זיינען געוואָרען, ווען נאָכדעם ווי ביסמאַרק האָט אַרויסגעטריבען וועלכע צוואַנציג טוי־זענד פּאָליאַקען, האָט ער בעקומען אַ קריסטוס־אָרדען — דעם גרעס־

טען אָרדען, וועלכען דער פּאַפּסט קאָן געבען — זעהר שעהן און פון גרויסען ווערטה איז ער געוועזן...

אָך, פּאָטער׳ל פּריסטער, זייט ניט בייז פּאַר וואָס איך זאָג עס, איך שטעה דאָך איצט אויסשליסליך אויף אַ פּאָליטישען שטאַנד־פּונקט...

דער גייסטליכער איז געוועזן שטאַרק אויפגערעגט.

אַלע האָבען זיך אונרוהיג איבערגעקוקט. עס איז שוין געוועזן פיעל צו חוצפּה׳דיג צו רעדען אַזוי אין דער אַנוועזענהייט פון דיזען אַלטען גייסטליכען... אַלעמענס בליקען זיינען געוועזן געווענדעט אָט צו פאַלק׳ן און אָט צום גלח.

מאַריט האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך מיט אַ קלאַפּענדעס האַרץ. איהרע ליפּען זיינען געוועזן האַלב אָפען. איהר אָטהעם איינגעהאַלטען: זי האָט ערוואַרטעט פון מינוט צו מינוט אַ שרעקליכען עקספּלאָזיאָן.

דער גלח איז בלאַס געוואָרען.

— איהר, יונגערמאַן, זיינט נאָך ווירקליך צו יונג צו ענטשיעדען די וויכטיגסטע, די גרעסטע קירכען־פּאָליטישע פראַגען, מיט דער הילף פון אייער שכל, וועלכער איז אָנגעשטעקט מיט אויסלענדישע אפּיקורסות.

פאַלק האָט אויף איין מינוט ניט פערלאָרען זיין רוהיגקייט.

— אַלעס, וואָס איהר, פּאָטער׳ל גייסטליכער, האָט געזאָגט, איז זעהר גוט. פאַר מיר איז ווירקליך גאַנץ עגאַל וואָס דער פּאַפּסט אָדער די פּרייסישע רעגיערונג זאָל ניט טהאָן — איך בעשטעטיג בלויז דאָס, ווי אַזוי דער פּאַפּסט און די רעגירונג בעגעהען זיך מיט די פּאָליאַקען....

ער איז מיט אַ מאָל אַנשוויגען געוואָרען.

— חע, חע... דאָס ערגסטע איז דאָס ניט־דערזעדטע...

— און אפשר זאָלען מיר גאָר איבערלאָזען דיזע דיסקוסיע — איך זעה, אז איהר קאָנט ניט צוהערען רוהיג מיינע שליסע, און פון זידלערייען אויף פערשיעדענע אופנים האָב איך זיך אָבגעוועהנט אין אויסלאַנד. און איבערהויפּט, אַ מאָל פערשטעהען מענשען

איינס דאָס אַנדערע און אַ מאָל ניט. איך וויל דאָך קיינעם דאָ ניט אָנטשעפּען מיינע אַנשויאונגען.

אַלע האָבען געשוויגען, נור דעם רעדאַקטאָר פון דער אָרטיגער ציַיטונג האָט זיך שטאַרק געגלוסט אויסצופרעגען פאַלק'ן וואָס זיין מיינונג איז וועגען די סאָציאַליסטען. דיזען רעדאַקטאָר האָט מען חושד געווען אין פריינדשאַפט צו סאָציאַליזם, נור ער אַליין האָט ניט געוואגט אויסצושפּרעכען זיך עפענטליך. פאַלק, אָבער, וועט אַלעס אַרויסזאָגען:

— אַלץ, וואָס איהר האָט געזאָגט, איז ריכטיג. העהר פאַלק, איהר זייט אַן אמת'ער רעוואָלוציאָנער. זעהר גוט! אָבער איהר לעבט דאָך אין אַ מאָנאַרכישער קעניגרייך, איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אַז איהר זיינט ניט צופריעדען מיט דעם איצטיגען צושטאַנד. טו וואָס איז אייער מיינונג וועגען אַ מאָנאַרכישען שטאַאטס־סיסטעם?

דער רעדאַקטאָר האָט זיך געפרעהט, וואָס אַזאַ אויטאָריטעט, ווי פאַלק, וועט אונטערשטיצען און פערטהיידיגען די אידעע, פאַר וועלכער מען האָט פערפאָלגט איהם, דעם אָרימען פּראָווינציאַלען רעדאַקטאָר.

— וואָס מיין מיינונג איז? — אָם, — דאָס איז, העהר רעדאַקטאָר, אַ ביסעלע עהנליך צו אַ נעץ. אָבער העהרט אויס. איינמאָל בין איך געווען אין העלסינגבאָרג מיט מיינעם אַ חבר, אַ פערקאָכטער אַנאַרכיסט, מיר האָבען זיך געשיפט אויף אַ שיפעל און האָבען בעקוקט יענעם וואונדערשעהנעם שלאָס, וועלכען שעקספּיער דערמאָנט אין זיין האַמלעט. און ווייסט איהר, וואָס מיין חבר האָט געזאָגט, דיזער פערקאָכטער אַנאַרכיסט? שטעלט אייך פאָר: ער האָט מיר פאָראויס געזאָגט, אַז זיינע ווערטער וועלען מיך זיכער שטאַרק איבעררראַשען, נאָר ער מוז צוגעבען, אַז אַזאַ פּראַכטפאָלע אַרכיטעקטור און קונסט איז מעגליך נאָר אין אַ מאָנאַרכיסטישער סיסטעם. איהר זיינט פערוואונדערט, אָבער בעטראַכט נאָר די קונסט־פעריאָדע פון דעם רענעסאַנס! און פּרופט טשיקאַוועס זוכט אין אונזערע ציַיטען אונטערשטיצער פאַר אַזעלכע גרויסע קינסטלער, ווי טיציאַן, מיקעל־אַנדזשעלאָ, טינטאָרעטאָ, דזשיאָדזשיאָנע... טהוט

נאָר אַ קוק אויף דער בורבאָן פּעריאָדע, ווען מען האָט געבויט די קירכען אין פּאַריז, אין בורזשאַס, אין מאַלעדראַ, און פערגלייכט יענע צייט צו די שענדליכע באַרבאַרישע אויפפיהרונג פון די קאָמונאַרען, ווען זיי האָבען שיער ניט צושטערט דעם קלויסטער פון דער פּאַריזער הייליגער מוטער! און דעם לואוור. דאַרפט איהר נאָך בעווייזע? האַ? איז עס נאָך וועניג?

ניין, ניין! מיך עקעלט שוין פשוט פון דיעזער דעמאָקראַטיע. זי שינדט אראפּ דעם „איך" פון דעם מענשען, זי ערנידעריגט איהם, אַן עקעלהאַפטע אונפערזענליכע מאַסע מאַכט זי פון מענשען, וועלכע ווייסט בלויז פון געלד און פון אַ מאַראַליזירענדען טהעאַטער — ניין, איך וויל ניט קיין דעמאָקראַטיע, — ווייל צוזאַמען מיט איהר וועט קומען די ממשלה פון אַ ק ל ע אַ ן אָדער פון אַ ס אַ ו ו אַ נ אַ ר אָ ל אַ, וועלכער האָט געהייסען פערברענען אַלע בעסטע, אַלע טהייערסטע קונסט־ווערק, אַ ממשלה פון גראָבע טענדלערס, וועלכע האַסען אַלעס וואָס גרויס און שעהן איז. אַך! ניין, ניין! מען טאָר ניט צולאָזען די פּלעבעאישע אינסטינקטען, וועלכע וועלען אַרויסטרעטען געגען אַלעס, וואָס שטעהט העכער, געגען אַלעס וואָס שעהן און נאָבעל איז!

פאַלק האָט אויפגעציטערט פון וועהטאָג, ווען ער האָט דערזעהן ווי די רימפאַטהיען פון אַלע אַנוועזענדע זיינען פלוצלונג אַריבער אויף זיין זייט. ער האָט זיך אָבגעהוסט און ווידער גערעדט.

— און דאָך סימפּאַטהיזיר איך זעהר שטאַרק מיט דער רעוואָלוציאָנס־אידעע. איך אַליין בין ניט טהעטיג, ווייל דאָס לעבען אינטערעסירט מיר וועניג. אויף דער רעוואָלוציאָן, ווידער, קוק איך אַזוי, ווי דער אַסטראָנאָם קוקט דורך זיין טעלעסקאָפּ אויף דער שטערן־בעוועגונג.

און אויב איך סימפּאַטהיזיר מיט די פערשיעדענע אָבשפּאַלטונגען פון דער דעמאָקראַטיע איז עס בלויז דערפאַר, ווייל די עקאָנאָמישע גלייכהייט, וועלכע זיי אַלע זוכען אַזוי, איז גאָר אַ גאַנץ אַנדער זאַך פון אינטעלעקטועלער גלייכהייט, און איך בין טיעף אייבערצייגט אַז אין דעם צוקונפטיגען שטאַאַט וועט זיך אָבלייטערען אַן אָליגאַרכיע פון הויכען אינטעלעקט, וועלכע וועט ביסלעכווייז

פערכאפען אין איהרע הענד די לייצעס פון דער רעגיערונג, און גאָר א נייע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג וועט זיך דאַן אָנפאַנגען, וועלכע וועט זיין מיליאָנען מאָהל בעסער פון דער, וואָס מיר האָבען גע־ירשה'ט פון די וואָרוואָרען.

היינט צו טאָג הערשט אַ פערהודאָבעטע, פעראָרימטע אריס־טאָקראטיע. איבער אונזערע קעפּ הענגט אָבער דאָס געפאהר, אַז באַלד וועט זיך אָנפאַנגען אַ הערשאַפט פון שמוציגע הענד, פון ניעדריגע אויפגעקומענע קערלען, פון געלד זעק. און צו אַזא צייט וואָלט איך ניט געוואָלט דערלעבען.

דער רעדאַקטאָר האָט אויסגעזעהן ווי א הינטעל, וועלכען מען האָט נאָר וואס אָבגעגאָסען מיט וואסער.

— נאָך איין פראגע ערלויב איך זיך: וואס איז אייער מיי־נונג איבער דער איצטיגער רעגיערונג?

— הם, די איצטיגע רעגיערונג — דאָס איז דאָך דער קייזער ווילהעלם, און צו איהם פיהל איך גרויס סימפּאטהיע. מיר גע־פעלט ער זעהר. דאָ ניט לאַנג, צום ביישפּיעל, האָט ער אַ פייער־מאַן געמאַכט פאַר אַ פאָלקאָווניק. פאַר וואָס? דערפאַר וואָס בעת עפּעס אַ געוויסען פאַראַד האָט יענער זעהר בריה'ש אָבגע־שטויסען דעם בערלינער המון פון פּאַלאַץ... גאָר אָהן וועלכע ניט איז צושרייבען אָדער אָבשרייבען פון דער פּריסישער ביוראָ־קראטיע איז עס געטהאָן געוואָרען, און אַט דאָס איז טאַקע דאָס שעהנסטע אין דיעזער האַנדלונג, די זעלבסטשטענדיגקייט — די גרויסע נשמה! הם, הם... עס לעבע דער דייטשער אימפּעראַטאָר ווילהעלם דער צווייטער!

אלע האָבען זיך איבערגעקוקט צומישט, דאָך זיינען זיי אויפ־געשטאַנען און אָנגערירט זייערע באָקאַלען.

דער רעדאַקטאָר, וועלכער האָט בסוד סימפּאטהיזירט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, איז שוין גאָר אין גאַנצען צוטומעלט געוואָ־רען. פון דעסטוועגען איז ער אויך אויפגעשטאַנען, ווייל אויף איהם האָט דאַן געקוקט דער לאַנדראַטה.

אלע זיינען אויפגעשטאַנען פון טיש.

פאַלק האָט געפיהלט ווי צוויי הייסע, בענקענדע אויגען האָ־

בען זיך אין איהם איינגעזויגען. ער האָט אַ קוק געגעבען אַרום זיך און דערזעהן מאַריט אַ שטראַהלענדע, אַ גליקליכע...

זי האָט מיט אַ מאָהל אַראָבגעלאָזען די אויגען. פאַלק איז צו איהר צוגעגאַנגען. גאַר נאָהענט, איינס נעבען אַנדערען זיינען זיי איצט געשטאַנען. אַרויסגעהענדיג פון עס־צימער האָבען די געסט צוגעדריקט זיי איינס צום אַנדערען אַלץ נעהנטער. ווי אַ וואַרימער שטראָם האָט זיך אין זיין האַרצען צוגאָסען איהר צוציהען זיך צו איהם.

— עריק, איהר זייט אַ גרויסער מענש.

איהר געזיכט האָט אויפגעפלאַמט.

פאַלק האָט זי ווי בעגאָסען מיט אַ הייסען בליק.

וועלכע ענדערונג איז עס דאָ פאָרגעקומען מיט מאַריט?

אין דער מינוט איז קאַוער צוגעגאַנגען.

— איהר זיינט אַן אמת׳ער טייוועל! איהר האָט גערעדט ווי עס פאַסט פאַר אַ מאַן. דאָ וואָלט עס קיינער ניט געוואַגט צו זאָגען, כאָטש עס ווילט זיך אַפילו זעהר צייטענוויין אַרויסרעדען דאָס, וואָס איהר האָט היינט געזאָגט. אָבער זעהט, מאַכט ניט קאַליע מיין מיידעל, — מיט איהר טאָרט איהר אַזוי ניט רעדען...

פאַלק האָט געוואָלט עטוואָס אָנענטפערען.

— נו, נו, איך שפּאַס דאָס. איך פיהל צו אייך אַ טיעפען צוטרויען; ביי אייך איז וואָס אויפ׳ן לונג, דאָס אויפ׳ן צונג. און דיעזעס איז גענוג פאַר מיר. אין אַ וואָך אַרום קום איך צוריק. און איצט פערשווינד איך אויף ענגלישען מאַניער. אָבער פערשפּרעכט מיר צו בלייבען דאָ ביז איך קום צוריק...

און קאַוער איז אַוועק אויף ענגליש.

— אך, ווי גוט איהר האָט היינט גערעדט! מאַריט האָט געקוקט אויף פאַלק׳ן מיט אַן אויסדרוק פון אמת׳ער, אָפענהערציגער ענטציקונג.

— איך? גוט גערעדט? איך האָב זעהר נאַריש גערעדט, מאַריט.

אויף יעדע פראַזע מיינע האָט מען געקענט געפינען טויזענד אַנטוואָרטען, — נאָר דיעזע הערען, וואָס שעפען זייער גאַנצע

חכמה פון די היעגע גאזעטקעס — חע, חע, אזעלכע קאָנען זיך אפשר בענוגענען דערמיט, זיי קאָן עס געפעהלען. אָבער... אָבער... איז אייך געפעהלען אויך דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וועגען פאפסט?

מאריט האָט מיט איילעניש געענטפערט:

— אָה, זעהר, זעהר. איך האָב זעהר פיעל געקלעהרט, און איך מוז אנערקענען אז איהר זיינט גערעכט אפילו אין אזעלכע זאכען, וועלכע האָבען מיך אזוי געמוטשעט נאָך מיט איניגע טעג צוריק:

פאלק האָט געקוקט אויף איהר פערוואונדערט. ער האָט עס ניט ערווארטעט. וואָס פאר א וואונדערבארע איבערקעהרעניש... ווי שנעל דאָס איז פאָרגעקומען.

— פאר וואָס זיינט איהר ניט געקומען צו אונז? גאנצע צוויי טעג האָב איך געווארט אויף אייך. און כ'האָב אזוי געליטען! איך זאָג אייך אָפענטליך, איך האָב שרעקליך געליטען.

— אָבער ליעבע, גוטע מאריט, איהר ווייסט דאָך אליין זעהר גוט פארוואָס איך בין ניט געקומען; איך האָב פשוט ניט געוואָלט שטערען אייער רוה, — און אגב מוז גאָך אייך זאָגען, אז איך בין שרעקליך נערוועז, איך טאָר ניט נעהמען אויף זיך דיעזע שרעקליכע מאטערניסע, וואָרים די שטייף אָנגעצויגענע סטרונע קען נאָך חלילה פלאצען... חע, חע...

פאלק האָט פריינדליך א שמייכעל געטהאָן. זיי האָבען געשוויגען. דער רעדאקטאָר איז צוגעגאנגען. ער האָט ניט געקאָנט פערגעסען פאלק'ס טאָסט פאר'ן דייטשען קייזער, און האָט געוואָלט איצט צושפארען פאלק'ן צום וואנד.

— נו, און וואָס איז אייער מיינונג איבער די אנארכיסטישע אטענטאטען? איהר זיינט דאָך עפעס א פסיכאָלאָג, א וויסער אין מענשליכע נשמות. ווי וועט איהר דיעזעס ערקלעהרען?

— עה! איהר זיינט, א פנים, א שרעקליך נייגעריגער מענש, הערר רעדאקטאָר. אָבער איהר וועט דאָך געוויס ניט פערלאנגען איך זאָל דאָ אויפ'ן אָרט ארויסלעגען פאר אייך מיינע פאָליטישע איבערצייגונגען? נאָר פון דעסטוועגען — מען קען דאָך קוקען אויף אזעלכע זאכען פון דער הויך, ניין? איך, אלזא, פערשטעה גאנץ גוט די אורזאכען פון פראָפאגאנדע דער טהאט. איך פער־

שטעה עס אלס א שטארקען פראָטעסט געגען אלץ וואס מיר זיינען געוועהנט אנצורופען גערעכטיגקייט. יא, מיר רייכע און זאטע, וואס האבען וועניגסטענס די מעגליכקייט אבצועסען מיטאג יעדען טאג, און פערנעהמען זיך מיט אן ארבייט, וואס איז א לוקסוס פאר אונז, מיר אנערקענען אלס גערעכטיגקייט דאס, וואס אונזערע ברי־דער ארבייטען ווי אקסען פון פיער אין דער פריה, גאנצע 12 שטונ־דען א טאג, אום צו שאפען פאר אונז אלע אונזערע בעדערפניסע.

נו, פערשטעהט איהר דאך, אז עס זיינען פאראן אויך מענשען, וואס קאנען בשום אופן ניט רעכט מאכען ביי זיך גלייכגילטיג צו צוזעהן אזא סיסטעם, און מיט דער גאנצער קראפט פון זייער נא־איווער ערביטערונג שטרעבען זיי צו צושטערען דיעזע אָרדנונג.

אט נעהמט, צום ביישפיעל, א מענשען פאר וועמעס אויגען עס ווערט דורכגעפיהרט טאג־טעגליך דיעזע זאנדערבארע געזעל־שאפטליכע גרויזאמקייט. נעהמט א מענשען, וועלכער זעהט ווי אזוי אין דער צייט פון סטרייקס פאלען ווי פליגען די ארבייטער אונטער קוילען פון ביקסען; וועלכער זעהט ווי דער קאפיטאל מא־טערט זיי מיט הונגער אקוראט ווי זיי וואלטען עפעס געווען איינ־דיאנער ווילדע. שוין זשע פערשטעהט איהר ניט, אז אזא אָרדנונג איז אימשטאנד אויפצוואועקען אין א מענשען מיט א שטארק, הייס הארץ א ווילדע בלינדע דארשט נאך נקמה, אן ערביטערונג פון א צורייצטען בופעל־אקס, וועלכער ווארפט זיך אין אזא פאל אויפ'ן ערשטען וועמען ער בעגעגענט, — אויפ'ן ערשטען פון די זאטע. מיר קענען אזא הארץ ניט פערשטעהן, ווייל אונזערע הערצער זיי־נען קליין, אָרעם און נישטיג. אבער יענע — דאס זיינען הערצער, וואס קלאפען דרייסט, אין וועלכע עס געפינען א שטארקען אב־קלאנג די נויטה, צארן און אונרעכט פון לעבען!

ארום פאלק'ן האבען זיך ארומגעקליבען א גרופע געסט. מא־ריט האט נעהערט מיט ענטציקונג.

דער רעדאקטאר האט פערדראסיג א שמייכעל געטהאן.

— איהר בערעכטיגט, אלזא, אנארכיסטישע מארדען?

פאלק האט א דרינגענדען בליק געגעבען אויף איהם דורך האלב־פערמאכטע אויגען.

— איך ? בערעכטיג ? דאָס וואָלט דאָך געווען אַ שרעקלי־כער אונזין. איך אַליין געהער דאָך צו יענעם קלאַס מענשען, וועל־כע קאָנען אויספיהרען צו לעבען אָהן אירגענד וועלכע ארבייט, ווייל מיין מוטער איז גענוג רייך. איך האָב בלויז געזאָגט אז איך בין אימשטאַנד צו פערשטעהן אַן אַנארכיסטישען אַטענטאַט, אָבער איך האָב דאָך קיינמאָל ניט געזאָגט, אז איך בערעכטיג עס.

פאלק האָט געוואָרפען אַ מיעדען בליק אויף די מענשען ארום איהם — אויף אַ מינוט האָבען זיך זיינע אויגען אָבגעשטעלט אויף מאַריט, צו וועלכער ער האָט פריינדליך אַ שמייכעל געטהאָן. צווי־שען די געסט האָט ער בעמערקט דעם דירעקטאָר פון גימנאַזיע.

—יאַ, מיר איז פערשטענדליך דער פערברעכען, דער מאָרד — רופט עס ווי איהר ווילט ! — וועלכער ווערט בעגאַנגען אין אַ מינוט פון צורייצטקייט, פון צאָרן !

אָט נעכטען, צום ביישפיעל, בין איך געווען אזוי אויפגערעגט אויפ׳ן דירעקטאָר פון דער היעגער גימנאַזיע, אז איך בין צוגעגאַנ־גען צו איהם און האָב געזאָגט : מיר גלוסט זיך געבען אייך אַ פאַטש, אָבער עס לוינט ניט.

אַלע האָבען זיך אומגעקוקט אויפ׳ן דירעקטאָר.

— מיך פערדריסט זעהר פאר וואָס איך האָב דאָס געזאָגט, אָבער אין אַ מינוט פון כעס... צוליעב וואָס איך האָב עס געטהאָן ? צוליעב דעם, מיינע העררען, אז ווען אימיצען איז שטארק ניט גע־פעהלען וועלכען ניט איז שרייבער׳ס ווערק דאַרף ער אָבער ווענען דעם ניט רעדען פאַר חדר־אינגלאך...

אָך, ריכטיג, העררר רעדאַקטאָר. איהר ווילט דאָך הערען די שליסע. האַ, האַ ! זעהר גוט ! די שליסע ! נו, טאָ הערט : די פראָפּאַגאַנדע דער טהאַט איז מיר פערשטענדליך, דערפאַר ווייל איך פערשטעה אַלע עלעמענטען פון וועלכע עס נעהמט זיך די אי־דעע פון פאָליטישע מאָרדען...

ער האָט זיך דערביי אָפענהערציג צולאַכט...

צו פּרואווען כאַפּען פאַלק׳ן אויף אַ וואָרט איז געווען גאַנץ אומזיסט. ער האָט זיך אַלע מאָל ארויסגעדרעהט ווי אַ שלאַנג.

מאַריט איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבען פאַלק׳ן, געקוקט

אויף איהם א שטראהלענדע, א גליקליכע. און ער האָט זיך אזוי אָפּט אומגעקעהרט צו איהר, עפּעס ווי ער וואָלט געפרעגט ביי איהר: ניט אמת, מאריט?

נור ער אליין האָט פערמאָגט אזא גרויס ערהאבען הארץ, וועגען וועלכען ער האָט גערעדט. נור ער אליין האָט פערמאָגט א שטאָלצע הארץ, וועלכעס האָט געקענט שטורמען מיט צאָרן: פאַר דער גאנצער וועלט איז ער גרייט צו ערקלעהרען וואָס ער פיהלט און וואָס ער קלעהרט.

און אזא ענטציקונג האָט אָנגעפילט איהר הארץ, אזא אונאויסדריקבארע ענטציקונג איז געווען אין דיעזען געפיהל פון אונבעגרענצטער איבערגעבענהייט. זי האָט אין גאנצען געציטערט. איהר געזיכט האָט געפלאַמט. פּאלק איז ערגעץ פערשוואונדען אויף א ווײַלע.

פּלוצלונג האָט ער איהר גענומען פאַר'ן האנד.

— קום, מאריט, קום! — האָט ער איהר געשעפּטשעט אויפ'ן אויער.

מאריט האָט זיך צו איהם צוגעדריקט.

— לאָמיר געהן, געהן.

פון לאנדראטה'ס הויז האָט מען געמעגט אוועקגעהן ניט געזעגענט. יעדער איז אוועק ווען ער האָט געוואָלט. פערשוואונדען אויף ענגליש, ווי קאָוער האָט זיך אויסגעדריקט.

8.

ווען זיי זיינען ארויס אויפ'ן גאס איז פּאלק געוואָרען עטוואָס צומישט.

— איך האָב אוועקגעשיקט דעם קוטשער. די נאַכט איז אזא וואונדערבאר שעהנע. איך וואָלט געוואָלט נאָך רעדען מיט אייך אביסעל. לאָמיר געהן צו־פוס, הא?

זיין שטימע האָט עטוואָס געציטערט.

מאריט האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט. בלויז א מין אונקלאָהרער געפיהל האָט פערכאַפּט דעם אָטהעם אין איהר ברוסט.

זיי זיינען ארוים אויס דער שטאָדט.ביידע זיינען געווען פער־טראכט און שטיל.

עס איז ענטשטאַנען יענער מאָמענט, ווען איינער קען לעזען אין דער זעעלע פון יענעם ווען ער ליעבט ווי אין זיין אייגענער.

מעגליך, אז איהר וועט אפשר נעהמען מיין האנד ? דער וועג איז ניט קיין זעהר גלאַטער און עס איז לייכט צו פארטשעפען זיך.

זי האָט שטום געפאָלגט. ער האָט צוגעדריקט צו זיך איהר האנד און געפיהלט ווי זי ציטערט. ער האָט געוואוסט אז איצט איז די צייט צו רעדען. ער האָט זיך אָבער געשראָקען טאָמער איז זיין שטימע ניט שטארק גענוג.

זיין אויפרעגונג איז אַלץ געוואַקסען.

ניין ! נאָך ניט איצט ! עס איז נאָך ניט די צייט — האָט ער א קלעהר געטהאָן. מיט אזא איילעניש כאפען זיך בלויז פויע־רען צו דער זאך.

שטראָמען ליכט האָט די לבנה נעגאָסען אויף די לאָנקעס, און פון ווייטען האָבען זיך געזעהן הויכע שורות פון טאָרף־הויפענס. פאלק איז צו זיך געקומען. ער האָט געפיהלט, אז ער מוז נאָך צוואווארטען ; עס איז בעסער לאנגזאם צו סמאקעווען דאס גליק. אַלץ גרעסער, שטארקער וועט זיין דער פערגעניגען.

זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט און געקוקט אויף די פעלדער און לאָנקעס.

דערנאָך זיינען זיי ווידער געגאנגען, ניט קוקענדיג איינס אויפ׳ס אנדערע, אקוראט ווי זיי וואָלטען זיך געשעהמט פאר עט־וואָס.

פאלק איז ווידער געבליבען שטעהן.

— מערקווירדיג, אַלע מאָהל ווען איך קוק אויף דיעזע טאָרף־הייפענס דערמאָהן איך מיך אָן א פויער, וואס האָט דאָ געארבייט, א שרעקליכער שכור. ער איז קראנק געוואָרען מיט די ווייסע היץ־קרענק אין א לייכטער פאָרמע. נו, און ער האָט בעקומען א מין מאניא.

פאלק האָט אינסטינקטיוו אָבגעצויגען איהר אויפמערקזאמ־

קיים צו אנדערע זאכען, כדי זיכערער צו מאכען זיין איבערפאל דערנאך.

— ער האט זיך איינגערעדט, אז די בלאנדזשענדע פייערלעך, דאס זיינען נשמות פון געשטארבענע מאסאנען; און פונקט צו דער צייט איז ערשיענען אן ערקלעהרונג פון פאבסט, אז אין די מאסאנען האט זיך אריינגעכאפט דער שטן.

נו, פלעגט דיעזער אונגליקליכער נעכט גאנצע ארומקריכען איבער די פעלדער מיט אן אלטען פיסטאליעט אין האנד, מיט א וואונדערבארע זיכערהייט פון א לונאטיק פלעגט ער שפרינגען איבער די ברייטסטע גריבער, ארומגעקראכען אין אלע בלאטעס, דורכגעריסען זיך דורך געדיכטע קוסטעס און דורך שטארק פערפלאנטערטע בלאטיגע גראזען און רק געשאסען.

אין דעם ליעגט א שרעקליכער טראגיזם. איינמאל האב איך איהם געזעהן נאך אזא נאכט. די אויגען זיינען איהם געווען פערגאסען מיט בלוט; אין גאנצען אין בלאטע, פון געזיכט האט געראנען בלאטיגע וואסער; די האאר צונויפגעקלעפט מיט בלאטע, — און ער האט געשטראהלט פון גליק...

ער האט געפאכעט מיט'ן פיסטאליעט און איז אונטערגעשפרונגען פון פרייד. אין יענער נאכט איז איהם ענדליך געלונגען צו דערשיסען א מאסאנישע בלאנדזשענדע נשמה.

פון דעמאלט אן איז דער פיסטאליעט געווארען זיין הייליגטהום. נור איינמאהל האט מען איהם אריינגעזעצט אין טורמע דערפאר, וואס ער האט ניט געשיקט זיין זוהן אין שולע. דער אינגעל איז זיך ארומגעגאנגען פראנק און פריי איינער אליין און האט געפאשעט ביי די קאנאוועס א ציעג, דאס איינציגע פערמעגען פון דיעזען פויער.

איינמאהל איז דעם אינגעל איינגעפאלען איבערצושרעקען דעם שכן'ס קינד, אויף וועלכען עס איז געווען זיין פפליכט אויפצופאסען. ער האט געבראכט דעם פיסטאליעט, האט איהם אנגעשטעלט גלייך צו זיך אין פנים אריין, האט אנגעצויגען די פרושינקע, אנגעצונדען א שוועבעלע און צוגעטראגען צום פיסקעל פון פיסטאליעט.

— אַט וועל איך זיך שיסען, זיך שיסען ! — האָט ער צוגע־טראָגען דאָס שוועבעלע אַלץ נעהנטער.

דאָס קינד האָט זיך איבערגעשראָקען, האָט אָנגעהויבען שרייען, און אין דעם זעלבען מאָמענט האָט דער פּיסטאָליעט אויסגעשאָסען. די קוילען זיינען אַלע אַריין גלייך צום אינגעל אין מויל אריין. גראָד דעמאָלט האָב איך זיך צוריקגעקעהרט פון שולע אַהיים און בין געווען אַן עדות פון דיעזער סצענע, וועלכע איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען.

בעפאַלען פון טויט־שרעק האָט דער אינגעל גענומען שפּרינגען, זיך דרעהען, לויפען אַרום און אַרום, און דאָס בלוט האָט געגאָסען ביי איהם פון נאָז און פון מויל, און ביי יעדען קרעכץ, ביי יעדען געשריי האָבען זיך מיט נייער קראַפט געגאָסען שטראָמען בלוט.

און דאָס קינד האָט קיין זאַך ניט פערשטאַנען. ער האָט גע־קייכט פון געלעכטער ביי יעדען שפּרונג, ביי יעדען געשריי פון זיין ערציהער. נור די ציעג האָט אַ פּנים פערשטאַנען ווי שוידער־ליך די לאַגע איז. אין ווילדען שרעק האָט זי זיך אָבגעריסען פון פּלאָקען, צו וועלכען זי איז געווען צוגעבונדען, אַריבערגעשפּרונגען איבער׳ן אינגעל, איבער קאַנאַוועס... אָך, דאָס איז געווען שויי־דערליך...

מאַריט איז געווען שטאַרק אויפגערעגט...

— יאַ, דאָס האָט געמוזט זיין שוידערליך...

איז דער אינגעל געשטאָרבען ?

— געשטאָרבען...

און וויעדער זיינען זיי געגאַנגען איינס נעבען אַנדערען שוויי־גענד, אַזוי נאָהענט, אַזוי שרעקליך נאָהענט...

— ווי וואונדערבאַר שעהן איהר זיינט היינט געווען. אויף אייער געזיכט איז געווען אַזאַ אויסדרוק, ווייסט איהר, אַזאַ אויס־דרוק, וועלכען איך האָב בלויז איין מאָהל ביז איצט געזעהן ביי אייך, — מיט אַ יאָהר צוריק. מיר זיינען דאַן געווען וואונדערבאַר גליקליך און פרעהליך. אָך, דאָס זיינען געווען זעלטען שעהנע מאָמענטען. מיר זיינען געשטאַנען אין אבענד אויפ׳ן ווערענדאַ. פון וויטען האָט זיך געהערט דער אבענד־גלאָק פון קירכע, און אויף

אייער נעזיכט איז געווען אנגעשריבען אזא טיפע ענטציקונג פון אלעם ארום אייך, וועלכע נאר גליק קען געבען.

פאלק האט געציטערט.

— איך האב אויף אייך געקוקט דעם גאנצען אבענד, געקוקט מיט גרויס פערגעניגען, און בין געווען גליקליך, ווייל איך האב אייך געפיהלט אזוי נאהענט...

ער האט איהר צוגעדריקט צו זיך און האט ווי ניט גערעדט זיינע ווערטער, נאר ארויסגעאטהעמט זיי:

— מאריט, איך ליעב דיך, איך ליעב...

און זי האט געפיהלט ווי א הייסע כוואליע בלוט לויפט דורך איבער איהר לייב.

— צוליעב דיר, נור צוליעב דיר בין איך אהער געקומען.

כ'בין געזעסען אין פאריז און האב געליטען שרעקליכען פיין, ווייל איך האב געבענקט נאך דיר. און איצט שפיר איך אזא שמערצ־ליך־שארפען פערלאנג דיך אויף די הענד צו נעהמען און צודריקען דיך צום הארצען, אך! מיט אזא קראפט צודריקען, אז איך זאל פיהלען, ווי דיין הארץ שטויסט זיך אן מיינעם אן.

מאריט, גליק מיינס, פרייד מיינע, — אלץ, אלץ וועל איך טהאן פאר דיר! מען דארף מעהר ניט וועהרען זיך! דו וועסט מיר געבען אזא גרויס גליק — אלץ וועסטו מיר געבען — איך האב אזוי געליטען די גאנצע צייט... זון מיינע, לעבען מיינס, גיב מיר דיעזעס גליק. נאך קיינמאהל האב איך ניט געליעבט אזוי משוגע, אזוי בלינד ווי איצט — ווי דיך, דיך...

זי האט געפיהלט אויף זיך צוויי אבגרונדען פון אויגען, ווי שטערען — אין קאפ האט זיך אלץ געפלאנטערט — בלויז זיינע פייערדיגע ווערטער האט זי פערשטאנען, וועלכע זיינען ווי הייס־צושמאלצענער בליי געפאלען אויף איהר נשמה.

זי האט געפיהלט ווי ער האט איהר ארומגענומען, ווי ער האט איהרע ליפען געזוכט, ווי ער האט זיך איינגעזויגען אין איהר מיט הייסע ליפען וואס האבען געאטהעמט מיט גארען. און זי האט זיך געוועהרט מעהר. אהן א ווילען האט זי זיך אבגעגעבען צו זיינע

ווילדע, הייסע קושען, און אין הארצען האט זי געשפירט א ווילדע פרייד פון דעם, וואס זי גערהט ארום איבער׳ן ברעג פון אבגרונד.

זי האט אליין ארומגעכאפט מיט איהרע הענד זיין האלז און האט געקושט, געקושט... פאלק האט ניט ערוואַרטעט פון איהר אזא ליידענשאפטליכקייט. ער איז איהר געווען אזוי דאנקבאר.

— וועסט זיין מיינע, מאריט, מיינע...

יא, דאס האט געמוזט אזוי זיין. איצט האט דאך עטוואס גע־מוזט פארקומען. וואס ? — האט זי אליין ניט געוואוסט... דיזע אויגען, דיזע שרעקליכע אויגען... היינט זיין שטימע — וואס פאר א פערגעניגען...

— איצט לאז מיך — לאז... איך מוז ערפרישען, ווען ניט וועל איך חלשות פאלען... — האט זי געשעפטשעט.

און וויעדער זיינען זיי געגאנגען שטילע, פלאטערענדע...

— ס׳טו זיין מיינע ?

— וואס, וואס ? וואס רעדסטו ?

פאלק האט געשוויגען.

— איך פערשטעה ניט.

און מעהר האבען זיי קיין ווארט ניט גערעדט.

ביים טירעל פון גארטען — נאך איין שטומער קורצעם קוס.

9.

פאלק איז לאנגזאם געגאנגען מיט׳ן וועג, וואס פיהרט צום שטאדט צו און איז מיט א מאל געבליבען שטעהן.

און אפשר צוריקקעהרען זיך, נעהמען זי אויף די הענד, אוועק־טראגען איהר אין איהר צימער אריין ?

— יא ! בעטען ערלויבנים צו זעצען זיך אויפ׳ן ברעג פון איהר בעט, אדער זיך גאר אראבלאזען אויף די קניע נעבען איהר.

ער האט זיך פלוצלונג פערטראכט : איז עס ווירקליך גע־ווען א פערלאנג, וועלכען ער האט גאר ניט געקאנט גובר זיין. מעגליך, אז דאס איז בלויז געווען א שטרעבונג ווידער א מאל צו

איבערראשען מאַריט מיט זיינע הייסע ליעבעס־ערקלערונגען, צו געבען איהר נייע בעווייזע פון זיין ווילדער ליידענשאַפט.

פאַלק האָט זיך געגריבעלט, געפּרופט זיין אייגען הארץ, האָט אָבער ניט געקאָנט דערגעהן וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען זיין ליידענשאַפט און וואו עס האָט זיך געענדיגט זיין זעלבסט־איינגערעדטע צורייצטקייט. אזוי פיעל פלענער האָט ער געהאַט, ווי אזוי צו מאַכען מאַריט פאַר זיינע, אזוי פיעל ווערטער גערעדט, אַט אמת'ע, אָפענהערציגע און אַט פאַלשע אויפגעבלאָזענע, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט צוציהען איהר צו זיך, אז ער האָט שוין פערלאָרען יעדען בעגריעף איבער דעם, וואָס אמת איז, און וואָס פאַלש איז אין דעם אַלעם.

זיינע אייגענע איינבילדונגס־פערלאַנגען האָבען ביי איהם איצט אויסגעזעהן ווי א ווירקליכע טיעפע גארונג — קאַלטע דורכגעטראַכטע רעדען האָבען איהם איצט אויסגעצייגט צו זיין פול מיט פייער און ליידענשאַפט; און אזוי לאַנג האָט ער געשפּיעלט אין געפיהל ביז דיזעס האָט ווירקליך בולט אויפגעלעבט אין איהם.

איהם האָט זיך געדוכט עפּעס ווי א נייע בלוט־צירקולאַציע וואָלט ענטשטאַנען אין אייניגע טהיילען פון זיין מארך. פאַר וואָס פערדריקט אזוי איצט זיין הארץ און עס קלאַפּט אזוי שטורמיג, ווען ער רעדט ארויס דיזע ליעבעס־ווערטער, וועלכע ער פלעגט פריהער רעדען אזוי קאַלטבלוטיג, אָהן דער מינדעסטער אויפרעגונג?

ער האָט געוואָלט קלאָר מאַכען פאַר זיך זעלבסט דיזען מין ליעבעס־פאָרמע, ארויסגערופען פון זעלבסט־איינבילדונג, און האָט זיך אַלץ מעהר געפלאָנטערט אין זיינע אייגענע געדאַנקען.

א גאַנץ אינטערעסאַנטע טהעמא צום קלעהרען. אָבער ווי אזוי שטעלט מען זיך עס פאַר?

זאָל זיך איהם דאַכטען, אז דאָס האָט זיך צו איהם געווענדעט נאָך אַן ערקלערונג וועלכער ניט איז וויסענשאַפטליכער זשורנאַל איבער פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען.

אַט איך וועל פּרוואווען: אזא צושטאַנד, וואָס ווידערהאַלט זיך אָפט אין דעם מענשליכען מארך, לעגט דורך פאַר זיך נייע וועג־

גען אויף נייע נערוועןֿצונויפפלעכטונגען, מיט נייע בלוטֿאָדערען פאַראייניגט ער זיך, און אַזוי לאַנג ווירקט ער אויף זיי ביז וואַנען זיי פלעכטען זיך צונויף אין אַ נייע נעץ פון בלוטֿצירקולאַציאָן, אין אויף אַזאַ אופן ווערט דער צושטאַנד פון ריינעם דענקען אומֿגעוואַנדעלט אין אַ געפיהלֿצושטאַנד.

חאַ, חאַ, חאַ... איך בין ווי בעשאַפען צו שרייבען אַ וויסענֿשאַפטליכע „ביערֿציימונג“...

גאַר נאָהענט לעבען איהם איז דורכגעפאָהרען אַן עקיפּאַזש, אָבער אַזוי שטיל, אַז ער איז שיער ניט געלעגען אונטער די פערד. ער האָט זיך אומגעקוקט; פון ביידע זייטען עקיפּאַזש האָבען געֿברענט לאַמטערנעס; פאַלק האָט אויפמערקזאַם געקוקט, ווי די ליכט האָבען געפינקעלט, ערווייטערט זיך, אין גאַנצען פערשוואונֿדען, און דערנאָך ווידער אַ פינקעל געטהאָן פון ערגעץ אַ ווייטען וועגֿווינקעל, און ניטֿווילענדיג האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענע בלאָנדזשענדע מאַסאַנישע נשמות.

און אָן דאָרט איז מאַריט׳ס הויז! אפשר זיך צוריקקעהרען? אפשר וואַרט זי דאָרט אויף איהם, און וואָלט גליקליך געוועזען, ווען ער וואָלט איצט פלוצלונג ערשיענען פאַר איהר? מעגליך, אַז איצט שפּאַצירט זי אין גאָרטען כדי אָבצוקיהלען זיך, בערוהיגען זיך? אָדער אפשר איז זי אַוועק צום טייך און זיצט דאָרט איצט אויף יענעם גרויסען שטיין, אויף וועלכען זיי פלעגען אַ מאָל צוזאַמען זיצען?

נור סוף כל סוף איז ער אַוועק איבער׳ן וועג צום שטאָדט צו. זיין מאַרך איז געוועזען זעהר מיעד, דאָך האָט ער צו דערזעלבער צייט מערקווירדיג סיסטעמאַטיש אַנאַליזירט אַלע איינצעלהייטען פון דיֿזער לאַגע.

אַ העכסט אינטערעסאַנטע טהעמאַ! אויף אַ וויסענשאַפטליֿכען דרך קאָן מען אפילו גאַר ניט מאַכען מיט איהר, פאַר אַ ראָמאַן אָבער איז זי אויסגעצייכענט!

אַ געוויסער איקס, אַלזאָ, ליידעט פון ליעבע, ארויסגערופען דורך זעלבסטֿאיינבילדונג.

זעהר גוט!

צו דערזעלבער צייט אָבער ליעבט ער אונבעדינגט זיין פרוי, און ליעבט אזוי שטארק, אז קיין איין מינוט צווייפעלט ער ניט אין זיין ליעבע צו איהר.

מיט איין וואָרט, ער ליעבט איינע און די אַנדערע.

ווייל ער האָט דאָך געליעבט מאריט, זיכער געליעבט. מעג־ליך, אז דאָס איז אַן איינבילדונג, אַ זעלבסט־נאַרעריי, זיין זעעלע איז אָבער אזוי פול מיט בענקען און נאַרען, אז אַנדערש קאָן מען דיזען געפיהל ניט אָנרופען.

און מיט אַ מאָל האָט ער דערפיהלט אַ מאָדנע אונאַנגענעהמע איבערראַשונג. דער גענוס האָט זיך ערשט בלויז דערנעהנט, און שוין האָט ער זיך דערפיהלט איבערזעטיגט.

אמת, מאָרגען וועט ער קומען צו מאריט און ווידער וועט זיין בלוט קאָכען. נאָר דער פאַקט, אז איצט צו דער מינוט פיהלט זיך עריק פאַלק איבערזעטיגט — דיזעס וועט בלייבען אַ פאַקט.

פון דעם איז קלאָר, אז ער ליעבט ניט מאריט, ווייט אין זיין פרוי'ס אַנוועזענהייט האָט ער קיינמאָל ניט געפיהלט איבערזעטיגט.

ניין ! קיינמאָל ניט !

און ער האָט גוט געדענקט ווי אין יענער מינוט ווען ער האָט ארויסגעלאָזען מאריט פון זיינע אָרעמס, האָט ער געפיהלט שאַנדע און עקעל צו זיך זעלבסט און צו איהר, אַקוראַט ווי ער וואָלט בע־גאַנגען עטוואָס שענדליכעס.

האָט איהם דיזעס, אלזאָ, קיין גליק ניט געגעבען ?

ניין.

און עס האָט איהם פערשאַפט נור ליידען ?

יאָ ! ליידען, האַסט און שאַנד !

אמת'ע ליעבע, וועלכע איז ניט ארויסגערופען דורך זעלבסט־איינבילדונג, אָדער זעלבסט־אויפרעגונג, ליעבע, וועלכע אַנאַליזירט ניט, וועלכע פרעגט זיך ניט אָן ביים מאָרך — אַזאַ ליעבע ווייס ניט פון קיין שעהמען זיך. טו וואָס־זשע, וואָס דען איז עס ?

גאַנץ איינפאַך. איהר, הערר פאַלק, זיינט איינציייטיג אַי דער בעשולדיגער און אַי דער בעשולדיגטער. איהר זיינט — פאַלק, און צו דערזעלבער צייט זיינט איהר אויך הערר איקס.

אלזא, איהר, הערר איקס, בעשולדיגט מיך אין פערפיהרען א יונגע מיידעל, אין רואינירען איהר גאנצען לעבען.

— ווארט א ווײלע, הערר איקס, איילט זיך נור ניט אזוי... איהר ווייסט דאָך! אין אלעם איז נויטיג א סיסטעם.

אנפאנגס איז צו מיר געקומען א מערקווירדיגע, אונפערשטענד־ליכע איבערצייגונג, אז יענע מיידעל מוז ווערען מיינע, און אזוי ווי פריהער זיינען מיר אזעלכע געדאנקען קיינמאל ניט געקומען אין קאפ אריין, דעריבער פערדיענט דיזער געקומענער געדאנק בע־זונדערע אויפמערקזאמקיים.

ווי אזוי אזא געדאנק איז גאר געבוירען געוואָרען אין מיין מארך?

כוויי'ס ניט. אמת, איך וואלט לייכט געקאנט צונויפשטעלען איהר געבורט־געשיכטע, צונויפקלייבען די הונדערטע קלייניגקייטען, וועלכע האבען דיזען געדאנק וואהרשיינליך ארויסגערופען, — דאס וועט דאָך אבער זיין ניט מעהר ווי א געדאנקען־שפיעל. איין זאך איז פאר מיר קלאָר, אז מיין מארך נארט מיך אפ, און ביז א גע־סען גראד בין איך זיין שקלאף, און דעריבער זאג איך: די אורזא־כען, וואס האבען דיזען געדאנק ארויסגערופען, ווייס איך ניט, איך קאָן נור בעצייכענען זיין כאראקטער — א שטארקער, ליידענשאפט־ליכער, געשלעכטליכער כאראקטער.

און ווען בין איך עס צום ערשטען מאל געוואָהר געוואָרען פונ'ם געשלעכטליכען כאראקטער אין דיזען געדאנק?

אט באלד, באלד וועל איך מיך דערמאָנען...

דאס איז געווען נאך פאר־א־יאָהרען, אין דריי טעג ארום נאך דעם ווען איך האב זיך מיט איהר בעקאנט. זי האט געטראגען א בריעף צום פאסט; מיר האבען זיך בעגעגענט אויפ'ן קרייץ־צוג פון צוויי גאסען, און אזוי פלוצלונג איז עס געווען, אז מיר האבען זיך אנגעשטויסען איינס אָן אנדערען. מיר זיינען דאן געווען שטארק צומישט, פערלוירען זיך. פאר וואס? צו וואס? חע, חע... אט דא ליגט דאָך שוין בעהאלטען דער געשלעכטליכער עלע־מענט. איך האב זי צוגעפיהרט ביז איהר הויז, דערנאך איז זי צוריקגעגאנגען מיט מיר א שטיק וועג צום שטאדט צו, דערנאך האב

איך זי ווידער בעגלייט ביז'ן טירעל פון איהר גארטען: מען האט זיך עפעס אלץ ניט געקאנט שיידען. איך האב דאן זעהר פיעל גערעדט. וועגען רעליגיע גערעדט.

סטאפ! דאס איז אינטערעסאנט, זעהר אינטערעסאנט! ערקלעהרט מיר נאר, קלוגער הערר איקס, פאר וואס האב איך פון אנפאנג אן געשטרעבט צו צושטערען איהרע רעליגיעזע אנשויאונגען?

איהר קאנט דאך מיך, הערר איקס, און איהר ווייסט גאנץ גוט, ווי ווייניג עס געהט מיך אן, אויב א געוויסע פערזאן גלויבט אדער גלויבט ניט. איך רעד איבערהויפט זעלטען פון מיינע איבערצייגונגען; פשוט דערפאר, ווייל איך האב זיי ניט.

איהר זעהט דאך, אלזא, אז נאך איידער איך בין געווען אימשטאנד קלאר צו מאכען פאר זיך וואס אייגענטליך מיט מיר טהוט זיך, האט שוין דער געשלעכטליכער געפיהל געארבייט אין מיר מיט זעלטענער לאגיק. דיזער געפיהל האט געזאגט צו זיך אליין: ביז וואנען דער רעליגיעזער געפיהל וועט ניט זיין פערניכטעט ביז אין זיינע סאמעווארצלען, זיינען אומזיסט אלע מיינע אנשטרענגונגען, אלע מיינע מיטלען.

איך פערזיכער, אז איך האב דעמאלט נאך ניט געקלערט פון פערפיהרען איהר — צום ערשטען מאל איז דיזער געדאנק געקומען צו מיר ערשט מיט א וואך שפעטער. געטראפען האט עס אט טאקי אויף דיזער סטעזשקע, נעבען קירכען־האף, וואו עס הענגען אריבער די צווייגען פון טרויערנדע בירקען־בוימער; — איך ווייס ניט, וואס אייגענטליך האט געטראפען, נור דערפיהלט האב איך דעמאלט, ווי מיין שטים איז עפעס פלוצלונג געווארען אונגעוועהנליך צארט און ווארים, האט זיך אראבגעלאזען ביז שעפטשען, און די דאזיגע שטים האט געשאפען אן אטמאספערע פון עטוואס געהיימניספולעס, פון א מין שטומער, ניט אויסגעשפראכענער איינשטימונג צווישען אונז.

אצינד ערשט האב איך פערשטאנען דעם אויסדרוק: די שטימע פון בלוט!

און פון דאן אן איז עס געוואקסען אין מיר, אהן אויפהער

נעוואקסען — און איצט איז עס געשעהן! אדער כמעט ווי געשעהן, ווייל אין מיר ארבייט א מין אינערע קראפט, וועלכע וועט זיכער צוברעכען אלעס, וואס וועט אין וועג שטעהן...

צו וואס? כ'ווייס ניט...

חע, חע... איך קאן דאך אייך, הערר איקס, אייך אינטערע־סירט שטארק דיזע טהעמא, אייך ווילט זיך שטארק ארויסווייזען אייער שארפען, דורכדרינגענדען שכל, ענטשיידענדיג דיזע שווערע טיפע רעטעניש...

אך, איהר ווייסט גאר ניט, ווי לייכט עס איז צו ענטשיידען א רעטעניש!

אט ערקלערט, צום ביישפיעל, פון וואס עס העננט אב דאס רעגעלמעסיג־ווידערהאלענדע מענסטרואירען ביי פרויען?

איהר ווייסט ניט? עס פערשטעהט זיך, אז פון דער לבנה!

פאר וואס? פרעגט איהר. דאס איז דאס גרינגסטע פון אלע פראגען צו פערענטפערען. דאס ערשטע לעבעדיגע וועזען האט דאך געלעבט אויפ'ן סאמע אבגרונד פון ים. און מיר ווייסען אויך, אז דער איינפלוס פון דער לבנה אויפ'ן ים איז זעהר גרויס, און זי רופט ארויס די אבפליסונג און צופליסונג ביים ים. און עס פער־שטעהט זיך, אז ווירקענדיג אויף אלע ארום זיך, ווירקט די לבנה אויך אויף יעדעס לעבעדיגעס וועזען. דיזער איינפלוס ווערט אי־בערגעגעבען צו די שפעטערדיגע דורות שוין אין א קלאר בעשטימ־טען צייכען, און צו ענדע דורך א קאלאסאלער רייהע פון עוואלו־ציעס דערגרייכט דיזער איינפלוס אויך צום מענשען. דאס איז דאך שוין בעוויזען.

חע, חע, אייך געפעלט עס ניט?

אבער קוקט אייך נור גוט ארום! אלע אייערע לאגישע און וויסענשאפטליכע בעווייזע זיינען דאך ניט פיעל בעסער בעגרינדעט פון דעם, וואס איך האב נאר וואס אזוי קלאר ערקלערט.

פאלק האט געווארפען א בליק ארום זיך. איהם האט זיך גע־דוכט, אז ער זעהט פאר זיך דעם רעדאקטאר מיט אן אויסדרוק פון שטאלץ און פעראכטונג אויף זיין געזיכט.

— מעגליך, אז איהר גלויבט אויך אין דער פיערטער אויס־מעסטונג ?

— הערט אויס, הערר רעדאקטאר ! איהר זיינט דאך עפעס א מענש מיט פערשטאנד, א מענש מיט געזונטע פאזיטיווע אנ־שויאונגען. איהר זיינט א ראציאנאליסט, א מאטעריאליסט. דאך, ביז איהר זיינט ניט אימשטאנד צו דערוויזען, אז צווישען אייך און מיר שטעהען ניט איצט צו דער מינוט נאך אנדערע טויזענד וועזענס, וועל איך אלץ גלויבען ניט בלויז אין א פיערטער, נאר אויך אין א טויזענדער אויסמעסטונג...

דאס, וואס איהר פיהלט עס ניט מיט אייער חוש הריח, אדער איהר זעהט עס ניט מיט אייערע אויגען, — דיזעס איז נאך גאר קיין בעוויז ניט. מעגליך, אז אין אונז ליגען ערגעץ בעהאלטען וועלכע טויזענד געפיהלען, פון וועלכע מיר האבען פארלויפיג קיין אהנונג ניט, נור וועלכע וועלען זיך מיט דער צייט ארויסווייזען אין זייער פולען גלאנץ.

— טו פאר וואס האבען זיי זיך ניט ארויסגעוויזען אין פער־לויף פון א גאנצען מיליאן יאהרען ?

— חא, חא, חא — א מיליאן יאהרען — דאס ווייזט זיך נור אונז אויס זעהר פיעל, אבער אין פערגלייך מיט דער עוויגקייט איז עס ניט מעהר ווי א מאטעמאטישע ליניע, וועלכע, ווי אייך איז בע־קאנט, עקזיסטירט גאר ניט אין דער ווירקליכקייט...

נור לאמיר דאס לאזען. ווי די זאך זאל ניט זיין, זיינט איהר אלץ ביי מיר אין די אויגען א מענש פון הויכען שכל, פון גרויס פערשטאנד. איהר וואלט געקאנט זיין אן אויסגעצייכענטע לאפאטע ביים אויבערשטען, מיט וועלכער ער שיט אריין שכל אין דעם מענ־שענס מארך.

פאלק האט פלוצלונג דערפיהלט א מאדנע מיעדקייט. זיינע געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט.

ער האט א קוק געגעבען ארום : די ווייסע ווענד פון דעם מאָ־נאסטיר !

מאריט ! מאריט !

ווארום האט ער זיך דערביי פלוצלונג דערמאנט אן מאריט ?

— אדרבא, הערר רעדאַקטאָר, ערקלערט, פאַר וואָס האָב איך זיך עפּעס פּלוצלונג דערמאָנט אָן מאַריט ? פּרואווט, ערקלערט עס, איהר זיינט דאָך עפּעס אַ מענש, וואָס פערשטעהט אַלץ, וואָס קאָן אַלץ ערקלערען וויסענשאַפטליך.

איהר ווייסט ניט ? נו, וועל איך אייך זאָגען. איך האָב די מאָנאַסטירען, ווייל זיי האָבען פערקריפּעלט מאַריט'ס זעעלע. און יעדעס מאָל, ווען איך זעה וועלכען ניט איז מאָנאַסטיר, הויב איך אָן קלערען וועגען איהר, — און ווען איך וואָלט אפילו זעהן אַ מיליאָן מאָנאַסטירען, וואָלט אַלץ מאַריט געשטאַנען פאַר מיינע אויגען.

און איבריגענס, געהט אייך צום טייפעל ; דאָס הייסט, אַז איהר זיינט אָן אייזעל.

פאַלק האָט זיך געמעגט פּרואווען פערטויבען זיינע געדאַנקען מיט וואָס ער האָט געוואָלט, ער האָט זיך געמעגט קלערען און פאַנ־טאַזירען וויפיעל ער האָט געוואָלט, און מיעד מאַכען זיין מאַרך מיט אַלערליי קלייניגקייטען און נאַרישקייטען, — דאָס האָט אָבער צו גאָר ניט געפיהרט. דורך אַ נעבעל פון געדאַנקען, דורך אַ כאַאָס פון געפיהלען האָט געבליצט אַלץ שטאַרקער און העלער בלויז איין געדאַנק : מאַריט, מאַריט...

און מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעציטערט.

צו קאָן דען אַזוי קלערען אַ נאָרמאַלער מענש ?

ער איז געגאַנגען, בעפאַלען פון אַ פיבערהאַפטער אויפרעגונג.

שוידער און שרעק האָבען ווי הייסע כוואַליעס געקאָכט אין זיין זעעלע, און האָבען פערגאָסען זיין מאַרך. איהם האָט זיך גע־דוכט, אַז ער פאַלט ערגעץ אין אַן ענדלאָזען אָבגרונד... דערנאָך האָט ער אויפגעהערט קלערען. ער האָט בלויז געפיהלט אַ שרעק פאַר דער מורא'דיגער פוסטקייט און פינסטערניש. אַלץ איז פאַר איהם געווען פינסטער, אַזוי האָפנונגסלאָז.

און ווידער האָט אַ בליץ געטהאָן אַ געדאַנק : אָט שטעהט פאַר איהם דאָס לעבען פול מיט העלישען דענקען און אונרוהיגקייט, פול מיט פיבערהאַפטער היציגקייט צו שאַפען און צו פערניכטען.

און צו וואָס ? צו וואָס דאָס אַלעס ? צו וואָס מאַטערט ער

זיך אזוי, צו וואָס דיזע שרעקליכע אנשטרענגונג, וועלכע שטרעבט אייגענטליך נור צו איין ציעל: צו בעפרידיגען דעם גארען?!

ער האָט זיך מיט פעראכטונג צולאכט.

איז עס דען ניט א לעבערליכע, א שרעקליכע משוגעת?

און ווידער האָט איהם בעפאלען אזא קרענקליכער פייניגענ־דער שרעק, וועלכען ער האָט נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געשפירט, און ער האָט אלץ געשעפּטשעט איין און דיזעלבע פראגע:

צוליעב וואָס? צו וואָס? צו וואָס?

מיט א מאָל האָט ער אריבערגעשפּרונגען איבער א גרוב, וויל איהם האָט זיך געדוכט, אז א ווילדע חיה יאָגט זיך נאָך איהם; נור באלד איז ער צו זיך געקומען.

קלעהרען מוז מען געלאסען און קלאָר; דאן וועט דיזע אונרוהיגקייט פערשווינדען.

ער איז, אלזאָ, בלויז א געוועהר ביי א מין ווילען, וועלכען ער קאָן אפילו ניט, נור וועלכער זיצט אין איהם און טהוט מיט איהם אלץ, וואָס ער געפינט פאר נויטיג לויט זיינע פּלענער און געדאנ־קען, און דער מארך מוז דערביי דיענען מיט וואָס נור ער קאָן — צום ביישפּיעל, אבנארען דעם מענשען פערשטעלען פון איהם דעם אמת־שולדיגען, און פיהרען איהם אויף א פאלשען וועג.

ווען, א שטייגער, ער וועט איצט בערפיהרען מאריט, וועט עס ניט זיין שולד זיין. כלל נישט! ער מוז דאָך טהאָן דאָס, וועלכעס דער אונבעקאנטער, אין איהם איינגעפאסטער הערר איקס, הייסט איהם טהאָן.

איז עס דען ניט אמת, הערר פאלק?

ערגעץ אין דער אונבעקאנטהייט האָט זיך שטופענווייז אויס־געבילדעט א מעכטיגע קעט. איין רינג פון אונפערמיידליכקייט האָט זיך אונאויפהערליך געשלאָסען מיט דער אנדערער... אָדער א זייגער האָט מען ערגעץ אָנגעצויגען, און איצט מוזען אלע זיינע רעדלעך זיך דרעהען פּונקט אזוי, און ניט אנדערש.

איך, אלזאָ, קעמפּף נאָך מיט זיך, איך וועהר זיך, נור אונ־טערגעבען זיך וועל איך מוזען. יא, כ׳וועל מוזען!

ער האָט דערפיהלט א טיעפען טרויער.

און צו וואָס דיזער פּיין, דיזע ליידען ? ער קען דאָ אַלץ איינס לענגער ניט באַרען זיך מיט זיך זעלבסט, אַלץ איינס לאָזען זיך ביי איהם אָב די הענד, טו זאָל זיין, ווי עס וועט זיין... אָדער — ווי עס איז בעשערט צו זיין...

בעשערט ! בעשערט !

איצט האָט ער שוין גאָר אין גאַנצען פערלוירען זיינע קרעפטען.

און מיט א מאָל — פונקט ווי א רעגענבויגען נאָכ׳ן שטורם, אזוי האָט פּלוצלונג ארויפגעשוואומען פאַר איהם דער פּנים׳ל פון זיין קליינינקען יאנקאָ, און זיין זעעלע איז ביז די ברעגען פול גע־וואָרען מיט טרויער...

ער איז אריין אין שטאָדט. איהם איז אויסגעקומען דורכ־צוגעהען לעבען לאַנד־ראַטהס־הויז. פון דאָרט זיינען פונקט דאַן ארויסגעגאַנגען דער רעדאַקטאָר מיט׳ן יונגען דאָקטאָר.

אָ ! הערר פאַלק ! וואוהין זיינט איהר עס פּלוצלונג פער־שוואונדען ?

פאַלק איז עטוואָס צומישט געוואָרען.

— איך האָב געמוזט אָבפיהרען אהיים פריילײן קאוער. דער קוטשער האָט זיך אזוי אָנגעטרונקען, אז איך האָב ניט געקאָנט פער־טרויען דיזען בעזויפענעם לומפּ דאָס יונגע קינד.

— זאָלען מיר אפשר אויפמאַכען נאָך א פּאָר פלעשלעך וויין ביי פלאום׳ען ?

פאַלק האָט זיך אָנפאַנגס געקווײנקעלט, נור מיט א מאָל האָט ער ווידער דערפיהלט אין זיין זעעלע יענעם קרענקליכען, ווילדען שרעק, וועלכער האָט איהם אזוי געהיט, געהיט... אַך, נור אַליין מיט זיך ניט בלייבען... אָ, ניין ! ניין !

— מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען, מיינע הערען...

.10

כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט איז דער רעסטאָראַנט פון דעסטוועגען נאָך געווען אָפען.

דער רעדאַקטאָר האָט געבעטען מען זאָל דערלאַנגען א פלאַש וויין צום טיש.

— מיך פרעהט זעהר, — האָט ער זיך געווענדעט צו פאַלק'ען,
— וואָס איך האָב זיך בעקענט מיט אייך. אַלץ וואָס איהר האָט געזאָגט איז אפילו זעהר אינטערעסאַנט, אָבער מיר דוכט, אז אייערע שליסע זיינען שוין פיעל צו שאַרף און אַזוי אָנגעצויגען.

— יא, דאָס איז ריכטיג. אָבער איך טהו עס אבזיכטליך אזוי. יעדע זאַך האָט אין זיך טויזענדע זייטען. און מען קען ניט זאָגען, אז זיי זאָלען שוין טאַקע ליגען אַזוי איינגעאָרדענט איינס נעבען אַנדערען, אז עס זאָל זיין לייכט און בעקוועם פאַנאַנדערצו־לייגען זיי. פערקעהרט, ביי אַן אַנדער שיין נעהמט יעדער זאַך אָן אַן אַנדער אויסזעהן. יעדע זאַך איז אַ טויזענד־עקיגע סטערעאָ־מעטרישע פאָרם, די שיין אָבער פאַלט בלויז אויף איהר פלאַכע; און דער גאַנצער פּאָקוס פונ'ם מענשען'ס אורטהיילען בעשטעהט אייגענטליך אין דעם, וואָס זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גיט ער אוועק בלויז אויף איין בעלויכטענעם ווינקעל, אָדער אין בעסטען פאַל נאָך 2־3 ווינקלען, וואָס געפינען זיך אין שכנה'שאַפט פון יענעם בעלויכטענעם.

פאַלק האָט אין איין זופּ אויסגעטרונקען זיין גלאָז וויין.

— וואָס, אייגענטליך, איז אורטהייל? ווי אַזוי קען מען גאָר איבערהויפּט אורטהיילען? דיעזעס איז מעגליך נור דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אומשטענדען פון אויסערליכען לע־בען, אָדער וועגען קאַמפּף אום'ס דאַזיין. אָבער אורטהיילען אין ריינעם געדאַנקען־זין — דאָס איז אַ שטריק פון זאַמד. איך פער־זענליך האַלט פאַר אונמעגליך אויסצושפּרעכען וועלכע ניט איז בעשטימטע אורטהיילע איבער עטוואס סיידען מען צווינגט מיך דערצו. אָה, דעמאָלט איז עטוואס אַנדערש. דאַך אָננעהמען מיי־נע רייד פאַר עטוואס אבסאָלוטעס האָט קיין שום זין ניט. איך דערצעהל בלויז מיינע פּערזענליכע איינדריקע, וועלכע איך האָב געקריגען פון דער אָדער יענער זאַך, אָבער כלל ניט קיין אור־טהיילע.

— דאָס איז מעטאַפיזיקע, הערר פאַלק, — האָט אַ זאָג גע־טהאָן דער רעדאַקטאָר. איך הויב עס ניט אָן צו פערשטעהן.

— דער יונגער דאָקטאָר האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט

צום געשפרעך. איהם איז פּלוצלונג איינגעפאַלען, אז איצט וואָלט געווען א פּלאַן גוט א רייץ טהאָן ךים עטוואס דעם רעדאַקטאָר. פאָלק האָט דאָך געהאַט בעזונדערע פעהיגקייטען אַבצולאַכען פון אַלץ.

— און וואָס איז אייער מיינונג וועגען דעם צוקינפטיגען סאָציאַלען שטאַאט? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

דער רעדאַקטאָר האָט אונרוהיג אָנגעהויבען פינגלען מיט די אויגען, ער האָט אין דעם דאָקטאָר'ס פראַגע געפיהלט א בייזען געדאנק אַבצולאַכען פון איהם.

— וואָס איך דענק וועגען דעם? איך האָב דאָך ביים לאַנד־ראַטה ארויסגעזאָגט מיין מיינונג איבער דעם.

און איבריגענס אינטערעסירט עס מיך נאָר אויף אַזוי פיעל אויף וויפיעל דאָס בעריהרט דעם געביט פון קונסט. אָט פון דיע־זען שטאַנדפּונקט בין איך פּאָלקאָם איינפערשטאַנען מיט אַלע פאַנ־טאַזיעס, מיט אַלע אילוזיעס, וועלכע ווערען געבוירען אינ'ם מענש־ליכען מאַרך.

ווייל, זעהט איהר דען ניט, — ווי באַלד אַלצדינג וועט בע־לאַנגען צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלען דאָך שוין דורך דעם מסתמא פאַר'ן קינסטלער אויך געשאַפען ווערען גינסטיגערע אומ־שטענדען צום עקזיסטירען, און ער וועט קענען רוהיג איבערגעבען זיך צום שאַפען. פון דער צווייטער זייט ווידער וועלען מענשען, וועלכע האָבען זיך אַבגעגעבען צו קונסט נור ווייל דאָס בעצאָהלט זיך בעסער, אָדער מחמת פוילקייט, אָדער גאָר דערפאַר, ווייל זיי האָ־בען ניט געהאַט די מעגליכקייט אויסצוקלייבען זיך א מעהר פאַסיגע בעשעפטיגונג, זיין גליקליך, ווען ביי דער אַלגעמיינער גלייכהייט און ביי א זעקס־שטונדיגען ארבייטס־טאָג וועלען זיי קריגען בע־שעפטיגונג אין קלייטען, קאָנטאָרען א. ז. וו. א קינסטלער וועט דאַמאָלט זיין נאָר דער, וועלכער איז אמת בערופען דערצו.

דער רעדאַקטאָר, וועלכער האָט יעדעס וואָרט זיינס אָנגענו־מען פאַר שפּאַט, האָט זיך צולאַכט מיט אויפרעגונג.

— נו, וואָס ווייטער אַלץ בעסער! ווי איך זעה שעצט איהר די קינסטלער אויך ניט זעהר?

— פערשטעהט זיך, איך שעץ זיי לחלוטין ניט, ווייל זיי עקזיסטירען כמעט ניט. און די יעניגע וואָס האָבען שוין אפילו יא אין זיך א געטליכען פונק פערלירען זיי איהם זעהר שנעל, ווייל זיי זיינען געצוואונגען צו טראָגען זייער טאַלאַנט אויפ׳ן מארק...

פאַלק איז מיט א מאָהל געווארען ערנסט.

— ביי מיר איז נאָר דער א קינסטלער, וועלכער קען ניט שאַפען אנדערש ווי אונטער׳ן דראנג פון אן אונבעשטרייטבארען וואולקאַנישען אויסברוך אין זיין נשמה; נור דער, וועלכער וועט קיין איין וואָרט ניט אָנשרייבען, וואָס זאָל ניט זיין ארויסגעריסען פון הארצען, וואָס זאָל ניט פאָרשטעלען מיט זיך א לעבעדיגען אָרגאַניזם אָנגעפילט מיט בלוט...

און איבריגענס...

פאַלק האָט מיט א שטילען שמייכעל א קוק געטהאָן אויפ׳ן רעדאַקטאָר׳ס פערוואונדערטע פיזיאָנאָמיע.

— זיינען דען פאראַן אזעלכע מענשען? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט פערוואונדערט.

— יאָ, ס׳זיינען פאראַן אזעלכע, אָבער זיי זיינען פערשאָלטען, פערשפּאָטעט, און דער המון רעכענט זיי פאר אידיאָטען. חאָ, חאָ, חאָ!...

פאַלק האָט זיך פערקלעהרט.

— יאָ, יאָ! איך האָב שוין געזעהן ווי איינער פון דיעזע גרעסטע זשעניען איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. ער איז געוועזען מיין חבר פון שולע. דאָס איז געוועזען דער בעסטער מענש, וועלכען איך האָב ווען געקענט. ער פלעגט זיין אָט זעלטען צערטליך, און אָט גראָב, אָט דעליקאַט, און אָט שטרענג. אָט איז ער געוועזען עהנליך צו בראָנזע און אָט צו שווארצע האָליץ, אָבער שטענדיג ערהאבען שעהן. דאָס איז געוועזען א מענש פון גרויסע, טיעפע ליעבע און פון מאַיעסטעטישע פעראכטונג.

— אָבער לאָמיר בעסער טרינקען דעם וויין, ווען ניט וועט ער דאָך אויסטריקענען, צום טייפעל...

— יאָ, דאָס איז געוועזען א וואונדערבארער מענש. חאָ, חאָ — כ׳געדענק, ווען מיר זיינען נאָך אויף איין באנק אין קלאָס געזעסען,

פלעגט ער פערפאסען אזעלכע זאנדערבארע זאכען אויף דער טהעמא: ווי אזוי צו עהרען די העלדען נאך זייער טויט.

און ווייסט איהר וועלכע אכטונג ער האט געהאלטען פאר דער העכסטער?

— נו?

ער האט געשריעבען, אז דער גרעסטער כבוד פאר'ן פערשטארבענעם העלד וועט זיין, ווען שוין א צופוילטען אין דער ערד, וועלען די פויערים אויסגראבען זיינע ביינער, און וועלכער ניט איז פאסטוכעל וועט פון זיין פוס־ביין, למשל, מאכען פאר זיך א פייפעלע און וועט אויף דעם אויסזינגען ליעדער פערפאסט צו זיין עהרע.

און א צווייטען מאהל האט ער זיך פערגונען צו טענה'ן, אז מלחמה־אויסשלאכטונגען לייזען די העכסטע קולטור־פראבלעמען. די קערפערס פון די געפאלענע שטרייטער דיענען אלס בעסטער מיטעל צו פעט מאכען די ערד, א סך א בעסערער פון סופערפאספאט.

איך גיב צו, אז דאס איז א ביסעל גראבלעך, אבער די נאטור אליין איז דאך אויך גראב. זאל זיין, אז דאס איז א צינישער שפאס, אבער פונקט אזוי ציניש שפאסט דאך אויך די נאטור איבער דעם מענשען.

דער רעדאקטאר האט זיך געפיהלט בעלײדיגט.

— זעהר שלעכט איז, וואס הערר פאלק האלט אלס אונווירדיג צו רעדען מיט אונז ערנסט. צו ערלויבט זיך נאר ניט הערר פאלק שוין צופיעל אבצולאכען פון אונז?

— זאל מיך גאט אויסהיטען פון אבלאכען.

דאן זיינען דאך דיעזע בעריהמטע אינדיווידועלע אנשויאונגען אייערע, וועלכע איהר האט דא אויסגעשפראכען, אין בעסטען פאל ניט מעהר ווי פאראדאקסען?

פאלק איז געווארען אויפגערעגט, אבער ער האט זיך אנגעשטרענגט ניט ארויסצואווייזען עס.

— מיינע מיינונגען, איבערצייגונגען, אנשויאונגען און אורטהיילע זיינען געוויס נור פאר מיר פון וועלכער ניט איז בעדײ־

טונג, און מעהר פאר קיינעם ניט. פאר זיך אליין בין איך א גאנצע וועלט, און מיר איז גאנץ עגאל אויב ווער איז איינפערשטאנען מיט מיר אדער ניט.

— חע, חע, איהר זיינט הפנים פון א גאנץ הויכער מיינונג וועגען זיך.

— געוויס. און דאס איז די פליכט פון יעדען מענשען. אט הערט אויף טשיקאוועס: אין דרעזדען וואוינט א געוויסער עהר־ענהאפטער מאן מיט'ן נאמען הענריך פודאר. אלע האלטען איהם פאר א שארלאטאן, און ווירקליך, ער האט אין זיך אייניגע זעהר קור־ריעזע אייגענשאפטען, און דאך, אבגעזעהן פון דעם אלעם, ליעגט אין איהם פערבארגען א מין אונגעוועהנליכע קראפט.

דא ניט לאנג האט ער אין מינכען אויסגעשטאטעט אן אויס־שטעלונג פון זיינע בילדער. די בילדער זיינע זיינען געווען פשוט לעכערליך און האבען קיין שום ווערטה ניט געהאט. אינטערעסאנט איז אבער געווען דער קאטאלאג, וועלכען ער אליין האט פערפער־טיגט. אין דיעזען קאטאלאג איז געווען אנגעשריעבען: א י ך בין — איך. כ'בין ניט קיין קינסטלער און נישט ניט קיין קינסט־לער, איך האב ניט קיינע אנדערע אטריבוטען חוץ איינעם: איך בין איך.

און דאס איז זעהר גוט געזאגט.

איהר, הערר דאקטאר, האט א טעות. דאס איז ניט קיין פוסטע פראפעסיאנעלע גדלות. ווייל קוים בין איך א מענש, שטעל איך דאך צו דער זעלבער צייט פאר מיט זיך א געהיימניספאלען, פער־בארגענעם, שטוינענד־טיעפען טהייל פון דער נאטור. און דריבער קען איך זאגען: זעהט, אט זיינען מיינע בילדער. מעגליך, אז זיי זיינען לעכערליך, זיי זיינען אבער מיינע. און קוים האב איך זיי געשאפען אונטער'ן איינפלוס פון אן אונבעשטרייטבארען אינערן אימפולס, דריקען זיי דאך אויס מיין אייגענעם איך פיעל בעסער איידער דאס וואלטען געקענט טהאן מיינע חסרונות אדער מעלות. דאס איז אן אויסדרוק פון מיין אינדיווידואליטעט. ווער עס אינ־טערעסירט זיך מיט איהר, דער זאל קומען זעהן מיין בילדער־אויס־

שטעלונג. דאָס בין איך זעלבסט און אין מיר איז קיין זאך ניט פאַראַן, מיט וועלכער איך זאָל זיך דאַרפען שעהמען.

— אָבער דיעזעס איז דאָך שוין טאַקע גאָר אַן אמת'ע גרויס־קייט־מאַניע! — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען.

— ניט קיין אמת'ע און ניט קיין כלומרשט'דיגע איז עס. איהר דאַרפט וויסען, אַז גרויסקייט־מאַניע ווערט געבוירען אויפ'ן באָדען פון פערלוירענער אייגענער אינדיווידואַליטעט. אָבער ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין דער געפיהל פון מיין אייגענעם איך און זיין בעדייטונג, איז אין דעם קיין שום אוננאָרמאַלעס ניטאָ. פער־קעהרט, אַזאַ מין פעסטער גלויבען אין זיך ניט נאָהרונג צו דער מענשהייט, דיעזעס שאַפט שטאַרקע אינדיווידועז, אין וועלכע עס פיהלט זיך איצט אַזאַ גרויסער מאַנגעל. עס גיט צו מאַכט און קראַפט און אַ מין הייליגען מוטה, דורך וועלכען אַלץ ווערט גע־שאַפען.

יאַ, יאַ, העררר רעדאַקטאָר! נור דיעזעס, נור דיעזער געפיהל אַליין גיט צו דרייסטקייט און מוטה צום צושטעהען, און צו פער־דאַנקען דיעזען צושטערען ווערט אויפגעבויט אויף די רואינען אַלעס וואָס איז ערהאַבען און שעהן...

אָבער לאָמיר איבערלאָזען דיעזען געשפרעך. מיר פערלירען נור צייט אין נאַרישע געשפרעכען, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי גיסען וואַסער דורך אַ זיפּ. און צום טייפעל, דיעזע אַלע וועלט־פּראָבלעמען! העי, קעלנער, אַהערצו נאָך אַ פלאַש וויין!

און זיי האָבען וויטער געטרונקען. פאַלק איז געווען אונרו־היג, שטאַרק נערוועז. און עס האָט איבערהויפּט געהערשט אַ גע־הויבענע שטימונג.

באַלד האָט דער רעדאַקטאָר אָנגעפאַנגען אַ שכור'ע נשמה־אויסגיסונג.

— איך ליעב אייך, פאַלק, שיקט מיר נאָר אַן אָריגינעלע קאָררעספּאָנדענץ פון פּאַריז.

— כ'וועל שיקען, שיקען, יעדע וואָך וועל איך שיקען.

דער דאָקטאָר האָט געלאַכט וויפיעל כח ער האָט געהאַט.

— חאַ, חאַ, אַ קלעגליכע בלעטעל, אָנגעפילט מיט אַנאָנסען

וועגן פערשיעדענע יאַרידען און מאַרקען אין דער סביבה וועט דרוקען קאָררעספּאָנדענצען פון פּאַריז. וואו געפינט זיך יענע שטעדטעל — פּאַריז? כאַ, כאַ, כאַ — אָט דאָס איז שאַרפזיניג!

דער רעדאַקטאָר האָט זיך געפיהלט שטאַרק בעליידיגט.

פאַלק האָט מיט טיעפער אונרוהיגקייט זיך צוגעהערט צו זיך זעלבסט.

ווידער האָט איהם בעפאַלען אַזאַ טיעפער בענקען נאָך זיין פרוי, אז ער האָט אפילו וועגען מאַריט פערגעסען: קיין זאַך האָט ער איצט ניט געפיהלט צו איהר, ניט קיין ליעבע און ניט קיין גאַרען...

ווען ער איז געקומען אהיים, האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען.

ער האָט זיך איינגעוואַשען, געזעצט צום טיש און גענומען שרייבען:

„מיין טהייערע, טהייערע איזאַ!

„איך בין ווי שכור פון ליעבע צו דיר, ווי משוגע פון בענקען נאָך דיר. קיין זאַך אין דער וועלט אינטערעסירט מיך ניט חוץ דיר, דיר אליין.

„און דו, ליעבסטו מיך? אָה, זאָג, זאָג, אז דו ליעבסט!

„ווי אזוי וועל איך דיך געפינען, ווען איך וועל קומען צו דיר? בין איך אלץ דיין גרויסער, שעהנער בעפעהלער?

„וואָרום איז דיין לעצטער בריעף אזוי טרויעריג?

„אַך, ווי אלעס אין מיר רייסט זיך צו דיר! ווי איך דורשט צו זעהן דיך! אָה, ווען דו וואָלסט איצט געווען לעבען מיר!

„און איך, בין איך פאַר דיר אויך דאָס זעלבע וואָס דו ביסט פאַר מיר? ליכט, לופט, לעבען? איצט ווייס איך עס שוין פאַר זיכער: מיין איינציגער געזעץ, מיין איינציגער דאָגמאַט איז — אז אָהן דיר קען איך ניט לעבען!

„טו ליעב מיך, איזאַ, ליעב מיך מעהר ווי דו קענסט, ניין, ליעב נור אזוי ווי דו קענסט, און דו מיין איינציגע, דו קענסט ליע־בען!

„אַ גאַנצע ביבליאָטהעק וועל איך אָנשרייבען נור כדי דו זאָלסט האָבען וואָס צו לעזען, דיין קלאָון וועל איך זיין, כדי דו זאָלסט לאַ־

כען אין מינוטען פון לאנגווייליגקייט, די גאנצע וועלט וועל איך צו דיינע פיס ווארפען, און וועל זיי צווינגען זיי זאָלען דיך שע־צען און ריהמען אַלס זייער הערשערין. אָבער, ליעב מיך, ליעב מיך!

„אין צוויי טעג ארום וועל איך זיכער זיין מיט דיר צוזאמען...
דיין מאַן“.

ווען פאלק האָט זיך דורכגעשלאָפען און האָט דערנאָך ווידער איבערגעלעזען זיין בריעף, האָט ער פון צוויי טעג איבערגעמאכט אויף פינף, און דערנאָך ערשט האָט ער איהם אװעקגעשיקט.

11.

פאלק און מאַריט זיינען געבליבען שטעהן אַביסעל צומישט. נאָך פון ווייטען האָט ער איהר דערזעהן לעבען טייך און האָט זיך פערקירעװעט צו איהר.

— ניט אמת, אז ביי מיר איז א שארפע ראיה?

— יאָ, עס איז שווער געװען צו בעמערקען מיך דאָ.

מען האָט געשוויגען.

דער טאָג האָט געהאַלטען אין ענדיגען זיך. עס איז געווען שטיקענד היים, דער הימעל פערצװיגען מיט װאָלקענס. זיי האָ־בען זיך געזעצט ביים ברעג, און פאלק האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק אויף דער שפּיגעל־גלאַטער פלעכע פון טייך.

— װאונדערבאר, ס'ארא שטילקייט עס הערשט איבער'ן טייך. אזא מין שטילקייט, אז טיעפע, שווערע, אזוי צו זאָגען, אזא איי־בער־שטילקייט האב איך געזעהן בלויז איין מאָהל...

— װאו?

— ביים נאָרװעגישען פיאָרד (טייך). אָה, דאָס איז אזוי װאונ־דערבאר שעהן...

און װיעדער האָבעןביידע געשוויגען.

מאַריט איז געװען זעהר אונרוהיג.

— וױ אזוי האָט איהר זיך צוגעשלאָגען נעכטען אַהיים?

— אָה, גוט, זעהר גוט...

דער געשפּרעך האָט זיך יעדע מינוט איבערגעריסען.

— ווי שטיקענד עס איז, — האָט פאַלק ענדליך אַרויסגעזאָגט.

— אין שטוב איז איצט אַ סך קיהלער.

מען איז אוועק צום הויז.

פאַלק האָט געפּרואווט זיין מיט איהר אַ ביסעל מעהר אינ־טים.

— נעכטען האָב איך איבערגעלעבט די שעהנסטע נאַכט פון מיין לעבען.

מאַריט האָט געשוויגען. בלויז אנגסטליך אַ קוק געגעבען אויף איהם.

פאַלק האָט דעם בליק פערשטאַנען. איהם האָט דיעזער שוויי־גענדער ווידערשטאַנד אַזוי געפּייניגט און אויפגערעגט. היינט מוז ער ענדליך אַ סוף מאַכען צו דעם אַלעם. ער האָט געפיהלט, אַז אַזוי מוז עס זיין, אַז עס איז אונפערמיידליך, איז ער אָבער געווען אַזוי אויסגעמוטשעט.

מען מוז זיך אויפרודערען אביסעל. אָה, ער האָט זיך גוט גע־קענט: שוין נאָכ'ן צווייטען גלעזעל פלעגט אין איהם אָנהויבען די ארבייט. איבער אַלע זיינע גליעדער האָט זיך דאַן צוגאָסען אַזאַ ענערגיע, וואס ווייס ניט פון קיינע הינדערניסע.

— עס געפינט זיך אפשר ביי אייך וואָס צום טרינקען? איך האָב זיך אַזוי אָנגעגעסען מיט שטויב.

מאַריט האָט געבראַכט אַ פלאַש וויין. פאַלק האָט שנעל אויס־געזופּט איין גלאָז, דערנאָך ברייט זיך געזעצט אין שטוהל און האָט מיט אָנשטריינגונג געקוקט אויף איהר.

מאַריט האָט ניט געוואגט אויפצוהויבען די אויגען.

— וואס איז מיט אייך? זיינט איהר וועלכען פערברעכען בעגאַנגען? צו וואָס?

מאַריט האָט געקוקט אויף איהם מיט טיעפען טרויער.

— זייט גוט צו מיר היינט. זאָל זיך מעהר ניט ווידערהאָלען דאָס, וואָס איז נעכטען פאָרגעקומען. איך האָב אַזוי געליטען אַ גאַנצע נאַכט... אָה, וואָס פאַר אַ שרעקליכער מענש איהר זיינט...

— ווירקליך? איהר רעבענט אַזוי?

— מען דארף ניט לאכען פון מיר. איהר האט אלעס ביי מיר צוגענומען. איך קען מעהר ניט בעטען צו גאט, ווייל די גאנצע צייט קלער איך וועגען דעם, וואס איהר האט מיר געזאגט. מיט אייערע געדאנקען קלעהר איך... יעדען געפיהל פון שאנד האט איהר ביי מיר צוגענומען.

— איך קען אוועקגעהן...

— אך, ניין, ניין, עריק... זייט נור גוט צו מיר... טהוט וואס איהר ווילט... נור ניט דאס. פאדערט עס פון מיר ניט.

איהר געזיכט איז געווען אזוי טרויעריג, אז ניט ווילענדיג האט פאלק דערפיהלט רחמנות צו איהר.

ער איז צוגעגאנגען צו איהר, געקושט איהר האנד און גענומען שפאנען הין און צוריק איבער'ן צימער.

— זעהר גוט, מאריט, איך וועל פון דיר מעהר קיין זאך ניט בעטען. אבער איך וויל דו זאלסט מיר זאגען — „ד ו"... מיר זיינען דאך שוין אזוי נאהענט איינס צום אנדערען. אונזערע בע־ציהונגען זיינען שוין אזעלכע ענגע. ועסטו מיר זאגען „דו"?

— יא, וועסט זאגען?

פאלק איז געבליבען שטעהן פאר איהר.

— כ'וועל פרואווען — האט זי ארויסגעשעפטשעט.

— ווייל זעהסטו, מאריט, איך ליעב דיך פשוט ביז וואהנזין. גאנצע טעג בלאנקע איך אום פון איין ארט אויפ'ן צווייטען און נאר איך טראכט וועגען דיר. דורך די נעכט שלאף איך ניט, — טו וואס קען איך טהאן? און איך טרינק אלץ, כ'טרינק אבי צו בערוהיגען זיך. גאנצע נעכט זיץ איך אין קאפע־הויז מיט יענע אידיאטען, און הער אוים זייערע דומהייטען, וועלכע פערשאפען מיר טאקע ממש פיזישע שמערצען. געה איך אוועק און ווידער בעפאלט מיך דער זעלבער פיין, די זעלבע אונרוהיגקייט...

איך וויים, כ'וויים, טהייערע מיינע, אז דו ביסט אין דעם ניט שולדיג. איך בעשולדיג דאך דיך ניט, אז דו ברענגסט מיך אום...

און איך וויים אויך, אז דו וועסט פאר מיר אלץ טהאן — כא, כא... איין זאך נאר וועסטו ניט טהאן, וועלכעס איז אייגענט־ליך דער איינציגער בעווייז פון ליעבע, — נור די איינע זאך וועס־

טו ניט טהאָן... מעגסט מיר טויזענד מאָהל איבער׳חזר׳ען אז דו ליעבסט מיך, וועל איך אלץ איינס ניט גלויבען, ווייל ממה נפשך, איז דיעזע ליעבע א ווירקליכע, דאן ווייס זי ניט פון קיינע גרענ־צען, פון קיין קליינליכער שאַנד, דאַן איז זי בלינד, אונבעגרע־נעצט. זי איז ניט ערהויבען און נישט נידריג. ניט זי האָט עבירות און ניט זי האָט פערדיענסטע. זי איז מעכטיג און גרויס ווי די נאַטור אליין.

אָדער... — איבריגענס, ניין, עס איז ניטאָ דערביי קיין שום אָדער... עס איז דאָ נור איין מין ליעבע, און דיעזע ווייס ניט פון קיינע געזעצע, פון קיין גלויבען אָדער שאַנד, זי שטעהט העכער פון אלע פאָראורטהיילע, וועלכע שמיעדען צונויף דעם מענשען... און אלעם אנדערעס איז נור קאפריז, פאנטאזיע און א מיטעל גע־גען לאנגווייליגקייט... כא, כא, כא...

ער איז געבליעבען שטעהן פאר איהר און האָט גיפטיג גע־לאכט.

— טהייער קינד מיינס, מיר האָט זיך געוואָלט האָבען אן אָדלערין, וועלכע זאָל זיך מיט מיר צוזאמען אויפהויבען צו דער הויך פון מיין איינזאמקייט און געקראָגען האָב איך א צארטע, שרעקעדיגע טייבעלע; איך האָב געוואָלט האָבען א ווילדע שטאָלצע לייבין און געקראָגען האָב איך א קראָליקעל, וועלכעס זעהט פאר זיך אין דעם אלעם עפּעס ווי א מין אָפּען מויל פון א בייזען גיפ־טיגען שלאַנג...

ניין, ניין, שרעק זיך ניט; קיין זאך וועל איך דיר ניט טהאָן.

מאַריט האָט הויך געוויינט.

— וויין ניט, מאַריט, וויין ניט. איך וועל משוגע ווערען אויב דו וועסט וויינען. איך האָב ניט געמיינט צו פערשאַפען דיר שמערץ, אָבער אין מיר פּלאַטערט אזוי אלץ און עס רייסט זיך צו דיר, איינציגע מיינע, געליעבטע מיינע...

מאַריט האָט אלץ געשלוכצט.

— וויין ניט, וויין ניט, זון מיינע, — האָט ער זיך אראָבגע־לאָזען אויף די קניע פאר איהר, און האָט בעדעקט איהרע הענד מיט קושען.

— ווייַן ניט...

ער האָט איהר אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, געקושט איהרע אויגען, געגלעט איהר געזיכט, און אַלץ מיט מעהר ליידענשאַפט געגלעט און אַרומגענומען איהר ליבטיגען שעהנעם קאָפּ.

— איינציגע מיינע, טהייערע מיינע, מיינע, מיינע...

און זי האָט זיך צוגעדריקט צו איהם, אַרומגענומען מיט איהרע הענד זיין האַלז, און זייערע ליפּען האָבען זיך בעגעגענט אין אַ לאַנגען, ווילדען קוש.

זי האָט זיך ענדליך אַרויסגעריסען פון איהם.

פאַלק איז אויפגעשטאַנען.

— נו, איצט איז אַלץ גוט, טו גיב כאָטש איין שמייכעל, איינעם...

מאַריט האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

פאַלק איז לעבעדיג געוואָרען. ער האָט אַלץ געטרונקען און דערצעהלט אַ סך אַנעקדאָטען, געזאָגט מעהר אָדער ווייניגער גע־לונגענע וויצען... און מיט אַ מאָהל געבליבען שווייגען.

אַ שווערע, שטיקענדע שטימונג איז ענטשטאַנען אין צימער.ביידע האָבען זיך אונרוהיג איבערגעקוקט און שווער געאָטהעמט.

עס איז שוין געוואָרען פינסטערליך. די דיענסט איז אַריינ־געקומען און האָט אָנגעצונדען די לאָמפּ. [?]

עס איז שוין געוואָרען פינסטערליך. די דיענסט איז אַריינ־געקומען און האָט אָוועקגערופען מאַריט.

פאַלק האָט איהר לאַנג נאָכגעקוקט.

אַ ווילד־טהירישעס גרויזאַמעס גאַרען האָט אויפגעוואַכט אין איהם. דאָס איז געווען אַ מין פּער'עקשן'טער, בייזער געפיהל; אַ שטיין וואָס קייקעלט זיך, און כאָטש ער ווייס אַז ער וועט אַזוי אַראָפּ אין אָבגרונד, קייקעלט ער זיך דאָך.

אין צימער איז געוואָרען אַלץ פינסטערער.

דער הימעל האָט זיך פערצויגען מיט גראָבע שוואַרצע וואָל־קענס; די אונערטרעגליך שטיקענדע היץ איז פון מינוט צו מינוט גרעסער געוואָרען.

פאַלק האָט זיך אויפגעהויבען און האָט גענומען שפּאַנען אי־בער'ן צימער טיעף פערטראַכט.

— פאַלק, קומט עסען אָוועגד־ברויט!

ער האָט גענומען איהר אָרעם און פעסט צוגעדריקט זי צו זיך.

ביידע האָבען געשוויגען ביים טיש. וויפיעל מאָהל פאָלק האָט זיך ניט געפּרואווט פערפיהרען אַ געשפּרעך, האָט ער זיך באַלד אָבגעהאַקט. אָבגעגעסען, און אַריין צוריק אין גאַסט־צימער. פאָלק איז געוועזן טיעף פערטראַכט.

— זיי ניט בייז, מאַריט, וואָס איך וועל היינט פערבלייבען ביי דיר אביסעל לייגנער... עס רוקט זיך אָן אַזאַ שטורם — און דערצו קען איך אַלץ איינס ניט שלאָפען, מיך שרעקט די איינ־זאַמקייט. הם, הם... איך שטער דאָך דיר ניט?...

מאַריט האָט אויפגעציטערט און איז שטאַרק רויט געוואָרען.

אַ שטיקעל צייט זיינען ביידע געזעסען און געשוויגען. אַלעס ארום איז שוין געשלאָפען. די גאַנצע ווילאַ איז געוועזן ווי פער־שטאָרבען.

די שווערע, דריקענדע שטילקייט פון ערב אַ שטורם איז גע־האַנגען איבער זיי, האָט פערפּרעסט די ברוסט, דאָס קלאַפּען פונ׳ם זייגער האָט פערשאַפט כמעט פיזישע שמערצען.

— דיך שרעקט ניט צו בלייבען אַליין אין דיעזען גרויסען, פוסטען הויז?

— אָה, צייטענווייז שרעק איך זיך זעהר. איך פיהל זיך דאָ צייטענווייז אַזוי עלענד, פערוואָרפען, עפּעס ווי איך וואָלט געוועזן אַליין אין דער גאַנצער וועלט. איך וואָלט דאַן אין אַ גרוב זיך בעגראָבען אויס שרעק.

— אָבער היינט פיהלסטו דיך ניט עלענד?

— ניין.

ווידער אַ לאַנגער, דריקענדער שווייגען.

— געפינען זיך נאָך ביי דיר, מאַריט, די פּערזען, וועלכע איך האָב דיר אָנגעשריבען לעצטען פריהלינג? איך וואָלט זעהר געוואָלט איבערלעזען זיי איצט.

— זיי זיינען אויבען אין מיין צימער. כ׳וועל זיי שוין ברייגען.

— ניין, מאַריט, כ׳וועל מיט דיר געהן. אין דיין צימער איז פיעל אַנגענעהמער. אויך מיך שרעקט דאָ עטוואָס, און דו ווייסט דאָך ווי ביי מיר זיינען די נערווען צושרויפט.

— אָבער עס קען דאָך ווער דערהערען, ווי מיר געהען אויף די שטיגען.

— האָב קיין מורא ניט, כ'וועל געהן אזוי שטיל, אז קיינער וועט ניט הערען. איבריגענס שלאָפען דאָך שוין דאָ אַלע.

מאַריט איז געשטאַנען אונענטשלאָסען.

— טו שרעק זיך ניט, טויב מיינע איינציגע. קיין זאַך וועל איך דיר ניט טהאָן, קיין זאַך ניט. איך וועל בלויז זיצען שטי־לינקערהייד און וועל מיר לעזען מיינע ליעדער.

עס האָט אַ קלאַפּ געגעבען אַ שטאַרקער דונער.

— זעהר, זעהר שטיל. און ווען דער שטורם וועט זיך ענ־דיגען, וועל איך מיר גאַנץ רוהיג אַוועק אַהיים.

זיי זיינען ענדליך אריין אין איהר צימער. ער האָט פער־שפּאַרט די טהיר; ביידע זיינען געבליבען שטעהן ביים שוועל ווי איינגעגראָבענע. די לופט פון ארום האָט ווי געאָטהעמט און אין הייסע לעבעדיגע רינגען געוויקעלט זיך ארום זייערע קערפּערס.

מיט אמאָל האָט מאַריט דערפיהלט ווי ער האָט איהר ארומ־געכאַפּט מיט אַ ווילדען, דורשטיגען אומאַרמען. פאַר איהרע אוי־גען האָבען געשוועבט און גערדרעהט זיך אַלערליי קאָלירען פון אַ רעגען־בויגען, און אין האַרצען האָט זי געשפּירט אַ ווילדע פרייד פון דיעזען פערדריקטען טאַנצען איבער'ן אָבגרונד.

זי האָט פערוואָרפען איהרע הענד ארום זיין האַלז און בלינד אריינגעוואָרפען זיך אינ'ם אָבגרונד פון פערבאָטענעם גליק.

און פּלוצלונג איז זי אויפגעשפּרונגען אין שרעק.

— ניין, עריק, אין גאָטעס ווילען, נאָר ניט דאָס.

זי האָט שווער געאָטהעמט.

פאַלק האָט איהר ארויסגעלאָזען פון זיינע אָרעמס און איז געקומען צו זיך.

עס איז ענטשטאַנען אַ לאַנגער שווייגען.

— הער אויס, מאַריט, — האָט פאַלק אָנגעהויבען אזוי קאַלט און טרוקען, — איצט וועלען מיר זיך שיידען. זעהסטו ווי פייג דו ביזט... ס'איז אַ שאַנדע אָבצוטרעטען איצט — איצט... דו ביסט אַ טייבעלע, אַ קראָליקעל, און איך בין אַ גוטער מענש, כ'בין

א גוטער, ווייכהערציגער מענש. דו האָסט קיין מוטה ניט צו זאָגען מיר: געה, מיין עריק, געה, לאָז מיר איבער מיין ריינעם געוויסען, לאָז מיר מיין נאַרישע, נוצלאָזע, יונגפרווילכע ריינקייט... יאָ, דיר פעהלט מוטה צו זאָגען עס מיר... איך בין שטאַרקער פון דיר, איך בין אַ מאַן און דעריבער געה איך אַוועק. בלייב געזונט; זאָל זיין וואָס עס וויל. כ'געה אַוועק און לאָז דיר איבער דיין גלויבען, דיין יונגפרויליכע ריינקייט, דיזע נאַרישע, קאַטע־כיזישע ריינקייט — כע, כע, דיין ריינעם געוויסען. כ'וועל דיר לויז מאַכען פון דער זאָגענאַנטער זינד — יאָ, די קאַטוילישע קאַסטראַטען האָבען דאָס שעהנסטע פון אַלץ אָנגערופען זינד... בלייב גליקליך, בלייב זעהר, זעהר גליקליך.

און דער שטורם האָט זיך צושפּיעלט אַלץ שטאַרקער. יעדע סעקונדע זיינען די פענסטער בעלויכטען געוואָרען מיט גרינליכע, שליינגעלדיגע בליצען.

פאַלק איז געגאַנגען צום טהיר.

— עריק, עריק! ווי קאָנסטו זיין אַזוי שרעקליך, אַזוי אונ־מענשליך גרויזאַם?

און איהר גאַנץ לאַנג פערשטיקטער פּיין אין איהר נשמה האָט מיט אַמאָל אויסגעבראָכען אין אַ שטורם פון שלוכצען.

— עריק, עריק! — האָט זי געשריען און קאָנוואולסיוו גע־וויינט.

פאַלק'ן האָט בעפאַלען אַ ווילדער שרעק.

ער האָט געכאַפּט אויף די הענד דאָס וויינענדע מיידעל.

— ניין, מאַריט, איך וועל ניט אַוועקגעהן. מיט דיר וועל איך בלייבען. איך בין שוין ניט אימשטאַנדע אָבצורייסען זיך פון דיר. דאָס איז בלויז געוועזען איין מאָמענט, אַ וואַהנזיניגער מאָמענט. איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל זיין אימשטאַנדע אַוועק־געהן, אָבער איך קען ניט, כ'קען ניט... כ'וועל דיך שוין קיינמאָל ניט איבערלאָזען, מאַריט, זון מיינע, גליק מיינס, איינציגע מיינע...

עס האָט אַ קלאַפּ געגעבען אַ שרעקליכער דונער, וועלכער האָט געהילכט און געקייקעלט זיך איבער'ן גאַנצען הימעל, און

האָט ווי דורכגעריסען דעם שווערען פאַרהאַנג אין דער פערשטיק־טער אַטמאָספערע.

פאַלק'ס ברוסט איז געווען איבערפילט מיט אַזאַ אונגעוועהנליך טיעפער, ליידענשאַפטליכער צערטליכקייט.

ער האָט איהר אומגעטראָגען אויף די הענד, געוויעגט און געגלעט ווי אַ קינד; געשעפטשעט ברענענדע ווערטער פון ליעבע, און פערגעסען אָן אַלץ אַרום איהם.

— כ'וועל דיר געבען אַזאַ גליק... אַזאַ גליק...

שטראָמען פון אַ גוס רעגען האָבען געקלאַפּט אין פענסטער. איצט זיינען זיי געווען אַליין אין דער גאַנצער וועלט. רעגען און שטורם האָבען זיי אָפּגעשניטען פון אַלע מענשען. מאַריט האָט זיך שטארק צוגעדריקט צו איהם.

— וואָס פאַר אַ גוטער, וואָס פאַר אַ גוטער דו ביסט, עריק! און קיינמאָל וועסטו שוין ניט אוועקגעהן פון מיר, — מיר וועלען זיין אַזוי גליקליך...

אייביג וועלען מיר זיין צוזאַמען און וועלען זיין גליקליך — האָט ער איהר מעכאַניש נאָכגערעדט.

און מיט אַמאָל האָט אין איהם ערוואַכט יענעם גרוויזאַמע, דאָס טהירישע אין זיין נשמה, דער שטיין, וואָס קייקעלט זיך צום אָב־גרונד...

ער האָט זי געדריקט צו זיך אַלץ מיט מעהר קראַפט און ליי־דענשאַפט.

זיי האָבען ניט געהערט קיין דונערען, ניט געזעהען קיין בליצען. אַלץ אַרום זיי האָט זיך געדרעהט, ווילד געטאַנצט און סוף כל סוף זיך צונויפגעגאָסען אין אַ ווילד־שוועבענדען גרויסען פייערדיגען קרייז.

פאַלק האָט איהר גענומען...

איין פערשטיקטער געשריי, דערנאָך אַ שטאַמלען, און באַלד אַ קרעכץ פון ווילדען גענוס...

דער שטורם איז אַריבער. ס'איז שוין געווען פיער אַ זייגער אין דער פריה.

— איצט מוזטו געהן, עריק.

— יאָ, כ'מוז.

— אָבער געה נעבען טייך, דערנאָך וועסטו אַריבערקריכען איבער דער קירבען־וואַנד און וועסט אַרויסקומען אויפ'ן גאַס: אַנדערש וועט דיר נאָך ווער בעמערקען.

אין מיטען וועג האָט איהם איבערפאַלען אַ נייער שטורם.

אייגענטליך וואָלט איצט נויטיג געווען צו בעהאַלטען זיך וואו. ער האָט אָבער שוין גאָר קיין כח ניט געהאַט. איבריגענס איז דאָך כלל ניט וויכטיג אויב ער וועט אפילו פערנעצט ווערען אביסעל.

געשווינד האָט זיך דער הימעל פערצויגען מיט שוואַרצע גרויסע וואָלקענס, וועלכע האָבען זיך אַלץ נידריגער אַראָבגעלאָזען איבער זיין קאָפּ.

אַ לאַנגער שרעקליכער דונער האָט אויפגעטרייסעלט די לופט, דעם הימעל האָט אַ בליץ אויף צווייען איבערגעשפּאָלטען.

און באַלד נאָך אַ דונער, איין בליץ נאָכ'ן אַנדערען, אַ גוס רעגען, עפּעס ווי די וואָלקענס אַליין וואָלטען אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד.

אין איין מינוט איז פאַלק געוואָרען אַ דורכגעווייקטער. ער האָט עס אָבער כמעט ווי ניט בעמערקט.

מיט אַמאָל האָט ער בעמערקט ווי פונ'ם שוואַרצען הימעל האָט זיך אַרויסגעריסען אַ גיגאַנטישער פייערדיגער זייל, האָט זיך צוטהיילט אויף זיבען בליצען, און אין דעם זעלבען אויגענבליק איז אַ בוים ניט ווייט פון איהם אַרומגעכאַפּט געוואָרען פון פלאַמען.

אַ בליץ האָט איהם דורכגעשפּאָלטען פון אויבען ביז אַראָפּ.

לעבען און צושטערונג!

נו, געווים. וואו עס איז דאָ לעבען, דאָרט מוז אויך זיין צושטערונג, אומבריינגונג. מאָריט! נו, יאָ, מאָריט איז אומ־געבראַכט...

אין פאַלק'ס מאַרך האָט זיך פּלוצלונג דורכגעשניטען ווי אַ בליץ דער ליטער שאַרפער געדאַנק, אַז ער האָט איהר אומגעבראַכט.

— און פאַר וואָס דען ניט? איך בין די נאַטור, דעריבער שאַף איך און איך צושטער דאָס לעבען. איך שפּאַן אַריבער אי־

בער טויזענדע טויטע קערפּערס, ווייל איך מוז געהן, און איך שאַף לעבענס איינס נאָכ'ן אַנדערען אויף נור דערפאַר ווייל איך מוז שאַפען.

איך בין ניט בלויז דיעזער איין איך — איך בין אי דו, אי ער — גאָט, די וועלט, די נאַטור — און נאָך... צו ווייס איך דען וואָס דו ביסט, אייביגע דומהייט, אייביגער שפּאָט!

איך בין ניט קיין מענש, כ'בין אַן אויבער־מענש!... כאַ, כאַ, כאַ, אַן אויבער־מענש! — האָט ער זיך געקייקעלט פון לאַכען איבער דיעזען פאַנטאַסטישען וואָרט, — יאָ! אַן אויבער־מענש, כאַ, כאַ, כאַ, — האָט ער אַלץ געלאַכט אַזוי קרענקליך — אַן אויבער־מענש, כאַ, כאַ...

און ער האָט געזעהן פאַר זיך דעם העל־ברענענדען זייל, וועל־כער האָט זיך אָבגעריסען פון הימעל: אויף זיבען בליצען האָט ער זיך צושפּאָלטען, און אויפ'ן וועג האָט ער אַ טייבעלע דער־הרג'עט און נאָך אויף טויזענדע בליצען וועט ער זיך שפּאַלטען און וועט נאָך טויטען טויזענדע טייבעלעך און קראָליקלעך, און אייביג וועט ער אַזוי געהן, וועט געבאָרען, און וועט טויטען...

ווייל אַזוי וויל דער שיקזאַל.

ווייל אַזוי מוז איך טהאָן.

ווייל מיינע אינסטינקטען פאָדערען עס. ווייל איך בין דאָ ניט בלויז איך זעלבסט. איך — דאָס איז די פּערברעכערישע טייפעלשע נאַטור. נו, זאָל איך זיך דעריבער קלעמען? לעכערליך!

צו ווייסט דען דער בליץ פאַר וואָס ער דער'הרג'עט? און צו קען ער דען אויסקלייבען אַ ריכטונג נאָך זיין אייגענעם ווילען?!

ער קען ניט! ער קען בלויז קאָנסטאַטירען דעם פאַקט, אַז אָן דעם אָדער אָן יענעם אָרט האָט ער דערלאַנגט זיין קלאַפּ, אַז דעם אָדער יענעם אָרט האָט ער צושטערט.

ער קען ניט! ער קען בלויז קאָנסטאַטירען דעם פאַקט, אַז אָן דעם אָדער אָן יענעם אָרט האָט ער דערלאַנגט זיין קלאַפּ, אַז דעם אָדער יענעם אָרט האָט ער צושטערט.

און איך אויך קאָנסטאַטיר, איך שרייב עס אריין אינ'ם

בעשולדיגונגס־אַקט, אַז איך האָב אומגעבראַכט אַן אונשולדיגע טייבעלע...

די לופט איז געווען אַזוי אָנגעזאַפּט מיט עלעקטריציטעט, אַז איהם האָט זיך געדוכט, אַז אַרום איהם ווירבעלט אַ ים פון פייער.

און ער איז געגאַנגען איינגעוויקעלט אין אַ שרעקליכען שטורם, געגאַנגען און געקלעהרט, געגאַנגען עפּעס ווי אַ מין געהיימניספאָלע שרעקליכע מאַכט, ווי אַ טייפעל אַראָבגעשיקט אויף דער ערד, אַ טייפעל מיט אַ גאַנצען גיהנם פון פּיין, צו זייען אַלץ נייע, שאַ־פענדע צושטערונגען.

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָבגעשטעלט פאַר אַ גרוב. ביז די ברעגען איז ער געווען פול מיט וואַסער. אויסמיידען דעם גרוב האָט ער ניט געקענט, ווייל איהם וואָלט דאַן אויסגעקומען צו געהן איבער׳ן שאָסע.

און איבעריגענס איז עס דאָך אַלץ איינס: אַביסעל מעהר וואַסער אָדער אַ ביסעל ווייניגער — איצט איז איהם גאַר קיין חלוק ניט. און איבערהויפּט אַרט איהם איצט קיין זאַך ניט — קיין שום זאַך ניט. ער האָט איבערגעבראָדזעט דעם גרוב — די וואַסער האָט איהם דערגרייכט ביז׳ן אַקסעל.

ווען ער איז געקומען אַהיים און האָט זיך געלייגט אין בעט האָט איהם בעפאַלען אַ שטאַרקער פיבער און עס האָבען זיך אָנ־געפאַנגען שרעקליכע, פאַנטאַסטישע היץ־דייד.

.12

אויפגעכאַפּט האָט זיך פאַלק אַרום האַלבען טאָג. ער האָט ניט געקענט אויפהויבען דעם קאָפּ פון קישען. שווער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסען איז געווען די קאָפּ, און אין די אויגען האָבען געשפּרונגען פונקען פון אַלערליי קאָלירען.

ער האָט זיך ענדליך אויפגעהויבען און האָט גענומען קלערען, אָבער נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך...

אין זיין מאַרך האָט זיך גערודערט אַ מין שרעקליכער גע־דאַנק: ער מוז געהן זאָגען עטוואָס צו מאַריט.

וואָס ?

ער האָט ניט געוואוסט.

אָבער עטוואָס איז געווען, — און ער האָט געמוזט געהן צו איהר און זאָגען דיזען „עטוואָס".

מיט גרויס מיה האָט ער זיך ענדליך אויפגעהויבען פון בעט.

ער מוז אונבעדינגט זאָגען איהר עטוואָס.

וואהרשיינליך איז עס בלויז דער פּראָדוקט פון א קראנקער פאַנטאזיע, — האָט ער אַ קלעהר געטהאָן אין א וויילע ארום; נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, מוז ער פאָרט אונבעדינגט געהן צו מאַריט.

ער איז אויפגעשטאַנען, דערנאָך צוריק געזעצט זיך. אראָפּ־געשטעלט די פיס; די קאַלטע פּאָדלאָגע האָט איהם עטוואָס ער־פרישט.

אך, ווי אַנגענעהם דאָס איז!

בלויז א ביסעלע פרישע לופט, — און ער וועט אין גאַנצען צו זיך קומען. אָבער וויפיעל קען איצט זיין דער זייגער?

א קוק געגעבען אויף'ן זייגער.

— שוין אזוי שפּעט, אזוי שפּעט, — אויף'ן גאס מוז זיין זעהר פריש. איז ווירקליך נעכטען געווען אזא שטורם? אָדער איז עס אפשר גאָר א חלום?

זיינע קליידער זיינען געלעגען אויף'ן פּאָדלאָגע אין א שמוצי־גען טייך וואסער. איהם האָט בעפאַלען א שטאַרקע אונרוהיגקייט; און מיט אַ מאָל זיך בערוהיגט.

זיין מוטער איז נאָך ניט געווען דאָ, אנדערש וואָלטען די זאַ־כען דאָ ניט געלעגען אזוי.

אויף'ן טיש איז געשטאַנען אַן אָנגעפאַנגענע פלאַש קאָניאַק.

ער איז אין גאַנצען צו זיך געקומען, און די כחות האָבען זיך איהם צוריקגעקעהרט. צוגעגאַנגען צום שאַנק, איבערגעביטען די אונטערקליידער, דערנאָך געשווינד זיך אָנגעטהאָן. ער האָט דער־פיהלט א צופלוס פון ענערגיע, און איז געוואָרען כמעט פרעהליך.

דערנאָך האָט ער זיך ווי א גנב אונטערגעגנב'עט צום שלאָף־צימער און האָט זיך צוגעהערט.

זיין מוטער איז דאָרט ניט געווען, זי איז איצט אַפּנים געווען אין קירכע. פּאָלק האָט טיעף אָבגעזיפצט און האָט מיט אַ מאָהל דערפיהלט אַ שאַרפען שטעכען אין האַרצען.

און איצט צו מאַריט... אַלץ זאָגען איהר... יאָ, זאָגען... אָבער וואָס? — אַך, דאָס וועל איך מיך אויפ'ן וועג אויך קענען דער־מאָהנען. נו, און דערנאָך וועל איך מיך שוין לעגען און וועל קע־נען קרענקען, אויב כ'וועל האָבען חשק דערצו.

ווען מאַריט האָט איהם דערזעהן האָט זי מיט שרעק אויפגע־שפּרונגען.

פּאָלק האָט מיט נויטה אַ שמייכעל געטהאָן.

— שרעק דיך ניט, דאָס איז גאָר ניט. שוין די גאַנצע וואָך האָב איך מיך געפיהלט קראַנק, און היינט ביי־נאַכט האָב איך מיך שטאַרק פערקיהלט... היינט ביינאַכט האָבען מיך בעפאַלען היץ־קריינק ספּאַזמען, — כאַ, כאַ, ניט ביינאַכט, נאָר אין דער פריה... אייגענטליך וואָלט איך איצט בעדאַרפט בלייבען אין הויז. נאָר כ'ווייס ניט וואָס מיך האָט געצוואונגען צו קומען איצט אהער צו דיר. — כ'ווייס ניט צו וואָס. נאָר אַביסעל קאָניאַק גיב מיר...

און אין איין זופּ האָט ער אויסגעטרונקען אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל.

— אויפגעשטאַנען בין איך היינט מיט גרויס מיה. נאָר ווען איך וואָלט אפילו געלעגען אויפ'ן טויטען־בעט וואָלט איך דאָך גע־קומען צו דיר...

מיט אַ מאָהל האָט זיך אין זיין מאַרך אַלץ איבערגעפּלאָנטערט, און ער האָט אָנגעפאַנגען רעדען פון היץ, רעדען זינלאָז, און באַלד ווידער געקומען צו זיך.

מאַריט האָט געקוקט אויף איהם אַלץ מיט גרעסערען שרעק.

— כאַ, כאַ, כאַ, וואָס קוקסט אויף מיר אַזוי? וואָס פאַר אַ שרעקליכע בעשעפּעניס איז עס יענע חיה, וועלכער עס איז איינ־געפאַלען עפּעס אַ פּראָפעסאָר אָנצורופען אויבער־מענש... אויבער־מענש! אַי ראַטעווע מיך, מאַריט, ווען ניט וועל איך נאָך שטאַר־בען פון לאַכען... נאָר יעדענפאַלס איז דיעזער אויבער־מענש — אַ מערקווירדיגער מאַניאַק...

הער אויס, איך כאפ זיך אויף פון שלאף, און ווייס קיין זאך ניט וואס מיר האט זיך גע'חלומ'ט, ווענן וואס מיין נשמה האט געטרוימט פאר די לעצטע עטליכע שעה. כ'געדענק בלויז די שלי־סע, וועלכע מיין מעטאפיזישע נשמה — כע, כע, — האט געצויגען פון דיזע חלומות. און איין שלוס פון מיינעם א חלום, וועלכען איך געדענק ניט, איז, אז איך מוז קומען צו דיר אונטער אלע אומשטענ־דען. איך בין קראנק, מעגליך אפילו אז איך בין זעהר קראנק, אבער צו דיר האב איך געמוזט קומען.

זיינע קרעפטען האבען איהם ווידער פערלאזען.

ער האט געזעהן פאר זיך א פייער־זייל, א רויטען עמוד אש, וועלכער האט זיך געשפאלטען אויף זיעבען בליצען און האט דער־הרג'עט א ווייסע ריינע טייבעלע...

מאריט איז געשטאנען א פערצווייפעלטע.

— עריק, אין גאטעס ווילען, עריק, עריק! דו ביסט קראנק; געה צוריק אהיים — גאט מיינער, גאט מיינער, ווי שרעקליך דו קוקסט אויף מיר!

—ווארט אויס, מאריט, בלויז איין מינוט ווארט. דארט אויפ'ן וועג ליעגט א בוים. פון אויבען ביז אראפ איז ער צו־שפאלטען. איין העלפט זיינע איז אריבערגעשליידערט איבער'ן גרוב, די אנדערע איז געבליבען ליגען אין מיטען וועג. — איז ווען איך בין געגאנגען צו דיר — צו דיר — ניט אמת? כ'בין דאך ביי דיר? יא, איז וואס האב איך דיר געדארפט זאגען? צו וואס אייגענטליך בין איך געקומען?

— עריק, טהייערער, גוטער עריק. איך וועל דיך אבפיהרען אהיים, — דו ביסט דאך זעהר קראנק.

זי איז ארויסגעלאפען אויפ'ן וועראנדא און האט געהייסען שפאנען פערד.

אבער וואס האט ער איהר געדארפט זאגען? געדארפט זא־גען איהר? טייבעלע... בליץ... איהר פאטער'ס הויז, חלומות... לעבען־צושטערונג... — אהא, צושטערען, אומברייננען!

א מין ווילדע בעסטיאלישע פרייד האט אנגעפילט זיין מארך. איהם האט בעפאלען א גרויזאמע, ווילדע דורשט צו צושטערען.

אלץ, וואָס אַרום איהם, האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען אַזוי מאָדנע טאַנצען און שפּרינגען פאַר די אויגען. מאַריט איז געשטאַנען פאַר איהם אָנגעטהאָן אין הוט און מאַנטעל פערטיג צו פאָהרען. זי איז געוועזען שטאַרק דערשראָקען.

— קום, עריק, טהייערער מיינער, מיין איינציגער עריק, קום, קום...

זי האָט געקושט זיינע אויגען.

— נאָך, נאָך אַ מאָהל... קוש, קוש... — האָט ער געבעטען ווי אַ קינד.

— און איצט קום, קום, — האָט מאַריט געבעטען, אַראָפּלאָזענדיג זיך אויף די קניע און קושענדיג זיינע הענד.

— טהייערער מאַן מיינער, — האָט זי מיט ליעבשאַפט געשמייכעלט צו איהם. קום, מאַן מיינער...

ער איז מיט אַ מאָהל אויפגעשפּרונגען.

— מאַריט! האָב איך, הייסט עס, נאָך ניט געזאָגט דיר? איך קען דאָך ניט זיין דיין מאַן, ווייל איך בין שוין אַ פערהייראַטער. מיין פרוי איז אין פּאַריז, דאָס איז די מאַדאַם פעריע... דו גלויבסט ניט? אָט וועל איך דיר באַלד צייגען אונזער הייראַטהס-קאָנטראַקט... און ער האָט גענומען נערוועז זוכען אין די קעשענעס.

ער איז אַ ביסעל צו זיך געקומען און געצוואונגען אַ שמייכעל געטהאָן.

— גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ שוואַרצע גריבער איך זעה אויף דיין געזיכט — דו קוקסט אויף מיר ווי אַ וואַמפּיר... אָה, קוק ניט אויף מיר אַזוי, קוק ניט...

איך געה שוין, כ'געה, כ'געה...

און ער איז אַרויסגעלאָפען ווי אַ פעררידקטער.

— ביטע, זעצט זיך אָט דאָ, איך וועל אייך אָפּפיהרען, — האָט זיך דער קוטשער העפליך געווענדעט צו פאַלק'ן.

— דאָ זיך זעצען? — אהא! דאָ...

פאַלק האָט זיך געזעצט אין עקיפּאַזש.

— אָבער וואו איז מיין הוט? מיין הוט האָב איך ניט... —

פאלק האט געהאלטען זיין הוט אין האנד. — מערקווירדיג, ווי אזוי האב איך עס פערלארען מיין הוט...

מאריט איז געזעסען אין צימער א פערשטיינערטע, כמעט בע־וואוסטלאז.

איצט איז ער אוועקגעפאהרען א היים... אוועקגעפאהרען? ניין, ניין! אך, ווירקליך אוועקגעפאהרען...

קיין איינציגער געדאנק אין קאפ. אלזא, איז זי, הייסט עס, געשטארבען. — ניין! דאס איז געוועז בלויז א חלום... אך, ניין! אלץ, וואס ער האט איצט געזאגט, איז ניט קיין חלום, דער ריינער אמת איז עס.

און וויעדער האט זי דערזעהן פאלק'ס געזיכט מיט דעם טייפעלשען אויסדרוק פון שפאט; ווי ער האט זיך אין איהר איינגע־זויגען מיט די אויגען פון א וואמפיר. —

— בייזער ליגנער!... — האט איהר נשמה אויסגערופען — ליגנער!

ענדליך האט ער געזאגט דעם אמת. כמעט א גאנצע שעה איז זי אזוי געזעסען.

ער איז אלזא פערהייראט...

— פערהייראט... — האט זי איבערגערעדט קאלט און טרו־קען. די גאנצע נשמה איהרע איז געוועזן ווי פערגאסען מיט אייז, אלץ אין איהר האט זיך געקארטשעט, געדרעהט זיך, יעדע ווארימ־קייט איז פערשוואונדען פון איהר קערפער. איהר גאנצער מארך איז בעשטאנען פון איין געדאנק בלויז — פערהייראט.

אין קאפ האט זיך אלעס געפלאנטערט.

מיט א מאל איז זי אויפגעשפרונגען.

גאט מיינער, ווי קאן מען עס זיצען אזוי לאנג אין הוט און מאנטעל! זי האט זיך געשטעלט פאר'ן שפיגעל.

זי קאן דאך ניט געהן מיט'ן הוט אין קיך אריין — און געהן אהין איז שוין לאנג צייט — דארט ווארט מען שוין אודאי אויף איהר.

זי האט געצוואונגען א שמייכעל געטהאן; איז אוועק אין קיך אריין; דארט האט מען זיך געקליבען ברויט באקען. זי האט

געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען נויטיג. אונגעוועהנליך טהעטיג איז זי געווען יענעם טאָג.

דערנאָך איז זי אַוועק צוריק אין איהר צימער. איבער'ן זאָפע איז געהאַנגען אַ בילד אין גאַנצען צונויפגעשטעלט פון אַלערליי פאַרביגע בוכשטאַבען אין וויזאַנטישען סטייל. דאָס איז געווען די תפילה: „פאָטער הייליגער"... זי האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין דיזען בילד.

— וואָס פאַר אַ מיאוס'ען שלאַנג זי זעהט אין'ם אות מעם. האָט איבערגעלעזען: און פאַרגיב אונז די זינד אונזערע...

ניין, ניין, — ווארט אויס, מאַריט...

האָט זיך געזעצט אויף אַ שטוהל.

— יאָ, דאָס איז ניט קיין חלום! אָט דאָרט איז געזעסען פאַלק.

און דערנאָך וואָס האָט ער געזאָגט?

— איך האָב אַ ווייב! — האָט עטוואָס אויסגעשריען אין איהרע אויערען.

אַך, יאַ! פערהייראַט צו מאַדאַם פעריע...

צוגעגאַנגען צום פענסטער און גענומען קוקען אין גאָרטען אריין.

ווי לאַנג עס ציהט זיך דיזער טאָג! און דאָס איז גאַנץ פערשטענדליך: דער 24־טער יולי איז דאָך דער לענגסטער פון אַלע טעג.

זי האָט אַ קוק געגעבען אויפן' זייגער. פינף נאָכמיטאָג.

באַלד וועט איהר ברודער קומען פון גימנאַזיע... מען דאַרף איהם צוגרייטען עטוואָס צו עסען.

אין הויף איז אריינגעפאָהרען אַן עקיפּאַזש.

— מאַריט, מאַריט, הערר פאַלק איז זעהר קראַנק — האָט דערצעהלט איהר קליינינקער ברודעריל מיט גרויס אויפרעגונג. — ווען מאַצעי האָט איהם געבראַכט אהיים, האָט מען איהם אויף די הענד געמוזט ארויסטראָגען פון עקיפּאַזש, — זיין מוטער האָט געוויינט, דערנאָך איז געקומען דער דאָקטאָר.

— יאַ? איז ער, אַלזאָ, ווירקליך קראַנק?

מאריט האָט געוואָלט דערצעהלען איהר קליינעם ברודער, אַז פאלק איז פערהייראַט, נאָר זי האָט זיך אָבגעהאַלטען.

איצט וועט צום מאַן קומען צופאָהרען זיין פרוי — חא — חא — די פרוי זיינע וועט ווידער געהן אַרום איהר קראַנקען מאַן, וועל־כער האָט זיך פער'סמ'ט מיט ניקאָטין — מיט געדולד פון אַ מלאך וועט זי אַריבערטראָגען אַלע זיינע קאַפּריזען... יאָ, יאָ...

זי האָט אָנגעקלונגען...

האָט געבעטען מען זאָל איהר ניט שטערען, ווייל זי איז זעהר מיעד און וועט זיך לעגען שלאָפען.

פאלק איז זעהר קראַנק... מען האָט איהם געמוזט אויף די הענד אַרויסטראָגען פון עקיפּאַזש, — די מוטער האָט געוויינט...

מאריט האָט האַסטיג געשפּאַנט איבער'ן צימער.

מען מוז געהן צו איהם — טאָקי שוין די מינוט... פאלק קאָן שטאַרבען. איהר קאָפּ האָט זיך ווי געשפּאָלטען פון אויפרעגונג; מיטביידע הענד האָט זי איהם אַרומגעכאַפּט.

— פערהייראַט, פערהייראַט! — האָט געקלונגען אין איהרע אויערען.

— כ'וועל דיר געבען אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, — קיינמאָל וועל איך דיך שוין ניט פערלאָזען...

פיינליכע שלוכצען האָבען געשטיקט איהר האַלז.

— גאָט מיינער! גאָט מיינער! ווי בייז ער האָט געלייגט.

אַזאַ שאַנד און צאָרן האָט איהר בעפאַלען, עפּעס ווי אָט־אָט — און יעדער אָדער אין קאָפּ וועט פּלאַצען.

נו, טו וואָס פאַרט האָט געטראָפען? און צו האָט עס דען ווירקליך געטראָפען? אך, יאָ, יאָ...

זי האָט געפיהלט, ווי ער וויעגט איהר אויף זיינע הענד. איהר האָבען געבריהט זיינע ליידענשאַפטליכע ווילדע קושען. אַ קאָנ־וואולסיוועער ציטער איז דורכגעלאָפען איבער איהר קערפּער פון'ם פייער פון דיזע קושען.

זי האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אויפ'ן בעט — דעם קאָפּ איינ־געגראָבען אין די קישען.

אך! מיט די אייגענע נעגעל א קבר זיך איצט אויסגראבען!
אה, וואס פאר א שאנדע! וואס פאר א שמאך!

ס'איז טונקעל געווארען.

ווייט הינטער'ן טייך איבער'ן וואלד האט זיך געלאשען די זון.

מאריט האט זיך צוגעהערט.

דאס קנאקען פון אאיסט'ס שנאבעל האט זיך געהערט, עס האבען געלאכט פויער־מיידלאך, וואס האבען געגראבען קארטאפעל אין גארטען.

אהא! דאס איז איהר ברודער...

ענדליך איז זי איינגעשלאפען.

ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען שפעט ביינאכט.

זי האט זיך צוגעזעצט ביים עק בעט און האט זיך פערטראכט. אבער די געדאנקען זיינען עפעס ווי צולאפען זיך, און זי האט מע־כאניש געקוקט אין דער פינסטערניש, וואס האט אנגעפילט דעם צימער.

זי איז פערפלוכט! גאט האט איהר אבגעשטויסען פון זיך! איצט איז שוין אלץ איינס!

זי האט גענומען קלערען, אויב עס איז דא אזא זאך, צו וועל־כער זי וואלט ניט געווען גלייכגילטיג.

ניין, אלעס איז אזוי דום, אזוי גראה.

פאלק איז קראנק, — אבער פאלק האט איהר אבגענארט, ליעגען איהר געזאגט... ער האט איהר פערשפראכען גרויס גליק, און אליין איז ער גאר פערהייראט. איצט וועט קומען זיין ווייב און וועט אנהויבען געהן ארום איהם; און מאריט איז פערפלוכט, פערפלוכט... איצט ווען זי זאל קומען צו איהם, וואלט איהר זיין פרוי ארויסגעטריבען, ווי א הונט... און ווי א קראנקער הונט וועט זי ליגען איינגעקארטשעט לעבען זיין שוועל... אבער צו האט זי דען א רעכט אנצוטשעפען זיך אן איהם?

אך, ניין! ניין! קיין זאך איז פאר איהר ניט געבליבען, ניט אין לעבען, און ניט אין גאט'ס וועלט.

אלעס פערפאלען. ניטא קיין פאטער, ניטא קיין מוטער; קיין

גאָט אויך ניטאָ, — אזוי, וועניגסטענס, האָט איהר פאלק געזאָגט — און הפנים, אז עס איז טאַקי אזוי, ווייל גאָט וואָלט ניט געקאָנט אזוי מאטערען אן אונשולדיגען מענשען...

ענדליך איז זי אויפגעשפרונגען, האָט זיך געשטעלט פאר'ן שפיעגעל, צורעכט געמאכט איהרע האָר.

— גאָט מיינער, ווי שלעכט איך זעה אויס...

יא, אויסגעבלייכט — אויסגעבלייכט.

אָבער וואס קימערט עס איהר איצט.

די גאנצע הויז איז ווי אויסגעשטארבען. שפעט ביי־נאכט.

— דיזעס גליק, ענדלאָזעס גליק — האָט ער מיר געגעבען, ער האָט געגעבען...

זי האָט גענומען איהר הוט און איז אוועק צום טייך.

זיך געזעצט אויפ'ן שטיין. „האלב־אינזעל פון גוטע האָפע־נונג", פלעגט זי דיזען שטיין רופען, ווען יעדען טאָג פלעגט זי דאָ ווארטען אויף פאלק'ן. ביים צווייטען ברעג טייך איז געשטא־נען א קליין פישער־שטיבעל. פון דאָרט האָט זיך געזעהן א פייעריל, און א קליין פייער־פינטעלע האָט צושיקט זיינע שטראהלען אי־בער דער שווארצער פלאכע פון טייך.

זי האָט געקוקט אויפ'ן לאנגען זיך־ציהענדען דינעם ליכט־שטראהל, און אויף דער שווארצער טיעפקייט פון טייך.

אין דיזען אָבגרונד איז פאר־א־יאהרען דערטרונקען געווארען א פויער מיט פערד...

אָבער וואס געהט עס איהר אָן? זי איז די איינזאמסטע; קיינער, קיינער האָט איהר ניט ליעב. זי איז ווי א הונט, וועל־כען מען האָט ארויסגעטריבען פון הויף, אין א רעגען, אין א שטורם.

איצט וועט קומען זיין ווייב, וועט איהם צונעהמען אהיים מיט זיך, — און איך וועל בלייבען אליין, איינע, א י י נ ע אליין!...

אָה, ניין, ניין — גענוג דיעזען פיין...

די ענדע איז נאָהענט.

מיט א מאָל האָט איהר בעפאלען א שרעקליכע אונרוהיגקייט.

זי האָט גענומען האסטיג אויפשפיעלען איהר קלייד.

אין איהר מאָרך האָט א ברען געגעבען א שרעקליכער געַ־

דאַנק:

די וועלט געהט אונטער! אלץ געהט אונטער! אַ פערפּליי־צונג! אַ פערפליצונג!

זי האָט גענומען לויפען. — דאָרט אין יענער אַבגרונד! — יענער אַבגרונד...

זי איז געלאָפען... אין קאָפּ האָט גערוישט און געקלונגען. מעהר קיין זאַך ניט געהערט, ניט געזעהן...

— אָט דאָ, דאָ איז עס...

— ניין, נאָך איין קליינינקען קערעווע, — אָט דאָ, דאָ...

— לעבען! אַבגרונד... אַך, דאָס איז גליק...

האָט זי געשריען, און געראַנגעלט זיך מיט'ן שטראָם.

.13

אין אַ וואָך אַרום האָט זיך צו פּאַלק'ן צוריקגעקעהרט זיין בעוואוסטזיין.

ביי זיין בעט איז געזעסען זיין פרוי און געשלאָפען.

איהם האָט דיעזעס אויף איין האָר ניט געוואונדערט.

אויפמערקזאם זיך איינגעקוקט אין איהר. יא, דאָס איז זי...

דערנאָך צוריק זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן קישען און פערמאַכט די אויגען.

איצט איז שוין אַלעס גוט.

מיט אַ מאָל האָט ער דערזעהן דעם רויטען פייערדיגען זייל, וועלכער האָט זיך צוטהיילט אויף זיבען בליצען...

מאָריט איז שוין אודאי ניטאָ צווישען די לעבעדיגע...

און איינגעשלאָפען...